STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07694

KARUSEL

M. J. Chaimowitz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קאַרוסעל

דערציילונגען

אימאויטש

ניו-יאָרק, 1946

Copyright 1946

by

M. J. CHAIMOWITZ

New York, N. Y.

Printed in U.S.A.

266

אינהאַלט:

שטיל לעבן 7

קאַרוסעל 70

ראָמאַן אין גאַרמענט סענטער 94

אין יענע נעכט 113

PIETA 146

PASSING SHOW 160

אין זומער אָוונטן 185

זומער פאַרנאַכט, אָוונט 196

PASSING SHOW 209

מ. י. חײמאָװיטש

שטיל־לעבן

1.

דער אויטאָר שטעלט פאָר זיינע פאַרשוינען

שוין דער צונאָמען לעווענסאָן האָט אין זיך טיף געוואָרצלט די זריעה פון קליינבירגערלאַכקייט, — ווייל איינער, וועמעס ערשטער נאָמען איז חיים, דער צווייטער לעווענסאָן, קאָן ניט זיין אויסגעלאָסן, אָדער בלאָזע. אַזוי אויך וואָלטן אַלע געדענקט, ווען ס׳וואָלט זיי אויסגעקומען האָבן צו טאָן מיטן חשוב׳ן דאָקטאָר.

דאָקטאָר?

וואָס פאַרא דאָקטאָר ער איז געווען האָט קיינער אויף זיכער ניט געוואוסט, און, ווי ס׳ווייזט אויס, ניט געוואָלט וויסן אויך, — וואָרים נאָך אַלעמען וואָס איז דער חילוק? מען האָט אים אַזוי געטיטלט, און דאָס איז גענוג!

דערביי מוז דער אמת געזאָגט ווערן, אַז דער טיטל דאָקטאָר האָט אים זייער גוט געפּאַסט: — וואָרים ס׳זיינען דאָ אַזוינע, אויב זיי וואָלטן ניט געווען קיין דאָקטוירים, ווייסט איין גאָט נאָר, וואָס זיי וואָלטן געווען! און ער, חיים לעווענסאָן, האָט מיט חשיבות געטראָגן אָט דעם טיטל.

אין אויסזען איז ער געווען ענלאַך צו יענע, וואָס פלעגן אַמאָל, פאָר די מלחמה יאָרן, קומען צו אונזער ברעג פון דער שווייץ. גע־רעדט האָט ער געלאָסן און מיט אַ געוויסער ווערדע, און ווי אַ חזן אָפּט געלאָזט פילן האַלז און קול. שטעלנווייז, דערהויפּט, ווען ער איז געווען אין שטימונג, פלעגט זיין שמועס, אינטעליגענט אָן און פאָר זיך, זיין באַשפּרינקלט מיט לעבנס־אמת׳ן אין גייסט פון שילער און געטהע: אַזוינע האַלבע און גאַנצע אַפאָריזמען, וואָס וואָלטן מיט שטאָלץ געקאָנט באַצירן, אין גאָטישער שריפט, די ווענט פון די אַנשטענדיקסטע ביר־סאַלאָנען און פרומסטע וועגעטאַריאַנישע רעס־טאָראַנען. אין זיין אידיש לשון, ווען ער איז געווען אַביסל אויפגערעגט, אָדער ניט אויף דער וואָך, פלעגן זיך אָפּט אַריינ־

גנב׳ענען גאַנצע לאַטעס שווייצאַרישער, אָדער גאַליציאַנער דייטש, כאַטש, ווי ס׳איז געווען באַקאַנט, האָט ער געשטאַמט פון טיף ליטע.

אָנגעטאָן איז ער געווען ,אַפילו אין די מערסטע וואָכעדיקע טעג אין אַ וויזיטקע, מיט ווייט אויף הינטער פאַרשניטענע פאָלעס, מיט באַזונדער געשטרייפטע הויזן. אין יום־טוב׳דיקע טעג און נעכט, האָט אַ שיינענדיקער צילינדערהוט, אין אַ זייער אַנשטענדיקן אופן, אַביסל מלמד׳יש געררוט אויף זיין גוט געפורעמטן קאָפּ.

זיין פיין געמאָדעלירטע נאָז איז תמיד געווען באַריטן פון אַ פּאָר גאָלדענע פינס־נע, דורך וועלכע ער האָט אויף אַלץ און אַלעמען געקוקט אָן וואָסערן ס׳איז אַנטייל און ליידנשאַפטלאָזקייט: געקוקט, ווייל מען מוז דאָך, נאָך אַלעמען, פאַרט אויף וואָס קוקן. אין גרונט גענומען איז ער געווען אַ האַרציק פרידלאָכער מענטש: מיט אַלעמען געשטימט, זיך קיינמאָל ניט געשפּאַרט. געווען, ווי ס׳האָט פון אויבנ־אויף אויסגעזען, נאָכגעביק: ווילסט אַזוי, זאָל זיין אַזוי. — וואָס איז דער אונטערשייד?

אַזוינע מענטשן זיינען אַ ברכה פאַר די באַוואוינער פון אונזער פלאַנעט. זיינען ,ווי צוגעשניטן צו זיין גוטע שול־מיטגלידער, גע־טרייע פאַמיליען־פאַטערס, געוואונטשטע פרעזידענטן, וואו ס׳זאָל זיך ניט מאַכן. קיינער האָט אויף זיי קיין תרעומות ניט. זייבען פון דער נאַטור שטילע, מילדע בירגער. טוען וואָס מען באַדאַרף טאָן: וועלן זיכער קיינעם ניט אַרויפטרעטן אויף די הינעראויגן אין אַ רעגנדיקן טאָג.

אָבער פונקט ווי אַלץ אין אונזער וועלט: איז קיינמאָל ניט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, איז ער קיין פאַמיליען מאַן ניט געווען און אויך ניט קיין פרעזידענט. און מיט אַלע גוטע מעלות, איז ער געווען נאָך אַלעמען ניט מער ווי אַ מלמד אין אַ האַלב יהוד׳ישער תלמוד־תורה ערגעץ אין די „הייטס״, און אין דער ליידיקער צייט געשריבן לירישע שירים אין העברעאיש און אָפּהאַנדלונגען וועגן לעבן און טויט אויף אידיש און אַמאָל אויך אויף דייטש.

די איינציקע בולט׳ע סתירה אין זיין גייסטיקן צוזאַמענשטעל איז געווען דאָס, וואָס ער איז אויף זיין שטייגער געווען אַ פייערדיקער קאָמוניסט: — אַ סתירה ,פאַר וועלכער ער איז ניט ווינציק גע־טאַדלט געוואָרן פון זיינע חברים די מלמדים, — אַלע אַזוינע טיפּישע פיליסטער .אָבער ער, דר. חיים לעווענסאָן, האָט ווינציק וואָס זיך

געקימערט. ער האָט עס פילאָזאָפיש געקאָנט פאַרשטיין, און האָט מיט זיי כמעט ניט געהאַט קיין עסקים. ער אַליין האָט גאָר ליב געהאַט זיך צו מישן אין האַלב קינסטלערישן באָהעמאַ־קרייז פון קאַפע־הויז.

דער קרייז, אין וועלכן ער האָט אָוועקגע׳בטל׳ט אַ סך פון זיין ליידיקער צייט, איז באַשטאַנען פון טיפּיש קאַפע־הויז באַזוכער. דאָס רוב אַזוינע, וועמענס אינטערעסן שטויסן זיך קיינמאָל ניט אָן איינע אָן די אַנדערע, און וועמענס באַציאונגען זיינען מערסטנס פון אַלגע־מיינעם כאַראַקטער: — אָן דעם מינדסטענעם שעטנז פון פערזענ־לאַכעס. און אויך אַזוינע, וואָס טראָגן עפּעס אַן אומצופרידנקייט און נאָגעניש אין זייערע הערצער. די מער קאָנטיקע זיינען געווען: דער מאַלער גאָרדאָן, דער דיכטער שלום גרינשטיין, סעם דער טעאַ־טער מענטש, הערמאַן דער מוזיק ליבהאָבער און עדי ראָזען דער פראָנט.

דער מאַלער גאָרדאָן, וואָלט זיך מיט רעכט געקאָנט ציילן צו די ווינציק פאַרבליבענע פון דער אָריגינעלער אָנרי מורזשעס באָהעמאַ־געזינט: אַ מאַרסע צו צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אָן יענעמס הומאָר. און כאָטש אין אַלע פּרטים איז ער געווען אולטראַ־מאָדערן, האָט ער דאָך אין גייסט באַלאַנגט צו דער אַלטער, טרייער באָהעמאַ פון די פערציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

אַ לולקע, אַ שטענדיקער עדות פון זיינע טשיקאַווע אידייען אין דער מאַלעריי, האָט קיינמאָל ניט פאַרלאָזן זיין שטילשווייגנדיק מויל. אַ לוסטיק פלאַטערנדיקער ווינדזאָר שניפּס, האָט מיט גוטער כונה באַהאַלטן דעם פראָנט פון זיין העמד, ווי אויך פאַרדעקט דאָס, וואָס האָט געאָטעמט מיט פיינעם ראָמאַנטיזם און דערהויבנקייט אין זיין ברייטער ברוסט. אַ קאָפּ פול קאַפּריזנע, קאַשטאַנעווע האָר, איז גוט געוואָקסן אויף זיין אַטלעטישער פיגור, וואָס איז שטענדיק געווען אָנגעטאָן אין אַ נאָרפאָלק גאַרניטור פון ספק׳דיקן ברוין.

דער מאַלער איז פאַר אַלע באַקאַנטע געווען אַ רעטעניש: פון וואַנען ציט ער זיין חיונה? ווי אַזוי לעבט ער זיך דורך? אַלע האָבן געוואוסט אַז ער פאַרקויפט קיין בילדער ניט, און אַז ער האָט ניט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, און דאָך האָט מען עס פון זיין געזיכט און האַלטונג ניט געקאָנט אַראָפּלייענען: תמיד שטייף, שטריינג. פון זיין מאַטעריעלער לאַגע קיין פּיפּס. אין אַנטייל־נעמען אין טיש־געשפּרעכן וואו ניט וואו אַ וואָרט. וועגן מאַלער און מאַ־

לעריי, האָט אין אין גאַנצן אויסגעמיטן צו רעדן. די גרעסטע און אומגעריכטסטע באַמערקונג, וואָס ער האָט ווען ס׳איז אַרויסגעלאָזן איז געווען, ווען ס׳איז אויסגעקומען צו רייד וועגן אַן אויסשטעלונג פון רענוא און סעזאַן. ער האָט אין יענער נאַכט, ווען ער איז פּראָוואָצירט געוואָרן פון דאָקטאָר אַרויסגעזאָגט: רענוא איז אַ גרויסער מאָלער. סעזאַן — אַ גרויסער קינסטלער. און וואָס אַלע האָבן זיך דערנאָך צעמאַטערט אַרויסצוקריגן פון אים אַ מער קלערערע דערקלערונג וועגן דאָס אַרויסגעזאָגטע, — ס׳האָט ניט געהאָלפן.

שלום גרינשטיין, דער דיכטער, האָט אָפט געהאַט אַ פּנים אין דעם קרייז, ווי איינער, וואָס איז אַרויסגענומען געוואָרן פון אַן אַנדער צייט און לעבן און אַריינגעשטעלט געוואָרן אין מיטן נאַכט אין אַ ניו-יאָרקער קאַפע-הויז. ער, מיט זיין שאַרף אונטערגעשטראָכענער יום-טוב׳דיגקייט און רואיגקייט, האָט זיכער באַלאַנגט צו דער שילערשער פּעריאָדע, וואו אַלע תאוות, געפילן זיינען געשפּונען געוואָרן פון פרומע זונענשטראַלן: פּעדואַל, הומאַניש און גרויס-ריטעריש. קיין סימן פון אַלטאָגס טאַן. זיינע לידער זיינען געווען ווייט פון דעם דעמאָקראַטישן מאַרקטומל: אַלץ אַזוי זיס, אַזוי ריין און דערהויבן. ער אַליין איז תמיד געווען אין געהויבענער שטימונג, און אַלע מאָל געקוקט פאַר זיך מיט דער רואיקסטער מאַסקע און געוויכערט מיט אַזאַ געמיטלאַכקייט, פּונקט ווי די גאַנצע וועלט וואָלט איינגעשלאָפן אונטער דער ווירקונג פון אַ קילבלאַזנדיקן ווינטל.

זיין פּערזענלאַך לעבן האָט אויסגעזען צו זיין גוט איינגעאָרדנט. ער איז געווען אַן אַרבעטער און האָט גוט פאַרדינט, געשפּאָרט געלט און איז געווען קאַרג און האַרט. ער האָט געהאַט זייער אַן אויפפאַל-דיקן אויסזען. זיין הילוך מיטן הויכן שטערן, פון וועלכן די האָר האָבן אָפּגעצויגן אויף הינטער און געבליבן איינגעגעסן שטעקן אַרום פּאַטילניצע, ווי אַמאָל ביים גוטן וויליאַם דזשעניגס ברייען, האָט שטענדיק געצויגן אויף זיך די אויגן פון פאַרבייגייער. זיין פיגור פלומפּ, פיין געקיילעכדיקט, האָט זיך אומעטום מיט ווערדע באַוועגט, באַגלייט פון אַ שווערן, קינסטלעריש געשניצטן שטעקן.

סעם דער טעאַטער מענטש איז געווען אַ גוטמוטיקער פּשוט׳ער יונג, וואָס האָט געצויגן זיין פּרנסה פון טעאַטער. ער האָט קיין באַ-שטימטע אַרבעט ניט געהאַט. ער האָט אַלץ געטאַן: געווען אַ פּובלי-

סיטי־מאַן ביז אַ טיר־מאַן, און ניט ווי די מערסטע, וואָס הענגען אַרום דעם אַנשטאַלט ,איז ער געווען אויף זיין שטייגער אויפריכטיק און אָרנטלאַך. אָפּטמאָל אַביסל אויסגעשפּראָכן, אָבער קיין סימן פון וואולגאַרן ציניזם. פאַרקערט, ער האָט תמיד געקאָנט מיט דרך־ארץ אָפּשאַצן די רייד און מעשים פון די, פון וועמען ער האָט געהאַלטן. ער איז שטענדיק געווען נייגעריק זיך איינצוהערן, וואָס ס׳ווערט גערעדט נאָך האַלבער נאַכט ביים טישל פון קאַפע־הויז. ער איז אַלעמאָל געווען גרייט אַ טובה צו טאָן אַן אייגענעם מענטשן.

הערמאַן איז ביי אַלעמען געווען באַקאַנט מיטן צונאָמען "מוזיק־ליבהאָבער", ווי אַן אַנדערער מיט זיין פּראָפעסיע, און וועגן דעם טאַקע האָט איינמאָל עדי ראָזען דער פּראַנט באַמערקט, אַז הערמאַנ׳ס טיטל „מוזיק־ליבהאָבער" קאָן אים אַמאָל זייער גוט צונוץ קומען צום ביישפּיל: אַ שידוך.

הערמאַן איז געווען אַ קליין מענטשל אַרום די פערציקער, געבענטשט מיט אַ גוט אַנטוויקלטן אויער פאַר מוזיק. אין די שיינע אָוונטן פון די סטאַדיום־קאָנצערטן, ביי די מער וויכטיקערע, פלעגן אים די באַקאַנטע באַגעגענען מיט אַ פאַרפּאַטור אונטערן אָרעם אין דעם אָוונט פון געשפּילטער סימפאָניע. די גאַנצע צייט פון קאָנצערט פלעגט ער זיין זייער ערנסט ,שטייף נויגן דעם קאָפּ צו די גוט באַקאַנטע, — און אין יענער נאַכט האָט ער קיין וואָרט ניט גערעדט וועגן מוזיק.

עדי ראָזען, אַ גוט אויסזעענדיקער, נעט געקליידעטער יונגער־מאַן ,איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט אַריינגעבראַכט אַביסל פאַרב אין גרויען געוועב פון די איבעריקע. אַזוי ווי די מערסטע גע־שפּרעכן אַרום טישל האָבן זיך געדרייט אַרום וועלט פּאָליטיק, רעכטע און לינקע, ראַסן פּראַגן, רוסלאַנד און קאָמוניזם, איז ער געווען דער, וואָס פלעגט אָפט אַריינברענגען אַביסל נבול־פּה אין נאָך האַלב־נאַכטיקן שמועס וועגן געשלעכט. ער פלעגט דערציילן אַזוינע פעפערדיקע מעשיות און גליקן. זייער אָפט איז צום סוף אויסגעקומען, אַז ס׳איז אויף דער וועלט מער קיין פרוי ניט פאַרבליבן, מיט וועלכער ער זאָל ניט האָבן געהאַט קיין אינטימע באַציאונגען.

און דאָס זיינען געווען די, וואָס פלעגן נאַכט־איין־נאַכט פאַרבלייבן ביים טישל אום דורכצולופטערן אַלע פּראַגן פון טאָג און צייט. צווישן זיי האָט זיך אויסגעאַרבעט אַזאַ נאָענטקייט און גוטברודער־

שאַפט, וואָס האָט זיי געמאַכט פאַר מיטגלידער פון איין פאַרבאַנד, כאָטש אין גרונט זיינען זייערע פּערזענלאַכע סימפּאַטיען און נייגונגען געלאָפן גאַנץ אָפּט אין קעגנזייטיקע ריכטונגען. צום ביישפּיל, האָט קיינער פון זיי ניט געקאָנט גוט פאַרדייען דעם דאָקטאָר׳ס קאָמוניזם, און דאָך האָבן זיי תמיד פאַרזען דאָס, וואָס וואָלט געגעבן אַ געלעגנהייט אַריינצופאַלן אין אַן אומגעווינטשטער דיסקוסיע.

— איר מעגט אייך זאָגן וואָס איר ווילט, — האָט סעם דער טעאַטער מענטש איינמאָל גערעדט, ווען דער דאָקטאָר איז גראָד ניט געווען, — כאָטש האַקט מיר אָפּ דעם קאָפּ, איך קאָן ניט פאַרשטיין ווי ס׳קומט צום דאָקטאָר צו זיין אַ קאָמוניסט ?... איך וויל ניט רעדן, איך בין אַ פּראָסטער מענטש... דער דאָקטאָר טאַקע איז אַ געלערנטער, אַ וואוילער מענטש, אַזאַ יאָר אויף מיר. כ׳האָב אים ליב ווי אַ ברודער... אָבער לאָמיר זיך ניט נאַרן, צווישן אונז גערעדט, — ער איז דאָך אַ יאַלד !..., ווי קאָן אַ יאַלד זיין אַ קאָמוניסט ? אים פּאַסט צו זיין אַ ציוניסט, אַ ראַביי ,— אָבער אַ קאָמוניסט ?...

און ער האָט געצויגן די אַקסלען אַן אייל די הויך.

דער פּאָעט ,שלום גרינשטיין, האָט אויף זיין שטייגער אויף דעם רעאַגירט :

— אייגנטלאַך זע איך ניט איין ווארום ניט ?... אַט איז דער לענין אויך געווען דאָס וואָס מיר רופן אַ יאַלד... אַ קאָמוניסט קאָן יעדערער זיין... איך זע ניט איין ווארום ניט ?...

עדי ראָזען, דער פּראַנט, איז אַרויפגעפאַלן אויף סעם דעם טעאַטער מענטש :

— זע נאַר, זע נאַר ווער ס׳רעדט וועגן יאַלדן .קוק אים נאַר אָן — אַ קושער !... דו ביסט דאָך אַליין דער גרעסטער יאַלד... דיך קאָן מען דאָך נאַרן פון אַלע זייטן...

— עדי, סטאָפּ ! — האָט זיך אַריינגעמישט הערמאַן דער מוזיקליבהאָבער. — האָסט שוין אָנגעהויבן ?

— לוק עט דהע קיסער ! — האָט זיך עדי דער פּראַנט אויף אים אַרויפגעוואָרפן, — זע נאַר... דיין מוזיקאַלישער אויער קאָן ס׳ניט פאַרטראָגן... כ׳בארע דיך אויך...

דער פּאָעט שלום גרינשטיין האָט זיך גערויטלט, געשמייכלט שוואַך און גערעדט צו עדי׳ן :

— ווי פּאַסט עס... זיי מאַכן צו וואולגאַרע באַמערקונגען...

ס׳איז דאָ פאַרזאַמלט אַ זייער אנשטענדיקע געזעלשאַפט: מאָלער, דיכטער, מוזיקער...

— זע נאָר, ביסט אויך אַ דיכטער?

און עדי האָט אויפן קול געלאַכט.

דאָס רוב פון דעם דאָקטאָר׳ס פריינט איז געווען מיט דער מיינונג, אַז דער דאָקטאָר האָט דערפאָלג ביי פרויען, ניט קוקנדיק אויפן פאַקט, וואָס ער איז קיינמאָל ניט אַנגרייפנדיק. אָבער די עלטערע, מער באַהאַוונטע האָבן געלאָזט פילן, אַז זיי וואָלטן זיך אַזאַ דערפאָלג קיינמאָל אין לעבן ניט געוואונטשן. אמת, אַז פילע פון די פרויען באַזוכער האָבן זיך שטענדיק צו אים גנעדיק באַצויגן, אים געהאַלטן פאַר זייער אַ נאָענטן, און זיך פאַר אים ניט געשעמט צו רעדן נבול־פה, און וואָלטן זיכער זיך ניט דערלאַנגט אַ כאַפּ מיט אַ קוויטש, ווען ער וואָלט זיי איבערראַשט אין דער סקאַנדאַליעזטער נעגליזשע, — אָבער, די זיינען געווען פרויען צו וועלכע דער דאָקטאָר האָט קיין באַציאונגען ניט געהאַט: — פרויען פלאַכע און לויז געוואָרענע.

— אויב אַ פרוי לאָזט ניט אַרויס אַ קוויטש, ווי אַן אָפּפאַרנדיקע שיף אַ פייף, און דערלאַנגט זיך ניט אַ כאַפּ פאַר די בריסטלאַך, ווען אַ מאַן איבערראַשט זי אין בעד־רום, איז אַז אַך־און־וויי צו יענעם מאַנסביל! — האָט מיט עקספּערט געוויסהייט אַרויסגעטראָגן זיין משפט עדי דער פראַנט, ווען מען האָט גערעדט ביים טיש וועגן דעם ענין.

דער פּאָעט שלום גרינשטיין, מיט זיין רואיקער, אומגעשטערטער האַלטונג, האָט וועגן דעם נאָר באַמערקט:

— מען קאָן אייגנטלאַך ניט וויסן. מעגלאַך יאָ און מעגלאַך ניט...

סעם דער טעאַטער מענטש, וואָס האָט קיינמאָל ניט געקאָנט פאַרשווייגן, ווען דעם דאָקטאָרס כבוד איז געמינערט געוואָרן, האָט אַרויסגעזאָגט:

— אַ ראיה ווי דריי מאָל גאָרנישט.

דער דאָקטאָר איז געווען אַ בחור און האָט וועגן ענין חתונה־האָבן געהאַט זיין אייגענע פילאָזאָפיע. ווי ס׳האָבן דאָס רוב יענע, וואָס געפינען זיך אין די פערציקער.

— אייניקע לייטע מוזן הייראַטן, ווען זיי דערגרייכן אַ געוויסן עלטער, — האָט דער דאָקטאָר ניט איינמאָל אַרויסגעמאַרשירט זיינע

געדאַנקען ,ווען ס׳איז געקומען צו רייד וועגן דעם ענין: — פאַר מאַנכע איז הייראַט אַ נויטווענדיגקייט, פאַר אייניקע אַ באַקוועמלאַכקייט, און גאָר פאַר פילע אַן אָפּגרונט.

זיך האָט ער צוגערעכנט צו די, פאַר וועמען „הייראַט" איז אַן „אָפּגרונט":

— ווי זאָגט מען: ליבע איז אַ גוטער חלום און די „הייראַט" איז דער וועקזייגער. — פלעגט ער אָפּט צוגעבן און דערנאָך מיט פיינעם קהלת׳שן, רעזיגנירטן געמיט פאַרבייסן: אַלע גוטע שטרעבונגען גייען מיט דער „הייראַט" צו גרונדע. סיק טראַנזיט...

פונדעסטוועגן איז ער אָפּט באַהערשט געוואָרן פון אַזאַ דערדריקנדיקן אומעט, דערהויפּט דעמאָלט, ווען ער פלעגט קומען שפּעט אין דער נאַכט צו זיך אין צימער און טרעפן די ברודיק גרינע ווענט, פון וועלכע ס׳האָט געווייעט פאַרלאָזנקייט און אומפריינטלאַכקייט:

— אַזוי עלנט, אַזוי ניט ניחא׳דיגקייט מיט אַלץ און אַלעמען. דעמאָלט פלעגט ער בלייבן שטיין, ווי געזונקען אין אַן אומאַנגענעמשמעקעדיקן קליי: די הענט ניט צו פאַנאַנדערפירן. זיינע אויגן פלעגן בלאַנק קוקן, זיך פאַרטשעפּען אָן די פאָר געבלאַקירטע בילדער, וואו ס׳זיינען פאַרגעשטעלט געוואָרן אידיליש זיסלאַכע סצענעס פון היימיש פרידלאַכן שטייגער, און מיט וועלכע זיין ווירטין, א דייטשקע, האָט באַצירט די ווענט, און דערמיט ווי מיט אַ כיון געלאָזט אונטערשטרייכן, אַז דאָס דאָזיקע צימער איז אויסשליסלאַך פאַר איין מענטשן — אַ מאַן, און קיינע פון אַנדער מין טאָר ניט פאַרשוועכן די לופט און בעט.

און אַזוי געפינענדיק זיך ווי אין אַ גוס־רעגן, פלעגט ער אָנגעגריפן ווערן פון אַ נאָגנדיקער בייגקשאַפט נאָך ליכט און וואַרימקייט, נאָך אימיצן, וואָס זאָל פאַרטרייבן די קעלערטוכלעקייט פון דער טריבער, טוגנטהאַפטער בעט, באַצויגן מיט אַ טויטפאַרביקער קאָלדרע פון אויבן. ער האָט מיט טיפן ווייטאָק געבייגקטס נאָך עמיצן, וואָס זאָל אָנוואַרעמען די קישן, לייַלאַך מיט דער וואַרעמקייט פון לייב און באַהויכן מיט דעם ריח פון קאָפּ און האָר.

— און דעמאָלט פלעגט ער זיך פוילן אויסצוטאָן, און האָט, ווי פון קאַלטן וואַסער אויפגעשרומפּענעם לייב, געפילט די אָנגרייפנדיקע קלויסטער איינזאַמקייט, וואָס האָט זיך כמאַרעדיק געצויגן פון דער אַלטער, הילצערנער בעט.

דערביי פלעגט ער זיך דערמאָנען אָן זיינעם אָן אייגענעם שיר:
„לבדי עם געגועי בצל העבר" און איבער אים האָט זיך געצויגן אַן אַרמאַדע בילדער, דערמאָנונגען, איבערלעבענישן פון פאַרגאַנגענע טעג, און אויפן זינען פלעגט אַרויף די איין און זעלביקע ליד פון א. רייזען, — פון וועלכער ער האָט זיך אַמאָל געקוויקט:

„און דער זומער וועט פאַרשווינדן
מיט די דופטנדיקע נעכט,
און עס וועלקן אַלע בלומען,
און דער ווינט פון הערבסט צעברעכט
אַלע גרינע, פרישע צווייגן"...

פאַרשיידענע אויפרעגנדיקע מחשבות פלעגן זיך דערנאָך דרייען און טומלען ביי אים אין קאָפּ: געפילט דעם אומעט, געהאַט אַ שטימונג פון אַ גרויסער ליידיגקייט, פון אַ האַרבסטיקער גרויקייט, פון אַ גרויסער צוועקלאָזיגקייט: — און וואָס, און וואָס? און אפשר? ווי ווערט געזאָגט דאָרטן אין דער ביבל: „לא טוב לאדם להיות לבדו".

.2

פרילינג שטימען — „די וועלט גייט צו די הינט"

דער דאָקטאָר איז געפאָרן מיטן אונטערבאָן פון זיין תלמוד־תורה אין קאַפע־הויז און די גאַנצע צייט געווען פול מיטן אַפּעטיט צו עסן אַ גוטן מאָלצייט. אונטערגעשטראָכן אַ „גוטן" ווייל ער האָט טאַקע דאָס מאָל באַזונדערס געהאַט אַ פאַרלאַנג צו מאַכן אַ סעודה פון אָוונטעסן: אויפן האַרצן איז חושך — און בכלל איז עפּעס גאָרניט אַזוי יום־טוב׳דיק.

אין וואַגאָן האָט דערוויל אַ רויע פאַרשטיקטע לופט אויף אַלע־מען אַרויפגעצוואונגען אַן אומגעזונטע שלעפעריגקייט. אַלע פנימער, אַפילו פון די אַריינגעטאָן אין די שאַרכענדיקע צייטונגען, האָבן פאַר־לאָרן זייער באַזונדערקייט און אָנגענומען איין אויסגוס. דאָס ליכט אַ שאַרפס, אַ שפּיציקס, ווי פון אַ ביסטרע פאַרגייענדיקע זון, האָט געשיינט אַזוי פונקט, ווי אין דרויסן וואָלט געזיפּט אַ דורכנעמענ־דיקער האַרבסט־רעגן: רויטלאַך און אומעטיק, און אַלע האָבן געהאַט אַן אויסזען פון פלאַכע אָן פאַרלאַנגענדיקע באַשעפענישן. און כאָטש די רעדער האָבן כסדר געבראַזגעט און געררודערט, האָט זיך פון

דעסטוועגן אַרום געפֿילט אַ מאָדנע זשומענדיקע שטילקייט, — אַ שטילקייט, וואָס האָט פּאַראַליזירנדיק געווירקט אויף די חושים.

דער דאָקטאָר איז געזעסן איינגעאייגעגרוימט צווישן אַ וואוקסיקן ניגער און אַ דיקע, הויכגעבוזימטע פרוי און געקוקט מיט פאַרשלאָפענע אויגן אויף די פרייליך געפּאַרבטע אַנאַנסן אַרום שלאָק פון וואַגאָן און אַלץ געהאַפט, אַז ביי דער קומענדיקער סטאַנציע וועט אימעצער פון זיינע שכנים אַרויסשטייגן. אָדער אפשר אַמאָל ביידע: אים איז געוועזן שרעקלאַך אומבאַקוועם. דערהויפּט האָט ער ניט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס שווער אָטעמען פון דער דיקער פרוי.

דערווייל האָט ער פונדעסטוועגן פאַרנומען דעם ריטמיש רודערענדיקן סטאַקאַטאַ פון די רעדער, געזען די פאַרביילויפנדיקע סלופּעס און פייערלאַך, געקוקט איינגעשפּאַרט אויף די פּנים׳ער פון די פרויען, און ניט געקאָנט פאַרשטיין דעם שכל, פאַרוואָס דוקא אין סאָבוויי ווערן זייערע פּנים׳ער געגרויבט פון מינדעסטענעם פאַרלאַנג צו קאָקעטירן און געפעלן ווערן: עפּעס פאַרציט זיך איבער זיי אַזאַ גלייכגילטיגקייט, אַזאַ האַרטקייט. ניט דאָס, וואָס איז גאָס, טעאַטער אָדער רעסטאָראַן: קיין סימן פון זייער שטענדיקער אָנגרייפנקייט. אַ פאַרשלאָפענע אומעטיגקייט האָט זיך אַרום געשפּירט, ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס עטלאַכע פּאָר שיינעאַנקלען האָבן פאַרנאַגראַפיש אַרויסגעשטעקט פון דער ענג געשלאָסענער שורה פיס פון דער אַנטקעגנדיקער באַנק.

די גאַנצע צייט האָט אויך אַ נאָגענדיקער פאַרדרוס געדריקט זיין האַרץ: עפּעס איז אים אָפּגעגאַנגען, עפּעס איז ער געווען אומצופרידן. און ס׳האָט זיך געפילט ענג. — וואָס איז דער מער? און ווען ער האָט דערטאַפּט די סיבה פון זיין נידערשלאָגנקייט, האָט ער זיך געטרייסט: עט, ניט כדאי זיך אָפּעסן דאָס האַרץ. אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט אים ווידער אַ שווער געפיל געעגבערט, און ס׳איז אים אַרויף אויפן זינען דער פּרינציפּאָל פון תלמוד־תורה, אַ גאַנץ גוטמוטיקער, אָבער, שוטה אַ איד, וואָס איז אָט דאָ ערשט געווען שטיינרייך, — איצט אַ „יורד״. ער, דער פּרינציפּאַל, האָט היינט געלאָזט פאַלן אַן אַנצוהערעניש, אַז צוליב די שלעכטע צייטן האָט ער אַ „חשד״, אַז ס׳קאָן טרעפן, „אַז די שכירות זאָל ניט זיין רעגלמעסיק״. ס׳איז אים געוואָרן הייס און נאָך איינגער: וואָס מיינט ניט רעגלמעסיק? וואָס וועט טאַקע זיין דער סוף?

ניט גוט, ניט גוט מיט דער וועלט. עפּעס וועט דאַרפן געטאָן ווערן. די אַלטע וועלט „זי גייט צו די הינט״... און אפשר איז אַזוי בעסער? ״וואָס ערגער אַלץ בעסער״, ווי די אַנאַרכיסטן פלעגן אַמאָל זאָגן...

אַנטקעגן אויפן אויסבויג פון שלאַק, האָט אַ זייער רעאַליסטיש געמאָלן שטיל־לעבן: אַ פּאַלומעסאַק סאַלאַד, שפּע׳דיק באַפּלעקט מיט זאַפטיקן מאַיאָנעז, פּאַרפּירעריש גערייצט זיין אַפּעטיט, און ס׳איז געשען צוויי זאַכן: זיין מויל האָט געוואַסערט, די ציין האָבן געשמאַרצט זיך איינצובייסן אין אַ שטיק פּאַרביקער טאָמאַטאָ, און אין דערזעלביקער צייט האָט ער זיך געחידוש׳ט אויפן רעאַליזם פון פאַרב און צייכענונג: — כאַטש טאַפּ עס אָן מיט די פינגער.

דערנאָך האָט ער געקוקט אויף אַ שיין געמאָלענעם קאָפּ פון אַ יונגן מאַן, מיט זייער נעט פאַרקאַמטע, לאַקיר גלאַנציקע האָר, און מיט פּאַרדרוס געטראַכט, אַז דער מיטל, די רפואה, וואָס אויף דעם אַנאָנס, וועט ווינציק וואָס העלפן זיינע האָר מאַכן רייך אויסזעענדיק: ביי אים זיינען די האָר זייער דין, און אין מיטן איז שוין האַלבליידיקלאַך, און ער איז שוין לאַנג אַריבער פערציק. ער האָט זיך אויף אַ מינוט געטרייסט, אַז ער זעט אויס אַ סך איינגער פון זיינע יאָרן. אָט, האָט מען דאָ לעצטנס גערעדט ביים קאַפע־טישל, ווי אַלט דער איז, ווי אַלט יענער איז, דערהויפּט דער זשורנאַליסט קראָליק: אַ בייזוויליקער איד. אַלע בייזוויליקע נאַטורן, האָבן, צום שוואַרץ יאָר, אַ באַזונדער הנאה צו ריידן וועגן יענעמס יאָרן, ווי אויך צו אונטערשטרייכן יענעמס פיזישע פעלערן: האָבן אַ תאווה צו צור־צולייגן יאָרן, דערהויפּט, ווען פרויען זיינען דערביי... אָט, גיט דער זשורנאַליסט קראָליק אַ זאָג: מיט פערציק יאָר צוריק זייט איר אַלט געווען פינף און צוואַנציק יאָר. אָדער: ווען איז אייער פופ־ציק יאָריקער יובילייאום? יע. וואָס איז דעמאָלט געווען? אימעצער הט אים געפרעגט צי ער איז אַלט פינף און דרייסיק יאָר. ער האָט דעמאָלט אונטערן נאָז אַרויסגעזאָגט: ״אומגעפער״... ס׳איז אַ שוואַכקייט... פאַרוואָס האָט ער ניט געזאָגט דעם אמת?

ער האָט איצט געקוקט אויף אַן אַנאָנס, וואו ס׳איז געווען געמאָלן אַ יונגע פרוי, אָנגעלענט אין פולער, פיזישער וואוילטאָג אָן רייכגעקאָלירטע קישענס. איין לאַנגע, גוט געפאָרמטע פוס אויס־געשטרעקט אַזוי ווי אַרויפציען הויך די איידל געשטריקטע זיידענע

זאַק. — ס׳האָט זיך אים אַ ריר געטאָן אין האַרצן, ווי ביים שפּילן פון אַ בלוטאויפרעגנדיקן וואַלץ.

ווען ער איז צום סוף אַרויס פון אונטערבאַן אין פרישן דרויסן, האָט ער געהאַט אַ געפיל פון דערנענטערן זיך צו עפּעס, וואָס וועט אים אַביסל צעשטרייען אין דרויסן האָט זיך שטאַרק געפילט דער אָנקום פון פרילינג: מענטשן האָבן זיך געפילט פרייער און מוטיקער.

און אַרום אים: אויפרעגנדיקע טעטיקייט, אַ כסדר׳דיקער גערויש ווי פון אַ וואַסערפאַל, — און מענטשן, און מענטשן.

די טראָטואַרן זיינען געווען געדיכט באַפלעקט מיט אַהער־און־הין באַוועגנדיקע דורכגייער: אַ בונטע פּראָצעסיע: צוויי שטראָמען אָפּגעוויקלטע פּאַסן טרעפּ: אַרויף־און־אַראָפּקומענדיקע. דער גערודער און רעש פון נאָכאַנאַנדיקן פאַרקער איז געווען פאַרביק און דערמאָנט אָן דעם געדרענג פון אַ באַפרייטן פּובליקום פון אַ ביידבאַל פאַרק. און אַרום, ווי אַ מעכטיקע ריים האָט אַלץ אַרום גענומען דער סקווער פון געשלאָסענע פאַסאַדן, אונטער שוץ פון אַ מילך־בלויען פאַרנאַכטיקן הימל, מיט אַ צעגליטן רויטן דיסק, הייגנדיק ביים ברודיק ברעג, ווי אַראָפּגעלאָזן זיך אין אַ טיפן אָפּגרונט.

דער אומשולדיק יונגער גרין פון די בושן אין פאַרק בוימער, די זאַפט־פאַרביקע פלעקן פון מערב הימל, די אימפּאָנירנדיקע געביידן מיט די אָנגעצונדענע שויבן. די גרופּע טרעפּיגע טורעמס אויפן וויטש־הייזל פון צפון הימל, האָבן אים אָנגעפילט מיט רעוועדענץ פאַר אַזוינס, וואָס ער האָט אייגנטלאַך ניט געקענט און ניט געוואוסט: — און יעדע גרויסקייט מאַכט קליין, יעדע אומבאַגרייפלאַכקייט דריקט. און אַזוי איז עס געווען: ער האָט זיך דערפילט אומבאַדייטנדיק און פאַרלאָרן. געוואָרן אָנגעשטימט אין אַ נידעריקן מינאָר שליסל, געהאַלטן, ווי אַלעמאָל, אין אַזוינע פאַלן, אַרויסצוזאָגן אַ פּסוק פון קהלת, אָדער אַ פערז פון לענוי, האָט אָבער גראָד אין דער רגע געטראָפן, אַז פון אַ נאָענטן ראַדיאָ געשעפט, האָט דערלאַנגט מיט גוסט אַ שפּיל אָן אויפמונטערנדיקער סוזא־מאַרש, און זיינע פיס האָבן פון זיך אַליין גענומען טרעטן מוטיקער און לעבעדיקער, און אַזאַ האָט ער זיך פאַרקירעוועט צו דער עוועניו.

דער אַבגרענעצטער שטח פון קאַפע־הויז, דאָס געמישטע ליכט, די אין עסן פאַרטאָנענע קונדן. דער ריח און די דומפּיקע וואַרעמקייט

פון קיך, האָבן אויף אים איצט ניט גוט געווירקט. ס׳איז אים געוואָרן ווי צו פילן: און דאָ איז אַזוי איינג און באַגרענעצט.

ער, אַ מענטש פון געוויינהייט און מעטאָדע, האָט אין קאָפּע־הויז געהאַט זיין זייט און אָרט, — און דאָס איז געווען דער צפון־זייט. ס׳האָט ניט אויסגעמאַכט אַ טישל, אָדער צוויי ווייטער, אָבער אַבי נאָר אין דערזעלביקער שורה און צום וואַנט, און אויב ס׳האָט אַמאָל געטראָפן, אַז צוליב גרויסן באַזוך, איז אים אויס־געקומען צו זיצן אין דער אַנדער זייט, האָט ער זיך געפילט ווי אין דער פרעמד: אַ פרעמדער אין פרעמדן געגנט. אים האָט זיך אַלץ געדוכט, אַז זיינע שכנים אַרום זיינען גאָר אַנדערע מענטשן: עפּעס אַזוינע שווערע, ציגאַר רויכערנדיקע, זאַטע קליין־בירגער.

און ווען ס׳איז אויסגעקומען צו זיצן אין דרום זייט, האָט ער קיינמאָל ניט פאַרפעלט צו טראַכטן וועגן דעם, וואָס גאָר אַמאָל פלעגט דער צפון זייט פון די גרויסע קאַטוילישע קאַטעדראַלן זיין אָפּגעטיילט פאַר די פינצטערע און קאַלטע פאַרשטעלונגען פון טייוול. ווייל פאַר די מענטשן פון יענער צייט, האָט דער צפון געמיינט דאָס אָרט פון ווינט, קעלט און שטן. דערביי איז אים שטענדיק אַרויף אויפן זינען: „כי מצפון תפתח הרע”, און אין איין גאַנג זיך דערמאָנט אָן הויסמאַנס׳ן און זיין טריאָלאָגיע, וואו ער האָט׳ס וועגן דעם געלייענט.

און איצט, זעענדיק, אַז זיין שטענדיק אָרט איז ניט פאַרנומען, האָט ער מיט ברייטקייט און הנאה פאַרנומען זיין פּלאַץ, און זיך, ווי שטענדיק איינגעזעצט אַזוי, אַז ער זאָל האָבן דאָס גאַנצע הויז פאַר זיינע אויגן.

ווען דער קעלנער פריץ איז צו אים צוגעקומען מיט אַן איבער־פריינטלאַכן: „גוטן אבענד, הער דאָקטאָר”, האָט ער מיט אַ האַלב ניט ניחא׳דיקן טאָן געפרעגט:

— וואָס איז דאָ היינט גוטס צו שפּייזן, פריץ?

דער קעלנער שטייף און פאָרמעל, האָט פון טיש גענומען די שפּייז־קאַרט, און עס אים אַנגעבאָטן:

—דאָ האָבן זיי די שפּייזקאַרטע, הער דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט אָוועקגערוקט די שפּייז־קאַרטע און ווי מיט פאַרדרוס אין שטים געזאָגט:

— וואָס מיר שפּייזקאַרטע ? זאָג מיר, פּריץ, וואָס איז דאָ עפּעס גוטס אין קיך ? ווייסט דאָך, וואָס איך האָב גערן.

— דער גולאַש איז הייטע זייער גוט, הער דאָקטאָר.

— ניט קיין שלעכטע אידייע, אָלרייט — גולאַש. אין מיטען האָט ער זיך דערמאָנט אָן סאַלאַד, וואָס ער האָט געזען אויפן שלאַק פון סאַבוויי וואַגאָן, און האָט זיך געאײַלט צוצוגעבן : און מאַך איין גוטן סאַלאַד... וואָס זאָגסטו, פּריץ, גולאַש און סאַלאַד, פּיליייכט שווער ?

— ווי זיי וואָלען, הער דאָקטאָר.

— אָבער, וואָס זאָגסטו ?

— אָלרייט, הער דאָקטאָר, לאָזען זיי עס צו מיר.

דער דאָקטאָר האָט באַקומען שאַרפן אַפּעטיט און זיך מכין געווען צו האָבן אַ גרויסן מאָלצייט. דערוויייל האָט ער באַטראַכט די אַלע אַרומיקע גאַרנישט זאָגנדיקע פּנים׳ער, געקוקט אויף די ניי־אַרײַנקומענדיקע, שטאַרק געוואָלט, אַז ס׳זאָל זיך אַרײַנלאָזן עמיצער פון די באַקאַנטע : — עפּעס פּריילאַכער.

און אויף זיין מזל, האָט גאַרדאַן דער מאָלער גלייך און שטייף אַרײַנגעשפּאַצירט, מיט זיין אייביקע באַגלייטערין די לולקע. דער דאָקטאָר האָט זיך מיט אים דערפרייט, אים באַגעגנט מיט אַ ברייטן „גוטן אָוונט״.

דער מאָלער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, און זיך דערנאָך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול קעגן דאָקטאָר :

— ווי גייטס ?

— צימליך.

דער מאָלער איז געווען צופרידן.

— האָבן זיי שוין געשפּייזט, הער גאַרדאָן ?

דער מאָלער האָט אים אָנגעקוקט : עפּעס האָט ער אין אופן פון פרעגן דערפילט אָן איינלאַדונג, און זיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט דאַנקבאַרקייט, אָבער ער האָט פונדעסטוועגן שטייף, צווישן די ציין, אַרויסגעזיפצט :

— ניט הונגעריק.

און די אויגן האָבן דערוויייל, מיט די גוטע מבינות פון איינעם, וואָס האָט חוש פאַר פאַרב און עכטקייט, באַטראַכט מיט אַ לירישן

געפיל דעם שמעקענדיקן שטיל־לעבן אין דער פאָרמע פון אַ ברוין פּאַלומעסאָק מיט גוט אויסזעענדיקן גולאַש.

— באַשטעלן זיי איינע זאַלכע פּאָרציאָן, האָט דער דאָקטאָר גוט כרודעריש געררעדט און אויפן שטעל זיך געווענדט צום קעלנער: פריץ, איינע זאַלכע פּאָרציאָן פירן הער גאַרדאָן!

— יאָ, מיינע הערען.

דער מאַלער, האָט מיט אַן אויפגערייצטן אַפּעטיט זיך גע־חידוש׳ט: ער האָט זיך אויף דעם גאַרניט געריכט.

דער קעלנער האָט געבראַכט אַ געדעק, און דער מאַלער האָט אַריינגעשטעקט די לולקע אין דער אויבערשטער קעשענע און זיך פאַרנומען מיטן עסן.

— וויסען זיי, הער גאַרדאָן, — האָט דער דאָקטאָר גערעדט, — וויסען זיי, איך האָב היינט געהאַט פיל פאַרדרוס אין תלמוד־תורה... זיי האָבן קיין באַגריף ניט. אָבער, זיי ווייסן דאָך, ווי ס׳געבן אים לעבען: אומגעהאַרכזאַמע תלמידים, שלעכטע צייטן, אומגעהובעלטע לערער, פרינציפּאַל, עטצעטראַ... ווי זאָגט דער דיכטער: ס׳גיבען אים לעבען שווערע מינוטן... זיי זיינען דאָך שטימונגס־מענטש? — קינסטלער? ניכט וואַר, הער גאַרדאָן? ווייסן זיי דאָך, דאָס, דאָס גאַנצע לעבען באַשטייט אייגענטלאַך פון מאָמענטען, ווי אַ ליניע, לויט דער געאָמעטריע, פון פונקטען... יאָ, זיי איז דאָך גוט באַקאַנט דאָס געפיל? — זיי זינד דאָך קינסטלער! וואָס זאָל איך אייך זאָגן? שווערעס געפיל... אָבער, ווען איך בין אַרויס פון סאָבוויי, און דער פרישער פרילינג ווינטל שטרייכט ליבאַזענד מיין געזיכט, — דאַן איז איבער מיר אַריבער איינע אינספּיראַציאָן און האָב אין מיין אי־נערן דערפילט די בלאָזנדיקע טרומייטן פון פרילינג... פרילינג שטימען... יאָ, יאָ, הער גאַרדאָן, זאָ גייט׳ס: „וויטא סאמנום ברעווע”...

— יאָ, אַזוי איז עס, — האָט דער מאַלער פאַר׳חתמ׳עט דעם דאָקטאָר׳ס כוואַלענדיקן אַנקום פון געפיל און אָפּנהערציקייט און גענומען צאַלן די פינקלאַכסטע אויפמערקזאַמקייט צו זיין לולקע: אַריינגעטאָן האַניק שמעקנדיקן טאַבאַק, מיטן קליינעם פינגער פון רעכטער האַנט עס שטייף אָנגעשטאָפּט, דערנאָך מיט צערעמאָניע פאַררויכערט, בלאָזנדיק פון זיך מיט פרידלאַכער פאַר׳חלומ׳טקייט ספּיראַלן בלוילאַכן רויך. דערביי האָט זיך אויף זיין שאַרף געשני־

טענעם פנים אויסגעלייגט אַ פיינע געמיטלאַכקייט, וואָס האָט אַזוי ווי אַלעמען דערמאָנט, אַז די אָוונט־שטונדן זיינען באַשטימט פאַר דער גלייכגעוויכט פון דער נשמה.

דעם גרעסטן טייל פון מאַלצייט געענדיקט, האָט דער דאָקטאָר זיך גאַנץ ברייטלאַך ארומגעווישט מיטן „סערוועטל", ארומגעצייגן, אָפּגעשאָרט אַרום זיך די ברעקלאַך און מיט אַ זאַטער מינע געווענדט צום קעלנער:

— יעצט, פריץ איינע דעמי־טאַס — און צום מאַלער: זיי אויך איינע דעמי־טאַס?

דער מאַלער מיט דער לולקע אין מויל האָט אַרויסגעפּלאָפּט:

— אַ קאַפּע קאַפּע, קרים ביי דער זייט.

— יאָ, יאָ, הער גאַרדאָן, — האָט דער דאָקטאָר מיט אַ געמיטלאַך נאָך־מאַלצייט־לופט גענומען ריידן: יאָ, וויסן זיי, הער גאַרדאָן, דאָס די יודען קיינע ליידענשאַפטלאַכע קאַפּע טרינקער זינד. זאָנדערבאַר. די יודען, ווי די אַלע וואָס שטאַמען פון אָריענט, האָבן דאָך אייגענטלאַך געדאַרפט זיין פּאַרקאָכטע קאַפּע טרינקער, — און דאָך זעען זיי... וויסען זיי, הער גאַרדאָן, דאָס גוט צוגעגרייטע קאַפּע איז אַ געטלאַך געטראַנק. קאַפּע האָט אַ גרויסע צוקונפט. וועט שפּילען איינע באַדייטענדע ראָליע אים צוזאַמענלעבען פון די נאַציאָנען, — און דאָס וואָס מיר אייגענטלאַך וואונדערט, וואָס אונזערע יודען זיינען גאָר קיין מבינים ניט אויף קאַפּע.

דער מאַלער, ווי ס'האָט אויסגעוויזן, האָט זיך ווינציק וואָס געגערט צום הארצן, וואָס די אידן זיינען ניט קיין מבינים אויף קאַפּע, ער האָט געדרויכערט די לולקע מיט דער רואיגקייט פון אַ פישער, און געקוקט פאַר זיך סתם אין דער וועלט אַריין.

דער דאָקטאָר פון זיין זייט, האָט גוט געוואוסט, אַז דער מאַלער איז אַ קנאַפּער ריידער, אָבער, ס'האָט אים ווינציק וואָס געאַרט. ער האָט ליב געהאַט צו ריידן נאָכן עסן, — און ריידן מוז מען צו אימעצן.

ער האָט גערעדט:

— ווייסען זיי, הער גאַרדאָן, דאָס איבער דער וועלט האָט זיך געשאַפן איינע געפערלאַכע לאַגע: — אימפּאַסע! און ס'איז ווי מען זאָגט: דער אָנהויב פון סוף. יע, הער גאַרדאָן, מיר זיינען ענדלאַך צוגעקומען צו איין "קול־דע־זאַק", און אונזער גאַנצע, זאָ פיל

באַזונגענע, ציוויליזאַציאָן וועט לאַנדען אויף איין פעלזענבעט...
אונזער שיף טראָגט זיך גלייך צו די פעלזן. דער סוף פון גרויסן טאָג!
יאָ, יאָ, אונזער גאַנצע אָקסידענטאַלע ציוויליזאַציאָן איז צעפוילט,
און ס'הויבט זיך שוין אָן שפּירן דער געשטאַנק. מיר זיינען ביים
שוועל פון אַ גרויסע וועלט איבערקערעניש: די דעק פון אויבן:
— קאָמוניזם... אונזערע גרויסע חכמים האָבן גאַר קיינמאָל ניט
געקאָנט איינזען, אַז דאָס שיפל וועט זיך ווען־ניט־ווען איבערקערן...
איך פערזענלאַך, בין זייער צופרידן: — אַ נייער אָנהויב. די וועלט
וועט זיך דאָך סוף־כל־סוף אַרומזען און קומען צום שכל, אַז דער איינ־
ציקער אויסוועג איז פאַרט דער קאָמוניזם... די, וואָס באַגרייפן עס
ניט זיינען ניט עמפּאַנגלאַך. אָבער די מערסטע הויבן שוין אָן צו
שפּירן דעם שלעכטן ריח פון אונזער ביז אַהעריקער אָרדנונג...
איך וועל אינען געבען איין ביישפּיל. זיי ווייסן, אַז די יודן, וואָס בילדן
די געמיינדע, וואו איך איין לערער בין, וואָרען אַלע רייכע יודן:
בירזשע ספּעקולאַנטן, סוחרים, מאַנופעקטשורער, ריל־עסטייט, הענד־
לער און אַזוי ווייטער... יעצט זיינען זיי אַלע מחולה! זייער
רייכטום וואַר איין פּאַפּירענעס. ווי זאָגטע דער גרויסער שטאָל־
מאַגנאַט: „ס'גיבט יעצט איבערהויפּט ניט קיין רייכע לייט אין
אַמעריקאַ", ס'איז נאַטירלאַך איבערטריבן, אָבער, פיל אמת איז דאָ
דאַרין... דער קאַפּיטאַליזם פאַלט... יע, מיין פריינט, די יעצטיקע
לאַגע איז אַן אַנזאָג פון אַ גרויסע וועלט אומוואַלצונג, און דערנאָך
— קאָמוניזם...

דער מאַלער, בלאַנק פון מחשבות, האָט געצויגן דעם רויך פון
לולקע, געקוקט מיט פיש־אויגן אין חלל, געהאַט אַן אויסדרוק אויפן
פאַרגליווערטן פּנים, ווי ער ווערט פון וואָס אַביסל געשטערט, און
ווען דער דאָקטאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט, ווי ער וואָלט וואַרטן
צו הערן עפּעס, האָט ער אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן, און ווי
אום יוצא זיין אַרויסגעמורמלט:

— יאָ, ס'איז וואָר...

דער דאָקטאָר איז געוואָרן אויפגעראַמטער. ער האָט זיך איינ־
געפּאַרן. ער האָט געטריבן:

— דיינקען זיי ניט, הער גאָרדאָן, דאָס, דאָס ביסל פאַרבליבענע
סאָציאַליזם איז איין פלאַכער, וואַסערדיקער ליבעראַליזם, און פאָלג־
לאַך טויט. היינט צו טאָג איז דער, זאָגענאַנטער, סאָציאַליזם

לעכערלעך. היינט איז איינס פון די צוויי: קאָמוניזם, אָדער אויסגעשפּראָכענע געגנערשאַפט... זיי זינד קאָמוניסט, הער גאָרדאָן?

דער מאָלער האָט אַרויסגענומען די לולקע פון מויל, אָנגעקוקט דעם דאָקטאָר מיט אַ מינע פון וועלן עפּעס באַנעמען. דערנאָך האָט ער איינפאַך געענטפערט:

— איך בין אינדיווידואַליסט.

דער דאָקטאָר האָט געהויבן די ברעמען, און מיט גוטמוטיקער אַנטריסטונג גערעדט:

— הער גאָרדאָן, באַדיינקען זיי זיך. ס'מיינט דאָך גאָרניט צו זיין אינדיווידואַליסט??! יעדער מענטש איז דאָך במילא, אין איינגען זין פון וואָרט, אינדיווידואַליסט! וואָס איך מיין, הער גאָר-דאָן, איז: וואָס פאַראַ באַציאונג זיי האָבן צו די אויסעראָרדנטלאַכע דערשיינונגען פון אונזער שטורמישער צייט?

דער מאָלער האָט געצויגן די אַקסלען:

— קיינע.

אין זיין פּנים האָט אָנגענומען יענע פאַרגליווערנדיקע פרידלאַכ-קייט, וואָס איז אָן עברה צוצושטערן.

דער דאָקטאָר האָט געזיפצט:

— יאָ, הער גאָרדאָן, איך בין זיי ווירקלאַך מקנא: זיי זינד אמת'ער פילאָזאָף...

און האָט גענומען די אונטערטייטונג אין האַנט, גענומען מיט די אויגן איבערגיין די דיק-שריפטיקע קעפּלאַך.

3.

דער דאָקטאָר נעמט אַרויף אַ פּרוי

דעם דאָקטאָרס וואוינונג, אַ גראַמער צימער, וואָס ער האָט גערופן סטודיאָ, און אַ שלאָף צימער מיט צוויי פענצטער, האָבן זיך געפונען אויף אַן ערשטן גאָרן פון אַן אַלט ברויך-שטיין הויז אין אַ נומערירטער גאַס, ניט ווייט פון אַ קליינעם פּאַרק, וואָס האָט זיך אַריינגעקוועטשט אין ביידע זייטן עווענוי אין דער טיף פון אַ בלאָק און צעשטערט די טרוקענע גאַנצקייט און שטאַטישקייט פון גאַס, אָבער דערפאַר אַריינגעטראָגן אַביסל ראָמאַנס און לופטיקע זומערדיגקייט.

דער דאָקטאָר האָט פון שטענדיק־אָן געכאָוועט אַ געדאַנק, אַז אין די שטאָטישע גאָרטנס פּרוכפּערן זיך פאַרשיידענע קרענקס און דעגענעראַטן. ער האָט געהאַלטן, אַז אמת געזונטע מענטשן מיידן אויס פּאַרקס, ווייל אַ פּאַרק, ווי ס'זאָל ניט זיין, שטעלט אָן אַ מענטשנס אויפמערקזאַמקייט אין גאַנצן אויף זיך אַליין, און ניט אַלע קאָנען פאַרטראָגן אַזאַ קאָנצענטרירונג: דאָס רוב ווערט קרענקלאַך און מער נערוועז. דעריבער, האָט ער זיך אויסגעהיט פון זיצן אין פּאַרק און איז אָפּגעקומען מיט דעם, וואָס ער פלעגט שפּאַצירן אַרום פּאַרקאַן, ווען ער פלעגט זיך אַמאָל דערפילן אומרואיק.

נאָך פון אָנהויב אָוונט האָט ער דערפילט אַ נאָגנדיקע אומרו. און ס'איז געקומען פון דעם, וואָס גייענדיק פאַרנאַכט איבער דער עוועניו איז אים אַנטקעגן געקומען אַ יונגע, פולבלוטיקע פרוי, זומער־דיק אָנגעטאָן, מיט אַ זייער רייכן, בויגיקן קערפּער און קליינעם, שטייפן און דאָך באַוועגלאַכן בוזים, וועמעס נאָפּלען האָבן זיך העזה'דיק אַרויסגעצייכנט פון דינעם שיפאָן. זיינע אויגן האָבן זיך פאַרטשעפּעט אָן איר אויפרייצנדיקער ווייבלאַכקייט, און זיין האַרץ האָט נאָכאַנאַנד געגנאָגט און געקלאַפּט. אַ ווייטאָקדיקער באַגער האָט אים אַרומגעכאַפּט. ער איז געוואָרן אויפגערעגט, און זיין אויפרעגונג האָט זיך מיטן גאַנג פון אָוונט אַלץ מער און מער פאַרשטאַרקט.

ער איז געווען זייער אויפגעבראַכט אויף זיין ווירטין, די דייטשקע, פאַרוואָס זי איז אַזוי שטריינג וואָס איז שייך דער „מאָ־ראַל" פון איר „הויז" און האָט באַשלאָסן צו האָבן טאַקע וועגן דעם ענין אַ שמועס מיט איר. און ווען די דייטשקע האָט אים אין אָוונט אַריינגעטראָגן האַנטיכער, האָט ער געמאַכט אַ פאַרזוך און גענומען רעדן וועגן דער שיינער זומער נאַכט און וועגן געפילן, אָבער די דייטשקע איז געווען האַרט און טרוקן און אים טאַקע אַביסל אַ חנפ'ע געטאָן, און געזאָגט אַז זי „גלייכט" אים דערפאַר, וואָס ער מאַכט ניט קיין פאַרזוך אַרויפצונעמען פרויען.

— וויסן זיי, — האָט זי גערעדט, — דער יונג, וואָס וואוינט אויפן צווייטן פלאָר. איך האָב אים געמאַכט צו מופן.

— וואָרום ?

— פאַריקע נאַכט האָט ער אַן אומאַנשטענדיקע פרוי מיט זיך געבראַכט . . .

— וואָס אייגנטלאַך איז דאָס אַזוי שלים ? — האָט ער געמאַכט אַ פאַרזוך.

— אַ לאָסען זיי צו רו, הער דאָקטאָר, — איז זי געוואָרן אַנגע־צונדן, — זיי זאָלן עס מיינען ? פאַרשמוציקן דאָס הויז... נימאָלס !

ער האָט געקוקט אויף דער דייטשקע, זיין ווירטין, און מיטאַמאָל איז אים איינגעפאַלן, אַז זי איז נאָך אַליין אַ גאַנץ געזונטע און ניט קיין מיאוס׳ע פרוי. — און דאָס האַרץ האָט האַסטיק גענומען קלאַפּן.

שפּעטער איז ער אַראָפּ אונטן, געשפּאַצירט אַרום פּאַרקאַן, געזען פיגורן זיך אַרומדרייען, געהערט פריילאַכן געלעכטער, געזאַנג, — און איבער דער שאָטנדיקער וואַנט־הייזער האָט אַרויסגעשטעקט דער שלאַנקער קערפּער פון דער עמפּייער־סטייט געביידע, און די נאַכט איז געווען אַ מילדע : — אַ יוני נאַכט.

אַ יונגע ,שיינע פרוי, וואָס האָט, ווי ער, געשפּאַצירט אַרום פּאַרקאַן, האָט זיין בלוט געמאַכט שטייגן, און ער האָט צום סוף באַשלאָסן, אַז זי זאָל היינטיקע יוני נאַכט באַצירן זיין געלעגער. וואָס, ער וועט מורא האָבן פאַר זיין ווירטין דער דייטשקע ? ! און ווען ס׳האָט געטראָפן, אַז ער איז איר ווידער אַנגעקומען אנקעגן, האָט ער זיין קוק אויף איר פאַרטיפט, אוןביידע זיינען איינע פאַר די אַנדערע געבליבן שטיין. און זי האָט שטיל געפרעגט :

— ווילסט גיין ?

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געזען אַז קיינער שיינקט זיי ניט קיין באַזונדער אויפמערקזאַמקייט, האָט ער שטיל און שעמעוודיק געזאָגט :

— אָלרייט. איר׳ט גיין צו מיר. — און די באַקאַנטשאַפט איז געשלאָסן געוואָרן.

זיי זיינען געגאַנגען און זיך דערווייל איבערגעביטן מיט די ערשטע, נויטיקע פאַרשטענדיגונגס ווערטער. ס׳האָט געהייסן, אַז ער נעמט זי צו זיך אין צימער. דערביי האָט ער געהאַט אַ שולדיקן געוויסן, וואָס ער דאַרפ׳ס טאָן בגנבה פון זיין ווירטין, דער דייטשקע.

פון אָנהויב, האָט ער זיך געפילט אין זיבעטן הימל : אַזוי פיל דערוואַרטונג, אַזוי פיל צוזאָגנדיקער גענוס. זיין האַרץ איז געוואָרן גרויס מיט באַגער, זיין בלוט איז געלאָפן וואַרים. — אָבער, איר רויע שטים, אַזאַ האַלבהייזעריקע, טרוקענע, האָט אים אַביסל אָפּגעקילט: — מערווירדיק, ווי אַ שטים קאָן ווירקן!

— איצט, זייער שטיל, — האָט ער זי געוואָרנט, ווען זיי

זיינען געגאַנגען אויף די פּלושגעבעטע טרעפּ, — פּאַמעלאַך, די מיסעס איז דייטשקע...

— ביסט אַ שרעקעדיקער, מיסטער ? — האָט איר קול אין גאַנצן צעשטערט זיין אילוזיע, — האַסט מורא פאַר דער מיסעס ?

—אָבער, מען קאָן דאָך שטילער, — האָט ער געבעטן.

אין צימער,ביים קראַנקלעכן ליכט פון עלעקטרישן פייערל, האָט זי אין גאַנצן גענומען אויסזען אַנדערש, ווי אין גאַס : די פאַרב פון פנים האָט מיטאַמאָל געבלאַקירט : די רויטקייט האָט אויסגעזען טרוקן און ביליק, אַזוי ווי ס׳וואָלט געווען געפאַרבט מיט רויטן פּאַפּיר, און ס׳האָט אים אַ שלאָג געטאָן : אַ געפאַרבט טויט געזיכט. די צעדריפּלטע טרוקנקייט פון די ליפּן האָט זיך אַרויסגעוויזן דורכן ווילדן אָנגעשמירטן קארים. די ציין וואולגאַרע זיינען געווען געקרוינט מיט אַ סך גאָלד. דאָס איינציקע אין איר, וואָס האָט געצויגן איז געווען איר גוטע פיגור, גוט געפאָרמטע פיס און די אָנגעקוואָלענע בריסט.

ער האָט זיך צו איר געווענדט מעשה בעל־הבית און קאַוואַליער צוזאַמען :

— מאַכט זיך באַקוועם מיס... ווי רופט מען אייך ?

אַן אָנהויב פון אַ דערעסלאַכער אומפּריינטלאַכקייט, האָט זיך גענומען אָנרוקן אויף איר גאָרנישטזאָגנדיקן פנים, און זי האָט אָן חשק אַרויסגעזאָגט :

— גרייסי.

— גרייסי ? — אַ שיינער נאָמען.

זי האָט טרוקן געזאָגט :

— יו אַר עי פאַני מען.

דעם דאָקטאָר איז אויסגעקומען טשיקאַווע, וואָס די פריינטלאַכ־קייט און איינלאַדנדיקער שמייכל פון גאַס, זיינען איצט אין גאַנצן פאַרשוואונדן און פאַרביטן געוואָרן מיט אַזאַ אומאַנגענעמער אומ־געדולדיגקייט, מיט אַן אויסדרוק אויפן פנים פון דאַרפן וואָס גיכער עפּעס איבערקומען, — און ער דוקא האָט זיך צוגעגרייט צו זיין גוט און פאַרבינדלאַך. געוואָלט פון פאַל מאַכן אַ פאַסירונג, אַ יום־טוב, אַ נאַכט פון דערהויבענעם גענוס, ווי ער האָט וועגן אַזאַ נאַכט געלייענט ביי אַ פראַנצויזישן שרייבער. — און דאָ גאָר אין מיטן אַזאַ מעדי־צינישע טרוקנקייט. זיין געמיט האָט זיך פאַרטונקלט.

—גרייסי, — האָט ער פונדעסטוועגן ווייך גערעדט, טוט אויס דאָס היטעלע... מאַכט זיך היימיש. איך וועל מאַכן טיי. ווילט איר פילייכט עסן?... כ'וועל אַרויפברענגען.

זי איז געוואָרן אומגעדולדיק און האָט אויפן קול גערעדט:

— וואָס מיסטער, קלייבסט זיך צו אויף אַ גאַנצער נאַכט?... מאַך עס גיכער...

דער דאָקטאָר האָט איר מלמד'יש אַרומגענומען און מיט אַ פיינגעפיל גערעדט:

— גרייסי, איילט זיך ניט... זייט אַביסל פריינטלאַכער...

זי האָט זיך מיט אַ דערעסלאַכער מינע אַרויסגעמאַכט פון זיין אומאַרמונג, צערייצט אַרויסגעזאָגט:

— זייט ניט קיין יאָלד!

דער דאָקטאָר איז געוואָרן רויט. ער האָט געשטאַמלט:

— כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי ניט...

און איז געוועזן אַ פאַרלוירענער.

זי איז געוואָרן אומגעדולדיק:

— מיסטער, פּראָווע ניט קיין שטיק... טו אויס די זאַכן!... און איז געגאַנגען גלייך צום בעט.

דער דאָקטאָר האָט גענומען פינטלען מיט די אויגן. איר האַלב־הייזעריק און וואולגאַר שטים האָט געזעגט זיין לייב. די פריערדיקע אויפגערעגטקייט און תאווה האָבן גענומען בלייך ווערן. זיין האַרץ האָט זיך גענומען אויסליידיקן.

ער האָט שטיל גערעדט:

— כ'מיין, ווי קאָן מען אַזוי... אין די זאַכן...

— מיסטער, מאַך ניט קיין ביזנעס! — האָט זי אויפגעהויבן איר קול, — ווילסט פאַר אַ גאַנצער נאַכט, רעד ווערטער, — פינף און צוואַנציק דאָלאַר!...

דער דאָקטאָר האָט זיך דערשראָקן פאַר איר הויך קול. ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז זי קאָן מאַכן אַ סקאַנדאַל: אַזעלכע קאָנען אַלץ. האָבן קיין בושה ניט. מער פעלט ניט, אַז די „דייטשקע" זאָל זיך דערוויסן... און אגב, קאָן זי נאָך זיין אַן אַנגעשטעקטע. מען קאָן קיינמאָל ניט וויסן. און מען קאָן זיך ניט אויסהיטן אויך. ער האָט אַ דערשראָקענער גערעדט:

— זאָל זיין.

— וואָס מיינסטו, מיסטער, "זאָל זיין" ?

דער דאָקטאָר האָט געשמאָלט :

— כ׳מיין, כ׳וויל ניט... זאָל זיין. — און האָט אַרויסגעצויגן פון הויזן קעשענע אַ פינף דאָלאַר נאָט, איר דערלאַנגט און צוגע־לייגט : — גייט געזונטערהייט !...

זי האָט צוגענומען די פינף דאָלאַר, אים חצופיש אָנגעקוקט און פרעך געזאָגט :

— קאָנסט זיין מיט מיר... כ׳האָב פיינט...

— נאָ, נאָ, — האָט ער געמאַכט מיטן האַנט, — ס׳איז אַלרייט... גייט געזונטערהייט, און מאַכט ניט קיין טומל...

ווען זי איז געווען אויף יענער זייט טיר, האָט ער זיך אויסגע־גלייכט, אַרויסגעלאָזן לופט, און דערביי מיט ווייטאָק אַ טראַכט געטאָן, אַז נאָר פון דעם מין קאָנען אַזוי : וואולגאַר און ביליק ביז אַרונטער, און ס׳האָט אים עפּעס פאַר פאַרדראָסן.

ער איז געזעסן אין גרויסן שווערן שטול אַ באַליידיקטער : ליידיק און עלנט, ווי אַ ליידיקע פלאַש. ער האָט כסדר געקוקט אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, געזען דאָס בילד, וואו די יונגע, טוגנט־האַפטע מוטער, מיטן פרום גאָטפאַרכטיק שמייכל אויף די ליפּן, וואָרנט מיטן צייגפינגער דאָס קליינע מיידעלע, וואָס שטייט איינ־געקלעפּט אין איר שויס, אַז זי זאָל ניט טאָן דאָס, וואָס מען טאָר ניט. „קינדעלע איז נאָ גוד״, — האָט, דאַכט זיך, איר יונג אַנגענעם קול גערעדט : — מען טאָר ניט זיין אַ שלעכט קינדעלע״...

ס׳האָט אים פאַרדראָסן : פינף דאָלאַר, ניט געגעסן און ניט געטרונקען. מער מצוה וואָלט געווען, ווען ער וואָלט די פינף דאָלאַר "געליען" דעם מאַלער גאַרדאָן. ער איז עפּעס אַ טשיקאַווער מענטש : הונגערט און קיינער ווייסט ניט. מאָלט בילדער און קיינער קויפט ניט... אַן אמת׳ער אידעאַליסט. אייביק מיט דער לולקע אין מויל... עפּעס אַ מאָדנע זאַך אַ לולקע : האַלסט עפּעס אין מויל, פון וואָס ס׳גייט אַ רויך, ווי פון אַ קוימען, און דער פּנים ווערט עפּעס אין גאַנצן איבערגעאַנדערשט. מענטשן, וואָס רויכערן לולקעס, האָבן גאָר אַן אַנדער אויסזען... כ׳ווייס, ס׳גיט עפּעס צו... אגב, האָט מען וואָס צו נאַנטשען. מ׳איז מיט וואָס פאַרנומען... אפשר, וואָלט ער אָנגעהויבן צו רויכערן אַ לולקע ? ס׳מוז זיין אַ גרויסער נחת־רוח אָבער, מער ווי זיכער, אַז אים וואָלט עס ניט געפּאַסט. ער איז אַ מלמד. אַ קינסטלער איז עפּעס אַנדערש...

ער האָט זיך אויפגעהויבן, דורכגעגאַנגען איבערן צימער, און ס׳איז אים געוואָרן אומעטיק.

אַראָפּכאַפּן זיך האָבן אַ קאַפּע?

ס׳האָט זיך אים ניט געגלוסט לייגן שלאָפן. די אומגעלומפּערטע אַלטע בעט מיט דער פרומער קאָלדרע פון אויבן, האָבן אים איצטער ניט נאָר איינגעלאַדן, נאָר אַרויפגעוואָרפן אויף אים אַ פּחד:
— אין אַזאַ בעט קאָן מען זיך לייגן און ניט אויפשטיין. אַזעלכע בעטן זיינען געוואונשטע פלעצער פאַר שטאַרבן און וואַנצן.

שטאַרבן?

אַ רחמנות צו זיך אַליין. אַ טיפער וויטאַק און אומעט. — און: ער וועט זיך לייגן און ניט אויפשטיין: מען וועט אים געפינען אַ טויטן, אַן אומבאַהאָלפענעם. און וואָס וועט מען מיט אים טאָן? ער איז אַזאַ עלנטער. וועלן די אַלע קאַפּע־הויז פריינט קומען צו דער לויה?... זיי וועלן קומען, אָבער, ווי עלנט זיי וועלן אויסקוקן. טויט: אין ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, געוואָרן אַ ליידיגקייט: דאָס, וואָס ער איז געווען, איידער ער איז עפּעס געווען... אַ גרויסער אומזין. — צוגענומען געוואָרן אין אַ פינצטערער ליידיגקייט. אַ שטיין אין וואַסער: אַ פּאָר רינגען און דערנאָך צוריק אַ גלייכגילטיקע גלאַטקייט. — אַך, אַך, ווי נאַריש.

ער איז געוואָרן אומרואיק. ס׳האָט אים וואָס געשטיקט אין האַלז: — צער און עלנט. נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַן עלנטער... איז עס גוט אַזוי צו בלייבן?... ער איז אַראָפּ אונטן. ער מוז איצט זיין, וואו ס׳איז ליכטיק. זיין אין ערגעץ ווייט פון די מרה־שחורה׳דיקע ווענט און בעט, אין וועלכער מען קאָן זיך לייגן און ניט אויפשטיין.

ער איז אַראָפּ אונטן, אַריין אין אַ קאַפּעטעריע, וואו ס׳האָט זיך געטומלט, ווי אַמאָל אויף אַ וואָקזאַל דריטער קלאַס: מענטשן אַנגעלאָפענע, אַן וואָסער ס׳איז באַציאונג צום פּלאַץ זיינען געקומען און אַוועק. און די, וואָס זיינען געזעסן ביי די אומגעדעקטע טישלאַך, מערסטנס אין זייערע היטלען, האָבן געהאַט אַ מינע: פון אַט־קום־איך און אַט־גיי־איך.

דער דאָקטאָר האָט זיך דערפילט אומבאַדייטנדיק און וואַכעדיק: פונקט, ווי אין אַ באָד.

ער איז צוגעקומען צום קאָנטער, גענומען אַ קאָפּע קאַפּע, זיך

צוגעשפּאַרט צו אַ טישל פון ווילד פרעמדע. ער האָט געקוקט אין אַלע זייטן, געלעכצט נאָך אַ באַקאַנטן פּנים. ביי אַ טישל גאָר צום סוף זיינען געזעסן צוויי מיידלאך: ביידע בלאָנדע. ס'האָט אים עפּעס אַ צופּ געטאָן ביים האַרצן. אָבער ער האָט אַ טראַכט געטאָן: פון זעלביקן חדר ווי יענע... עפּעס איז ער ניט פּאַר אַזעלכע. ס'מוז עפּעס זיין דער מער מיט זיין אויסזען. — אַ מלמד...

ביים אַרויסגאַנג, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אָן אַ מיידל, אַ שוואַרץ חנ'עוודיקע, מיט צעפּודלטע וואָליגע האָר, גרויסע קיילאַכ־דיקע אויגן, אָנגעטאָן נאַכלעסיק, מיט אַ בוך און אַ פּאַק צייטונגען אונטערן אָרעם.

— דאָקטאָר?

און דאָס מיידל האָט אים אָנגעקוקט, און ליבלאָך געשמייכלט.

— אָ, מיס פרענקל, — האָט ער אַ זאָג געטאָן, און איז ניט געווען אין גאַנצן זיכער אויב ער מאַכט ניט אַ טעות.

— איר געדיינקט מיין נאָמען, — און זי האָט נאָך מער ליבלאָך געשמייכלט: — וואָס מאַכט איר, דאָקטאָר? איר גייט?

דער דאָקטאָר האָט זיך דערמאָנט ביי וואָס פאַר אַ געלעגנהייט ער האָט זי באַגעגנט און ס'איז אים איינגעפאַלן, אפשר וועט זי גיין מיט אים צו זיין די נאַכט, אָבער זיין קוק איז געפאַלן אויף איר זייט פון פּנים, וואָס האָט זיך געפונען אין פולער ליכט, און האָט באַמערקט אַן אומנאַטירלאַכע גלאַטקייט אַרום דער קין, ווי איינעם, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געראַזירט, און ס'איז אים קלאָר געוואָרן, אַז זי ראַזירט אַ טייל פון געזיכט, — אַן איבלדיק געפיל האָט אים אָנגעגריפן. ער האָט געמאַכט אַן אָנשטעל פון גיין.

— גוט נאַכט, מיס פרענקל, — האָט ער געזאָגט.

— וואָס איילט איר, דאָקטאָר, — האָט זי אויפגעלעבט גע־רעדט, — וואַרט, איך גיי אויך מיט אייך, אויב איר וועט נעמען אַ לאַנגן שפּאַציר...

— דאַנק, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט העפלאַך, — אַן אַנדערש מאָל, איך האָב וואָס צו טאָן... זיך נאָר אַראָפּגעכאַפּט האָבן אַ קאַפּע, — גוט נאַכט, מיס פרענקעל.

ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט דער גאַס, געזוכט אַריינצופאַלן אין אַ צושטאַנד פון גלייכגעוויכט. ס'איז אים אַרויף אויפן זינען די צייט, ווען ער, אַ גרינער, איז צום ערשטן מאָל געגאַנגען איבער דער

גאַס און געקוקט אַזוי נייגעריק אויף אַלץ און אַלעמען און געוואָלט דערגיין דעם זין, און ס׳האָט אים איצט פאַרדראָסן פאַר יענער צייט: — יוגנט. ס׳איז אים איצט געווען קלאָר, אַז יוגנט זוכט זין, יוגנט רעוואָלטירט. אָבער רייפקייט, עלטער, זיינען ווייט פון זוכן זין. ווי די צייטיקע עפּל: באַשטימט אַראָפּצופאַלן. אויפן אָרט איז אים איינגעפאַלן צו פאַרצייכענען דעם רעיון. ער האָט פאַר דעם אַ גוטן פּלאַץ אין זיין עסיי: „טויט ביים שוועל".

אַביסל שפּעטער, האָט ער מיט הנאה געפילט די פרישקייט פון דער ניו יאָרקער יוני נאַכט, געקוקט פאַר זיך אין שטח, געזען דעם הויך אַרויסשטאַרציקן טורעם פון דער עמפּייער־סטייט געביידע און געפונען אַן ענלאַכקייט צווישן שפּיץ און די הויכע צילינדערהיט, וואָס אַנדערע טראָגן אויף די קאָסטיום בעלער.

ער האָט זיך פאַרנומען אין פינפטע עוועניו.

די עוועניו, לכבוד אַ נאַציאָנאַלן יום־טוב, איז געווען באַלויכטן מיט ספּעציעלער באַלייכטונג: אַזאַ הייסע שאַטירונג פון געלבס, וואָס האָט דעם ברייטן, אַפּוויקלענדיקן שטרייף אַריינגענומען אין רשות פון אַ שטראַלנדיקער זודיגקייט. און די אַלע, וואָס זיינען אַריינגעטראָטן אין דעם האַניק פליסנדיקן בורשטין, זיינען באַצויגן געוואָרן מיט אַ נייער הויט.

די ווייט אָפּגעוויקלטע לייגג פון דער עוועניו, האָט אויסגעזען צו זיין באַשפּרינקלט מיט איידלשטיינער: דער עמעראַלד־גרין און רובין־רויט פון די בייטנדיקע פאַרקער־סיגנאַלן. די געלבלאַכע לאַמטערנעס, און גליענדיקע פייערן פון די אויטאָמאָבילן, האָבן זיך אין אומאָרדענונג געצירט אויפן טאַפּאַז גרונט און דערמאָנט אַן גרין און רויט פון ביזאַנטישע קרוינען.

גליטשנדיקע אויטאָמאָבילן, צווייגאָרנדיקע מאַט־באַלויכטענע אָמניבוסן, עלעפאַנטיש אומגעלומפּערט, האָבן זיך גערוקט צווישן די שוואַרץ גלאַנציקע קאַרס, ווי צווישן זשוקעס, געמאַכט דעם איינדרוק פון דורכשניידן אַ יונג קאָרן־פעלד. די בלייכע, ברייטע טראָטואַרן, ליידיק פון די מאַסן דורכגייער, האָבן ווי אָפּגערוט אין דער יום־טוב׳דיגקייט פון דער נאַכט. און פון די זייטן ווענט: געשלאָסענע פאַסאַדן פון מאָדערנער אַמעריקאַנער אַרכיטעקטור. שויפענצטער עקסטראַוואַגאַנט פּאַרפּוצט, כראָמאַטיש און פול מיט שאַרפן אויסדרוק. און אין דער הויך, זיך אויפגיסנדיק מיטן טאָן פון דער לבנה־

נאַכט, אַ משונה׳דיקער זיג־זאַג פון הויכן און שפּיצן: — אַ לופט־דהע־לופט. געביידן, ענלאַך צו די ריזיקע טרעפּ, וואָס נאָר די פיס פון גיגאַנטן קאָנען זיי באַשטייגן, האָבן ווי בערג שווער גערוט אַנטקעגן לייכטערן גרונט פון הימל. — און איבער דעם אַלעם איז אין פול ווערדע געהאנגען אַ מאַגנעטישע לבנה, און די נאַכט איז געווען אַ יוני נאַכט.

דער דאָקטאָר האָט ביסלעכווייז זיך אַריינגעלעבט אין גייסט פון דער פּראַקטיקער עווענין, גענומען פילן, אַז ער איז אַריינגעטראָטן אין אַ שטיינגע ליכט פון גאָר אַ באַזונדער זין און זיין: פול מיט אויפרעגנדיקער וואָרעמקייט און גאָלדענעם שטויב פון דאָס אומבאַ־וואוסטע. ער האָט זיך געפונען אין א אַטמאָספערע, וואָס איז שווער צו פאַרטייטשן, אָבער אין וועלכער מען דערפילט זיך ווי איבערגעפלאַנצט. — און פאַר אים: אַ קלעקיקער שטרייף פון האָניק פליסנדיקן בורשטין: אַן עווענין וואָס ציט זיך און ציט זיך אָן אַ סוף.

זיין אומצופרידנקייט איז מיטן ווייטערדיקן גאַנג איבער דער עווענין פאַרשוואונדן. זיין פריערדיקע צערייצטקייט האָט זיך אונטער דער כישוף׳דיקער ווירקונג פון דער בורשטינענער באַלייכטונג גע־נומען אפּזעצן: — און אָט איז ער געוואָרן, ווי אַ טייך פאַרטאָג: קלאָר און דורכזיכטיק. ער האָט מיט אַ וואוילגעלעטנדיקער הנאה געפילט, ווי אַ פאַרשלעפּערדיקע פרידלאַכקייט לאָזט זיך אויף אים פון ערגעץ אַראָפּ: אַזאַ רואיגקייט, אַזאַ נחת־רוח. אַזאַ גלייכגעוויכט, אַזאַ זאַך, וואָס שיילט אויס דעם געמיט פון זיין גראָבער שאָלאַכץ, און לאָזט אים אַ ווייַלע הנאה האָבן פון דער אייגענער נאַקעטקייט: —

און אַלץ אין דער וועלט פליסט, — פליסט אָן אַ צוועק און אָן אַ חשבון. פליסט אין ערגעץ וואו ס׳איז קיין ערגעץ ניט. פליסט אין צייט, וואו ס׳איז קיין צייט ניט. אַן אייביקע פינטלעניש און זשור־מעניש. ניטאָ קיין אָנהויב, ניטאָ קיין סוף: אייביק אַ מיטן. ניטאָ קיין געבורט, ניטאָ קיין טויט: — תמיד אַ לעבן. פאַרן גרויסן וועלטגעדאַנק איז ניטאָ קיין טויט: ער זעט אייביק לעבן. — אָבער, וואו וועל איך זיין אין דרייסיק יאָר פון איצטער?

אַ געפיל פון אָנגרייפנדיקן טרויער, — און אַרום אַזאַ זודיקע בורשטינענע ליכט, און מאָדנע, ווי די עווענין זעט איצט אויס. וואו ווערט זי פאַרפאַלן? מאָדנע, ווי די פייערן פון די לאָמפן ציען זיך,

ווי מעשענע קנעפּ אויף אַ מונדיר, און ס'איז אים איינגעפאַלן: ווען די ערד גיט זיך פּלוצים אַ שטאַרקן טרייסל.

אַ שוידער איז געקראָכן איבער זיין רוקן.

צוריק אין גאַס, וואו ער האָט געוואוינט, האָט ער ביים ראָג גאַס אָנגעטראָפן צוויי אויפגעלעבטע מיידלאַך, וואָס זיינען אַרויס פון אַ „ספּיק־איזי". איינע איז געווען אַ בלאָנדע, אַן אויפגעלעבטע, וואָס האָט אויף אים אַזוי גוט, אַזוי שמייכלענדיק געקוקט.

— אָל אַלאָן? — האָט זי אים באַגעגנט.

— וואוד יו לייק טו גאָ וויט מי? — האָט ער וואוליוונגעריש געשמייכלט, און זיך אַליין געוואונדערט אויף זיין מוט.

אָ, יעס, — האָט זי געזאָגט און אים גלייך אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם. — און ווענדנדיק זיך צום אַנדער מיידל האָט זי געזאָגט: — זאָג דזשעק'ן איך וועל אים מאָרגן זען.

און ביידע האָבן זיך פאַרקירעוועט אין דער נומערירטער גאַס.

4.

ס'איז עפּעס דער מער מיטן דאָקטאָר

דעם דאָקטאָר'ס טישל פּריינט פון קאַפע־הויז, ווי סעם דער טעאָטער מענטש, עדי דער פּראַנט און די איבעריקע, האָבן לעצטנס איינגעזען אַן ענדערונג אין דאָקטאָר: ניט דער זעלביקער וואָס געווען. דער דאָקטאָר פון זיין זייט, האָט פּאַמעלאַך און זייער פּאַר־זיכטיק, ביי יעדער געלעגנהייט, געגעבן אָנצוהערניש, אַז ער בייִנקט נאָך אַן אייגן ווינקל און היים: זיין ווירטין די דייטשקע איז אים שוין אַריין אין די ביינער.

— און גאָר צום סוף מוז דאָך יעדער מענטש האָבן אַן אייגן ווינקל. די נאַטור באַשטייט פון פּאָרן זיך, — האָט ער איינמאָל, ווי כלאחר־יד, געלאָזט פאַלן אַ לעבנס־ווייזהייט.

אַן אַנדערש מאָל:

— קעלט אין זומער, וואַרימקייט אין ווינטער, — און דער ווינטער איז אויפן שוועל.

און זיינע פריינט, האָבן שוין וועגן דעם ניט איינמאָל איבערגערעדט.

— ע, ברידער, — האָט איינמאָל אין אַ נאַכט סעם דער טעאַטער מענטש גערעדט, און דערביי געהאַט אַן אומעטיקן פּנים, — ע, ברידער, ס׳איז ניט גוט. כ׳האָב אָפּגעקוקט, און איך גלויב, אַז מיט אונזער דאָקטאָר איז עפּעס ניט גלאַט. מיר דוכט זיך, אַז ער איז געכאַפּט געוואָרן אין דער מעשה. כ׳האָב מורא, באַיעס, אַז מיר גייען פאַרלירן דעם דאָקטאָר. הלואי זאָל איך ליגן זאָגן. עפּעס געפעלט ער מיר ניט... גוט ביי...

און ער האָט גענומען מיט אַ טרויעריק אָנשטעל זינגען די ערשטע טענער פון אַ באַקאַנטן לויה־מאַרש.

הערמאַן דער מוזיק ליבהאָבער איז אָנגעפאַלן אויף סעם דעם טעאַטער מענטש:

— מירן דיר גלויבן, אַז דו וועסט ניט זינגען... אָבער אַ שפּאַס אָן אַ זייט... עפּעס איז געשען... כ׳האָב מורא...

— מען קען נישט וויסן, — האָט דער פּאָעט גרינשטיין אַ זאָג געטאָן, ניט פאַרלירנדיק אַ טראָפּן פון זיין יום־טוב׳דיקער געמיט־לאַכקייט. — ס׳איז גאַנץ נאַטירלאַך. מעגלאַך געקומען צו אַ געוויסן פונקט... די זאַכן אייגענטלאַך ווי מען וויל...

דער מאָלער האָט געריוכערט פרידלאַך די לולקע, געקוקט אין שטח און גאָרנישט באַמערקט. דערפאַר האָט שוין עדי דער פראַנט די זאַך געבראַכט צו אַ זייער כאַראַקטעריסטישן אויספיר.

— אוי פאַלן זיי, אָט די אַלע קנאַקערס, — האָט ער גערעדט.

— ווי זיי דערשמעקן אַ ״סקוירט״... איי, דאָס ביסעלע ״יענע זאַך״...

אין אַ צייט אַרום איז פאַר זיי אַלעמען קלאָר געוואָרן די סיבה פון דער ענדערונג אין דאָקטאָר.

פאַרן דאָקטאָר האָט זיך די זאַך אַזוי אָנגעהויבן:

אַ יונגע, שיינע פרוי, געשיידט פון איר מאַן, מיט גרויסע אַמביציעס, און גוטע אָנלאגן אַלס עמאַציאַנעלע שוישפּילערין, האָט איינמאָל נאָך אַ דערפאָלגרייכע פאָרשטעלונג זיך באַקענט מיטן דאָקטאָר און דערביי אין אים געטראָפן אַ גרויסן פאַרערער פון איר אַפּילן, און זי האָט זיך צו אים גענומען פאַרהאַלטן אַזוי, אַז ביי אים, האָט אייניקע מאָל אין פאַרלויף פון דער נאַכט, דאָס האַרץ גענומען סינקאָפּירן, דערהויפּט דעמאָלט, ווען ער האָט אונטערן טיש דערפילט איר זייט פוס איינגעפּרעסט אין זיינער.

ער איז דעמאָלט געזעסן ווי אויף קראָפיווע: ס'האָט אים געהויבן אין לופטן, און אין דערזעלביקער צייט דערפילט אַ מאָנענדיק באַגער אין זיין לייב און בלוט. קוקנדיק פון דער זייט אויף דער גוט געענערטער אַקטריסע מיט די גלאַנציקע פלאַקסענע האָר, שיין אָנגעמאָלענעם הויטפאַרב און קלאַסישן פראָפיל, האָט ער מיט טיפן ווייטיק דערזען, ווי הינטער אים ליגן, ווי טויטע בלעטער, צעשפרייט די יאָרן, — יאָרן אַזוינע מאָגערע, גרויע אָן אַ טראָפן פאָעזיע און זונשיין.

און ס'האָט זיך אים געדוכט, נאָכדעם, ווי זי האָט אים געלאָזט פילן די פולע ווייכקייט פון אָרעם און לענדן, אַז אַ דערהויבענער געניוס וויקלט אים אַרום און זאָגט צו אַ סך גליק און פרייד.

אין יענער נאַכט איז זי אין זיינע אויגן געווען די שענסטע פרוי, אַפילו די בעסטע שוישפילערין — פון דוזע קלאַס, כאָטש ער האָט קיינמאָל דוזע'ן ניט אָנגעקוקט. ער האָט'ס דירעקט ניט אַרויסגעזאָגט, אָבער זי, די שעלמע מיטן קלאַסישן פראָפיל, האָט'ס גוט פאַרשטאַנען, געדרונגען פון זיין האַלטונג און אים דערפאַר באַלוינט אויף איר שטייגער: די בלויע אונטערגעפירטע אויגן האָבן אים מיט פיל באַדייט געגלעט, און אירע פיס האָבן פלייסיקער געזוכט די זייניקע אונטערן טיש, — און ער ווי אַ יונג בחור'ל, האָט זיך פון צייט צו צייט געריוויטלט.

ביים שיידן זיך, האָט ער מעשה אייראָפייער זיך טיף פאַרנייגט, געקושט די האַנט און געזאָגט האַלב שעמעוודיק, אַז ער איז „גליקלאַך מיט איר באַקאַנטשאַפט".

דערנאָך איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרטראַכטער, אַ שווייגנדיקער, גע'חלומ'ט, פאַנטאַזירט און צום סוף געוואָרן אַן אָפטער באַזוכער אין טעאַטער, וואו זי האָט געשפילט, און גאַנץ אָפט האָט מען זיי געזען אַריינמאַרשירן נאָך דער פאָרשטעלונג אין קאָפע־הויז.

זי, פון איר זייט, האָט אין אים אַריינגעפלאָסן מוט: געווען צו אים זייער צוגעלאָזט, זיך גע'עצה'ט מיט אים וועגן אירע ראָלן און אַלערליי שוישפילערישע אינטערעסן און קלייניגקייטן. ער איז געווען גליקלאַך און אָפט געטראַכט וועגן אַ תכלית.

— נו, דאָקטאָר, וואָס הערט זיך עפעס? — האָט אים סעם דער טעאַטער מענטש איינמאָל אַ פרעג געטאָן, ווען דער דאָקטאָר איז צוגעקומען צום טישל מיט אַ ווייסע בלום אין לאַץ.

— אַלדאָס גוטס, באַיעס, — האָט דער דאָקטאָר מיט ברוסט־שטים געענטפערט. — אָבער, איר וועט מיר מוזן אַנטשולדיקן. איך מוז זיך אײַלן, דאַרף אימעצן באַגעגענען.

ווער דער „אימעצער” איז געווען, האָבן זיך אַלע לייכט אָנגעשטויסן, און יעדער באַזונדער האָט אויף זײַן אופן געשמייכלט אין די וואָנצעס.

— ער זינגט שוין גאָר אַנדערש, דער הער דאָקטאָר. — האָט עדי דער פראַנט גערעדט. — אָבער ער וועט בײַ איר קריגן אַ פײַג ... דער „דאָר־מען”, דער קאַרפּענטער, — אָבער ער? ...

און האָט שפּיציק געשמייכלט.

דער מאָלער, האָט ווי תמיד, גערויכערט די לולקע, געקוקט אָן וועלכן ס׳איז אַנטייל אין חלל און דערנאָך צו זיך אַליין געזאָגט:

— די פליגן לאָזן ניט לעבן. —

און דאָס איז געווען זײַן גרעסטע רעדע פאַרן אָוונט.

— יע, אַזוי איז שוין, — האָט הערמאַן דער מוזיקליבהאָבער מוזיקאַליש געזיפצט: — דער קרוג גייט אַזוי לאַנג צום ברונעם ביז ער צעברעכט זיך...

דער דיכטער גרינשטיין, שטײַף, ווי אַ צייכנונג פון אַ שלעכטן מאָלער, האָט אויף זײַן שטייגער אויסגעדריקט זײַן באַציאונג און אינטערעס מיט דעם, וואָס ער האָט אַריבערגעפירט זײַן פּעטלאַכע, מלמד׳ישע האַנט איבערן אָנ׳סופ׳יקן שטערן און מיט פילאָזאָפישן פּאַטאָליזם אַרויסגעזאָגט:

— ס׳איז אייגנטלאַך ניט צו וואונדערן זיך: ס׳איז געשען...

דערווײַל זײַנען פאַרן דאָקטאָר אָנגעשטאַנען גאָר אַנדערע טעג און נעכט. ער איז מיטאַמאָל געוואָרן פאַרנומען און פאַר׳עסק׳ט, און ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז ער איז מיט עפּעס איבערגעפילט, און אַז תמיד האָט ער וואָס צו טאָן: דאָ דאַרף ער גיין אַהער, דאָ אַהין. דאָ דאַרף ער טעלעפאָנירן, דאָ דאַרף ער גיין אין טעאַטער, דאָ דאַרף ער זיך זען מיט אַ טעאַטער קריטיקער, דאָ דאַרף ער קויפן בלומען, קורץ ער האָט דערפילט, אַז ער איז עפּעס וויכטיק. מיט אַמאָל אַרײַנ־געפאַלן אין אַ שטראָם פון דערשײַנונגען און זײַן לעבן איז שוין מער ניט ליידיק און גרוי. ער האָט אַ צוועק פאַר זיך. אַ נײַע עוועניו האָט זיך געעפנט. און איינמאָל האָט ער געהאַט אַ באַ־שטימטן געשפּרעך מיטן דראַמאַטישן קריטיקער פון אַן איינפלוסרייכע

נאַכמיטאָג צייטונג, זיינער אַ קאָלעגע — אויך אַ שווייצאַרישער דאָקטאָר. זיין צוועק איז געווען צו געווינען דעם דראַמאַטישן קרי־טיקער, אַז ער זאָל וועגן א י ר שרייבן.

דער דראַמאַטישער קריטיקער פון דער איינפלוסרייכער נאָכמי־טאָג־צייטונג איז גראָד געווען זייער מילד, זיך געלאָזן ריידן, געקוקט דורך די דיקע ברילן קעלבעריש און אַלץ געזוכט צו באַווייזן, אַז ס׳פעלט איר „שולע״, דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז זי האָט זייער „פיל״ נאַטירלאַכן טאַלאַנט. אום אין דעם פונקט צו קלאָרער מאַכן זיין בליק און „אָנזיכט״ האָט ער מיט אויטאָריטעט גערעדט:

— איר ווייסט דאָך, דר. לעווענזאָן, אַז אַ דימענט איז נאָר דעמאָלט, דאָס וואָס ער איז, ווען ער איז מייסטערהאַפט געשליפן. דאָסזעלביקע איז אויך מיט אַ שוישפּילער... אָט, וואָס דאַרפט איר מער? נעמט דעם גאַטזעליקן קעסלער. דער פאַרשטאָרבענער קעס־לער איז געווען אַ גרויסער בריליאַנט, אָבער אַ רויער... אום די זאַך צו מאַכן קלאָר, וועל איך אייך ברענגען אַ ביישפּיל, טאַקע פון אייער מרס. העלען קראַוועץ... איר געדענקט מסתמא אין דער „חתונה־נאַכט״, וואו זי שפּילט אַלס שפרה? איר געדענקט דאָך, ווען זי האָט אַן אונטעררייידונג מיט איר מאַן און דערווייזט אים, אַז ער האָט ברוטאַל דער׳הרג׳עט איר ליבע. איר געדענקט אירע ווערטער? זי זאָגט אַזוי: „דו האָסט אַרויסגעצויגן דאָס בעסטע פון מיין האַרץ. ווי אַ בין ביזטו פול געוואָרן מיט האָניק, און איך מיט ביטערקייט״... נו, היינט, ווען אָט די גאָלדענע ווערטער ווערן אַרויסגעזאָגט פון אַ געשולטע שוישפּילערין, וואָלט דאָס טעאַטער געגאַנגען כּאַדאָראַם... אַזוי איז עס אַראָפּ לעבלאָך... איר פאַרשטייט, דאָקטאָר לעווענזאָן, דאָס איז דער כּוח פון „שולע״...

דער דאָקטאָר האָט אייגנטלאָך אַלץ פאַרשטאַנען. ער האָט אַמאָל געשטודירט די געשיכטע פון טעאַטער, אָבער ס׳איז פאַרט אויסגעקומען עפּעס ניט דאָס, דערהויפּט וואָס ער נעמט׳ס אַזוי שווער און ערנסט: מען קאָן דאָך אַביסל נאָכלאָזן. די וועלט גייט ניט אונטער. ער האָט גערעדט:

— אָבער, דאָקטאָר, איר וועט דאָך צוגעבן, אַז זי פאַרדינט מער אויפמערקזאַמקייט, און זי מאָג באַמערקט ווערן.

אָ, יאָ, וועגן דעם איז קיין פראַגע ניט.

—טאָ פאַרוואָס זאָלט איר ניט אָנשרייבן אַזוינס, וואָס זאָל איר צוגעבן מוט... זיי ווייסן דאָך, אַז דערמוטיקונג איז פאַרן קינסט־לער די בעסטע רפואה... איך דאַרף עס אייך אייגנטלאַך ניט דערציילן...

דער דראַמאַטישער קריטיקער האָט זיך געלאָזט דינען, אָבער ער איז באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע וואָס איז שייך „שולע". ער האָט גערעדט.

איך ווייס— דאָס אַלץ, אָבער, הער דאָקטאָר, זי האָט גאָר קיין „שולע" ניט... די שולע פון דראַמאַטיק־קלוב רופן זיי "שולע"... זי מוז זיך צוימען. זי מוז זיך נעמען אין די הענט!...

דער דאָקטאָר האָט אים פאַרשפּראָכן, אַז זי וועט זיך נעמען אין די הענט, און דער דראַמאַטישער קריטיקער האָט אים צוגעזאָגט ביי אַ געלעגנהייט צו דערמאָנען איר צום גוטן.

אין דערזעלבער צייט איז זיין לימוד אין תלמוד־תורה פאַר אים געוואָרן אַן אָפּקומעניש. ס'האָט זיך עפּעס ניט געקלייעט. ס'איז געגאַנגען מיט דער פּוטער אַראָפּ. דערהויפּט האָט אים אַרויסגעבראַכט פון די כלים איין לערער, וואָס האָט לעצטענס אויף אים גענומען קוקן כסדר מיט די קאָסאָקע אויגן, אין דער צייט, וואָס אַזאַ שמוציק־ווייסנדיקער שמייכל פלעגט דעקאָרירן זיינע צוויי גראָבע מעלה־גרה'דיקע ליפּן. ס'האָט זיך אים אַלץ געדוכט, אַז יענער האָט שטענ־דיק אין זינען די „געשלעכטלאַכע באַציאונגען", וואָס ער מוז האָבן מיט דער אַקטריסע, און דאָס האָט אים אויפגעבראַכט ביז צו שוימען. אויך איז אים דערגאַנגען די יאָרן אַ בחור'ל פון אַ יאָר פערצן מיט אַ פּאָר גראָבע באַקן און ליפּן, און ער האָט שטענדיק געהאַט אַזאַ פּילן, אַז הינטער די פּליִיצעס שטעלט ער אים אַרויס אַ צונג ווי „אַ לאַפּעטע", און דאָס האָט אים אַזוי פאַנאַנדערגעשרויפט, געמאַכט אַזוי קליין און אומבאַדייטנדיק, — און גראָד איצט האָט ער זיך געוואָלט פּילן חשוב און וויכטיק: — קלייניגקייט און אומבאַדיי־טענדקייט זיינען סם פאַר ליבע. מענטשן, וואָס זיינען קליין און אומוויכטיק טאָרן ניט ליבן...

ער האָט געטראַכט און געטראַכט, געהאַט אַ פאַרלאַנג, אַז זיין לעבן זאָל האָבן אַ שינוי: עפּעס זאָל ער ווערן מער דערהויבן. ער האָט געטראַכט וועגן איבערגעבן זיך אין גאַנצן דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, ווערן עפּעס וויכטיק און אָנגעזען.

אַמאָל פֿלעגט אים איינפֿאַלן, אַז אויב ס׳וואָלט אים געלונגען צו האָבן מיט איר גאָר אינטימע פֿאַרהאַלטניש, וואָלט ער מיט איר געווען זיכער: פֿרויען זיינען אין דעם פֿרט אַנדערש ווי מענער: בינדן זיך מער צו. — אָבער?...

און ס׳האָט אים דערנאָך פֿאַרדראָסן, וואָס ס׳טראַכט זיך אים אַזוי: ס׳איז עפּעס ניט ציכטיק.

די אַקטריסע האָט זיך דערווייל גענומען צוגרייטן אַרויסצוטרעטן אין אַ זייער קאָנטיקע ראָליע אין אַ גאָר שפּאָגל־נייע שטיק, ספּעציעל געשריבן פֿאַר איר פֿון אַ באַקאַנטן ליטעראַרישן דראַמאַטורג, מיט דער גוטער כונה צו ווייזן איר שוישפּיל־קונסט און טעמפּעראַמענט פֿון אַלע ווינקלען. דער דאָקטאָר איז צוליב דער באַגעבענהייט געוואָרן זייער פֿאַרנומען און פֿאַר׳עסק׳ט און געווידמעט זיין גאַנצע לײדיקע צייט צו העלפֿן מאַכן אַ דערפֿאָלג די פֿאַרשטייענדיקע אונטערנעמונג.

ער איז געווען זייער גליקלאַך, ווען ער האָט אין אַ וואָך אַרום, נאָך זיין אונטעררײדונג מיטן דראַמאַטישן קריטיקער, געלייענט אין פּרייטאָגדיקער צייטונג אויף דער טעאַטער זייט אַ טעאָרעטישן אַרטיקל וועגן די נויטיגקייט פֿון אַריינשפּריצן ניי בלוט אין אידישן טעאַטער. דערביי זיינען אָנגעמערקט געוואָרן אייניקע נעמען, וואָס „פֿאַרשפּרעכן זייער פֿיל“, און איינער פֿון די נעמען איז געווען דער נאָמען, וואָס איז אים אַזוי טייער געוואָרן לעצטנס. ער האָט זי אַפֿילו אויסגעצייכנט, וועגן איר גרויסהאַנטיק געשריבן:

זי (העלענא קראַווען) האָט אין זיך אַ סך איינגעבאָרענעם חן, ווי אויך די גאָט־געבענשטע מעלה פֿון טיף אַריינדרינגען אין דער פּסיכיק פֿון איר פֿאַרגעשטעלטע פֿרויען פֿיגורן. אירע גייסטיקע ליידן זיינען אמת׳דיק און איבערצייגנדיק. אין דעם פֿרט האָט זי זייער פֿיל אַלגעמיינס מיט דער באַרימטער איטאַליענישער שוישפּילערין מימי אגוליע. דאָס איינציקע, וואָס איז דערווייל נאָך ניט אין גאַנצן צופֿרידנשטעלנדיק, איז דאָס, וואָס זי איז נאָך אַליין ניט זיכער מיט זיך און מאַכט אָפּט דעם איינדרוק פֿון אַ נעאָפֿיט. אָבער, דאָס איז צו איבערקומען: שולע און צייט גלעטן עס אויס...

נאָכדעם, ווי העלענא קראַווען, האָט׳ס מיט מאַטערניש איבערגעלייענט איז זי געווען זייער גליקלאַך, און אין יענעם אָוונט האָט זי אים געגעבן דעם ערשטן קוש, וואָס האָט געשמעקט מיט פּעפּער־

מינט. דערנאָך, האָט זי אים געפרעגט וואָס ס׳מיינט „נעאפיט״. ער האָט איר גערן און געדולדיק דערקלערט דעם זין פון אַרטיקל, און זי, אַזוי ווי אים באַלוינען האָט זיך געדריקט צו אים און מיט עפעקט דערקלערט אַז זי איז „העכסט״ גליקלאַך.

די קאַפע־הויז חברים, האָבן אים זעלטן ווען אָנגעקוקט. זיין כבוד־פּלאַץ נאָך צוועלף אַזייגער ביינאַכט איז געווען ליידיק, אָדער פאַרנומען פון אַן אַנדערן, ניט אַזאַ קאַנטיק מיטגליד. און יעדע נאַכט, ווי די קאָמפּאַניע איז געווען איינגעזעצט אַרום טישל, האָט יעדער איינער אויף זיין אופן געמוזט מיט באַדויערן עפּעס באַמערקן וועגן דאָקטאָר׳ס אַפּוועזנהייט:

— פאַרלאָרן דעם דאָקטאָר, ווי אין וואַסער אַריין.

— אַן עברה. עפּעס פעלט.

— וואָס קאָן מען העלפן?

— אָבער איז ער געפאַלן, — ווי אַ פלאַכטע.

— איר׳ט גלויבן, — האָט סעם דער טעאַטער מענטש גערעדט מיט האַרץ און אַלעמען אַזוי אומעדיק אָנגעקוקט, — איר׳ט גלויבן, מען טאָר דאָס דאָך ניט זאָגן, — דער דאָקטאָר פעלט. איר׳ט דאָך לאַכן, אָבער כ׳וויל׳ס פון מויל ניט אַרויסרעדן: פּונקט ווי גע־שטאָרבן... קומט צו גיין עפּעס אַ פרעמד... ווייסט זי דער גוטער יאָר, און נעמט צו... איר׳ט אייך זאָגן וואָס איר ווילט, אָבער איך קאָן עס ניט פאַרשטיין..

און דער דאָקטאָר איז געווען פאַר׳עסק׳ט. ס׳האָט זיך אים געדוכט, אַז ער איז באמת פאַרליבט. די ביינקעניש, דער באַגער, דער ווייכער אומעט, — און איז דאַרום געווען זייער עמפּינדלאַך צו אַלץ, וואָס איז נאָר געווען שייך דער אַקטריסע, און זיך ווי אַ שעמעוודיק אינגל געררויטלט ביי דער מינדסטער געלעגנהייט.

צייטנווייז, האָט ער זיך זייער געשראָקן פאַר דער גאַנצער ביי געשאַפענער לאַגע: ער נאָך אַלעמען איז געווען אַ שטילער צוריקגע־האַלטענער מענטש, און דאָ איז ער מיטאַמאָל געוואָרן קאַנטיק, זיך געמומען וואָרפן אין די אויגן. אַריינגעפאַלן אין אַ קרייז, וואו אַלץ איז נאָר אַן אָנשטעל. קיין זאַך ניט עכט און אויפריכטיק. אַלץ איז אויסגעשטעלט אין פראָנט: אַ קאַרטאָנענער פאַסאַד, בלינדע פענצטער און באַגולטע טורעמס: קוני־איילאַנד. ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ חברותא, וואו אַלץ איז נאָר אַ שפּיל, — נאָך אַ שלעכטס

שפּיל דערצו, אַחוץ דעם, האָט ער זיך געשראָקן, אַז זי זאָל האָבן אַ דורכפאַל.ס׳האָט אים אויף אַ רגע ניט געקימערט דער מאַטעריעלער דערפאָלג. ווי באַוואוסט: שלעכטע צייטן, קינעמאַ, דאָס לעגיטימע טעאַטער פון דער גאַנצער וועלט גייט צו גרונט, בפרט נאָך דאָס אידישע טעאַטער. פאַרוואָס ער האָט יאָ מורא געהאַט, איז געווען די מעגלאַכקייט, אַז זי זאָל זיין לעכערלאַך: די ראָלע אירע אַ העכסט מעלאָדראַמישע, וואו זי דאַרף שרייען, וויינען, זיין היסטעריש, — און איין האָר ניט אַזוי, איז מען לעכערלאַך. אַ שוידער איז געקראָכן איבער זיין רוקן.

ווען ער האָט די דאָזיקע אַנגסט איינמאָל אין אַן אָוונט זייער פאַרזיכטיק אַרויסגערעדט פאַרן דיכטער שלום גרינשטיין, האָט אים יענער, ווי אַ סטאַטוע פון אַ שלעכטן סקולפּטאָר, קאַלט אָנגע־קוקט און זייער אומבאַלאַנגט אַרויסגעזאָגט:

— אייגנטלאַך, הער דאָקטאָר, קאָן מען ניט וויסן: ס׳איז ווי אַמאָל. נאָר איך באַרעכן, אַז ס׳דאַרף זיין אַ דערפאָלג.

דער דאָקטאָר האָט געזוכט מיטגעפיל און איז געוואָרן דעריבער אַביסל אויפגערעגט. ער האָט מיט האַרץ גערעדט:

— אָבער, הער גרינשטיין, די פראַגע איז צי ס״קאָן פּאַסירן, אַז זי זאָל האָבן אַ קינסטלערישן דורכפאַל. איר זייט דאָך גוט באַקאַנט מיט דער לאַגע. זיי קאָנען דאָך זייער גוט דאָס טעאַטער. האָבן אַ באַגריף אין דער שוישפּיל־קונסט, — וואָס זאָגן זיי אין דיזן פאַל?...

דער דיכטער איז אויף אַ האָר ניט געוואָרן גערירט פון דעם דאָקטאָר׳ס ריין מענטשלאַכע וועגדן זיך נאָך טרייסט. ער האָט געקוקט פאַר זיך מיט דעם אומבאַוועגלאַכסטן פּנים אויף דער וועלט און באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע:

— מען קאָן ניט וויסן. זיי ווייסן דאָך: אַמאָל, אַזוי, און אַמאָל אַזוי...

דער מאָלער גאָרדאָן האָט פיינט געהאַט טעאַטער און נאָך מער די אַקטיאָרן. מיט דעם מינימום צאָל ווערטער פלעגט ער אויסדריקן זיין באַציאונג: „קיין קונסט, קיין קינסטלער״. ער האָט פון זיין ווינקל געקוקט אויפן דאָקטאָר, ווי אויף אַ פאַרפירטן. ער האָט דעם גאַנצן ענין אָפּגעפּטר׳ט מיט אַ פּאָר העפטיקע צי פון דער לולקע און זייער אַ מאָלערישן פאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— קיין אַנונג, דאָקטאָר.

דער איינציקער, סעם דער טעאַטער מענטש, אַ ידען אין די ענינים, האָט דעם דאָקטאָר געמוטיקט, אים פֿאַרשפּראָכן דערפֿאָלג אַרום־און־אַרום.

— איר מעגט רואיק שלאָפֿן, דאָקטאָר. הערט זיך ניט צו, וואָס די יאָלדן זאָגן. וואָס ווייסן זיי פֿון די זאַכן ? איך פֿאַרזיכער אייך, דאָקטאָר, און איר ווייסט דאָך, אַז איך ווייס... זאָג איך אייך, אַז ס'וועט זיין ביג, ביג — אַ גרויסע נאַכט. אַ פֿול הויז מיט „סטענדינג רום".

און דער דאָקטאָר האָט שטיל געזיפֿצט : הלואַי.

.5

דער דאָקטאָר שטויסט זיך מיט טויט

אַ פּאָר וואָכן פֿאַר דער פֿיל דערוואַרטעטער פֿאָרשטעלונג איז דער דאָקטאָר געוואָרן זייער פּאַר'עסק'ט. זיין צייט איז ניט געווען זיינע, ווייל ער האָט'ס געווידמעט צום דערפֿאָלג פֿון דער אונטערנעמונג, און זייער פֿיל, ווי די מרס, קראַוועץ האָט זיך אויס־געדריקט, איז אָפּגעהאַנגען פֿון דאָקטאָרס ווילן צו זען מאַכן די פֿאָרשטעלונג פֿאַר אַ דערפֿאָלג.

אין זיין אַרבעט איז אויך אַריין דאָס באַזוכן די רעדאַקציעס און זיך זען מיט יענע, וואָס האָבן צו טאָן מיט טעאַטער נייעס. דער צוועק איז געווען רעקלאַמע, ווייל מרס. קראַוועץ האָט געשטרעבט נאָך אַ סך „פּובליסיטי".

— דאָקטאָר, — האָט זי ווייך גערעדט, אים געגלעט מיט די אויגן, און געלאָזט פֿאַלן איר פֿיין געפֿאָרמטן אָרעם אויף זיינעם, — דאָקטאָר, ס'מוז זיין אַ סך „פּובליסיטי". מען קאָן זיך ניט פֿאַר־לאָזן אויף דעם, וואָס די שרייבערלאַך וועלן זיך דערמאָנען צו געבן. מען מוז זיי מונטערן, מען מוז זיי גלעטן...

און ביידע זאַכן האָט ער זייער פֿיינט געהאַט.

— זייט רואיק, מאַדאַם קראַוועץ, — האָט ער איר געטרייסט, —ס'וועט זיין אַלץ באַזאָרגט, — און האָט איר צוגעוואָרפֿן אזא וואַרימען און אונטערטעניקן קוק.

אין דער אמת'ן, איז אים דער גאַנצער עסק געוואָרן פֿאַלן שווער.

אין די רעדאַקציעס האָט מען אים קאַלט אויפגענומען, און ער האָט געגומען פרוירן. פון אָנהויב האָט ער געהאַט אַ געפיל, ווי ער וואָלט אַריינגעקומען אין אַ געשעפט פון זויערס: אויף אַלץ און אַלעמען איז געלעגן דער אומפאַרמיידלאַכער שטעמפל פון אומאַנגענעמע זויערקייט. אַלע אַזוי האַלצעדיק שטייף און מעכאַניש: קיין שפור פון געפיל און פריינטלאַכקייט אויף אַ פנים, און דער דאָקטאָר האָט בשום אופן ניט געקאָנט באַגרייפן פאַרוואָס ס׳דאַרף אַזוי זיין. ווארום ווערן מענטשן אַזוי געענדערט? און די מענטשן זיינען דאָך אַלע זיינע גוטע באַקאַנטע. — אין קאַפע־הויז שמייכלען זיי דאָך יאָ אַמאָל!

דאָס אַליין וואָלט נאָך ווי ס׳איז אָפּגעגאַנגען ווי אַ געוויינלאַכע אומאַנגענעמע אַנטוישונג, וואָס מען באַקומט זייער אָפט, אָבער וואָס אַנדערש האָט געטראָפן, וואָס האָט אים אין גאַנצן צעטרייסלט.

איינמאָל איז ער, אַ מידער, אַן אומצופרידענער, נאָך אַ טאָג אַרומלויפן, געגאַנגען אַהיים און געהאַט די גאַנצע צייט אין זינען צו נעמען אַ קאַלטן שפריי, אָפּרוען און פאַרנאַכט גיין עסן און דערנאָך באַגעגענען מאַדאַם קראַוועץ. אַלץ איז פאַר אים געווען ווי אָנגעצייכנט.

אויף די טרעפ פון ערשטן גאָרן איז אים אַנטקעגן געקומען די ווירטין מרס. וואַגנער. זי איז געווען צעשויבערט און עפּעס אויפגערעגט, און ער האָט געהאַט אין מחשבה זי פאַרבייגיין נאָר מיט דער אַלגעמיין געוויינלאַכער באַגריסונג. זי האָט זיך אָבער אָפּגעשטעלט מיט אַ טרעפ נידעריקער, אויף אים געקוקט אַזוי פון אונטן אַרויף מיט טרויערדיקע און צעטומלטע אויגן:

— וויסן זי, הער דאָקטאָר, וואָס געשעט היר?

דער דאָקטאָר איז געבליבן שטיין, און ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז זי וועט אים אודאי ווידער עפּעס דערציילן פון דער אומאַנשטענדיקער אויפפירונג פון עפּעס איינעם אַ קוואַרטיראַנט. ער האָט אָבער אַזוי ערנסט געפרעגט:

— וואָס איז געשען, מרס. וואַגנער?

— זיי קענען דאָך, הער דאָקטאָר, דאָס מעדכען ליזע, די מיט אַ פלאָר איבער זי וואוינט?

— יאָ, איך קענע זי. — וואָס איז מיט איר?

— זי איז טאָדט.

— טויט?!

— יאָ. זי האָט גיפט געטרונקען... די פּאָליציי וואָר היר...

— וואָס זאָגן זיי, מרס. וואַגנער?

— זיי הערן דאָך, דאָקטאָר, זי איז טאָדט ווי איין „דאָרנייג״... זי וואָר אַרבעטסלאָז, און דאָ מאַכט זי אַן ענדע צו איר לעבן... באַדיינקען זיי, אין מיינעם הויז... זאַ פּיל טראָבל...

— אָבער לאָמיר קלאָר ווערן...

— וואָס איז דאָ קלאָר צו ווערן? זי איז טאָדט און דהאָטס אָל!...

— ווען איז עס געשען?

— אין פרי מאָרגן.

דער דאָקטאָר איז געשטאַנען מיט אויסגעלופּעטע אויגן און זיך ווי געפונען אין אַ נאַרישער לאַגע, ניט געוואוסט ווי צו האַלטן זיך, ניט געוואוסט, וואָס ווייטער צו זאָגן. ס׳האָט אים באַנג געטאָן, אָבער ניט ווי ס׳טוט באַנג גלאַט מענטשן אין אַזאַ פאַל. ער איז אָנגעגריפן געוואָרן מיט אַ טיפן צער, מיט אַ נאַגנדיקן פאַרדרוס, ווייל דאָס מיידל ליזע האָט שטענדיק געצויגן זיין אויג, זיין אויפמערקזאַמקייט: — אַ שלאַנקע מיט אַ אינגלשן פיגור, גראַציעז און באַוועגלאַך. מיט אַ בלייכן גוט געשניטענעם פנים, מיט אַ פאָר גליענדיקע אויגן, ווייט געזעצט איינע פון די אַנדערע. מיט אַ דין פאַרשלאָסן מויל. ער פלעגט זי אָפט באַגעגענען אויף די טרעפּ און פאָרן הויז, און האָט תמיד געהאַט אַ דרינגנדיקן פאַרלאַנג זיך מיט איר צו באַקענען, אָבער זי, ווי ס׳האָט אויסגעוויזן, האָט ניט אַרויסגעוויזן די מינדסטענע נויגונג דערצו. עפּעס אַזוינס איז געלעגן אַרום איר פיקאַנטער דערשיינונג, וואָס האָט גערייצט זיין נייגעריגקייט און דערוועקט אין אים אַ נאַגנדיקע ביינקשאַפט. איר בלייכקייט אַ פלאַכע, דאַכט זיך, אַ קרענקלאַכע, און דאָך האָט פון דעם עפּעס געשלאָגן אַזוי פיל אומבאַוואוסטעס און ניט דערזאָגטס, — און אירע פיס גוט געפאָרמטע, נערוועזע, און איר טראָט אַזאַ אונטערגעשטראָכענער און ריטמישער. — און איצט?

— אָבער וואָס האָט זי געטריבן דערצו? — האָט ער געפרעגט, ניט פילנדיק דעם אומזין פון דער פראַגע.

און די מרס. וואַגנער האָט גערעדט:

— איך זאָגטע אייַנען שוין: זי וואָר אַרבעטסלאָז, איין זאָלבעס אנשטענדיגעס קינד. זי וואָלט ניט ווי די מעדכען פון נעקסטן

הויז... אָ, דו ליבער גאָט, דאָ האָבע איך פיל טראָבל... פּאָליציי, קאָראָנער און יעצט וואַרטן פיר דעם אונטערטייקער... און אַלץ אין מיין הויז, וועלכעס איין זאָ גוטעס נאָמען האָט... ס׳איז שרעקלאַך!...

— זי ליגט אין איר צימער?

— יאָ, גאַנץ נאַטירלאַך... זיי ווילן זי אָנשויען, הער דאָקטאָר?...

דער דאָקטאָר האָט זיך געוויגט. ער האָט פיינט געהאַט זיך צו ריען אין טויט, און האָט פיינט געהאַט לויות.. פונדעסטוועגן האָט ער דאָס מאָל נאָכגעלאָזן און געזאָגט:

— ווי זיי וואָלן, מרס. וואַגנער.

— קומען זיי.

ער איז איר נאָכגעגאַנגען צום דריטן גאָרן. מרס. וואַגנער האָט אויפגעשלאָסן די טיר פון אַ צימער און ביידע זיינען אַריין.

און ס׳האָט אים אַ שלאָג געטאָן אַ מוטנע טונקלקייט, וואו אַלץ האָט זיך געפּלעקט. די צוויי שווער פאַרהאַנגענע פענצטער האָבן באַגעגנט אַ גרוי וואַפּנעדיקע וואַנט, און דאָס ליכט האָט זיך באַקומען אַ פאַרשטיקטס, אַ מרה־שחורה׳דיקס. אַלץ אין צימער האָט זיך געקלעקט, און ס׳האָט געשמעקט מיט פריקרע מעדעצין, וואָס האָט אומאַנגענעם אָנגעגריפן די נאָז.

אויפן בעטל ביים וואַנט איז געלעגן די טויטע, איבערגעצויגן ווי־ס׳איז מיט אַ ליילאַך, וואָס איז ערטערווייז צופיל צוגעפּאַלן און זיך געבלעזלט ווי אַ לויזער זעגל אין אַנדערע פלעצער, און ניט אין גאַנצן פאַרכאַפּט די אויסגעצויגענע פיגור, ווייל אַ שטיק אנקל מיט אַ לאַקירענער מעסטע און הויכער אָפּזאַץ, האָט פאַר׳יתום׳ט שטייף אַרויסגעשטעקט.

ער האָט איינגעשפּאַרט געקוקט אויף דער אוממעכטיקער אַרויס־שטעקנדיקער שטיק פוס, — און דאָס איז די פוס, וואָס האָט שטענדיק זיין הארץ געמאַכט צאַפּלען: איצט, ווי אַן אָנגעשטאָפּטע, ווי די פוס פון אַן אומפאַלנדיקער וואַקספיגור אין אַן שויפענצטער: אַזוי אומגעלומפּערט, אַזוי שטייף, — און דאָס הארץ האָט אים געוויטאָקט פאַר דער האַלצענער אומבאַהאָלפנקייט, פאַר דעם רחמנות׳דיקן עלנט.

מרס. וואַגנער׳ס טרוקענע שטים האָט זיך געהערט:

— אָרימעס קינד, געוואָלט בלייבן ריין, ניט ווי די פון נעקסטן הויז... יעצט איז זי טאָדט... זיי ווילן זי אָנשויען?

און האָט אָפּגעקאַשערט אַ שטיק ליילאַך צוקאָפּנס.

ער האָט געקוקט אויף אַ העסלאַכן וואַקסגעזיכט, אָפּגעבלאַקירט פון זון, קיין אויסדרוק: האַלץ, האַלץ. — אַ שטיל־לעבן. די ברעמען שאַרף מיט קויל געצייכנטע האַלבע בויגנס, נאַז־לעכער, אַ העסלאַך מויל — און ער האָט זיך אָפּגעקערט.

און מרס. וואַגנער׳ס שטים האָט געבויערט:

— יאָ, זי איז טאָדט.

ער האָט געקוקט אַרום זיך: אין צימער אַלץ מיידלש: צוגע־ראַמט, ציכטיק, צאַצקעדיקע פאַרהאַנגלאַך, געהעפטעטע קישעלאַך אויפן דיוואַן, אויף דער דיל. אַ שטיק פילפּאַרביק באַטיק אויפן וואַנט. אַן עטאַזשערקע מיט ביכער. און די ביכער: איזידאָראַ דאַקאַנס, עמאַ גאָלדמענס: "ליווינג מיי לייף", "דהע וועל אָוו לאָנלינעס", "ליידי טשאַטעהעריס לאָוו", אַ פּאָר ביכער איבער פּסיכאָ־אַנאַליז, די לעצטע דערציילונג פון סינקלער לואיס און עטלאַכע ביכלאַך פון דער "מאָדערן לייברערי".

און לעבן אים האָרט איז געשטאַנען די דייטשקע. ער האָט מיטן זייט פון אָרעם געפילט די שטייפקייט פון איר בוזים, און עפּעס האָט ער ניט געוואוסט פאַרוואָס ער האָט ניט געמאַכט קיין פאַרזוך אַביסל אָפּצורויִקן דעם אָרעם, נאָר פאַרקערט, ער האָט נאָך אַ קאַפּעטשקע געלאָזט פילן מער דעם דרוק, און ס׳איז אים דערפון געוועזן אַזוי ווייך און אַנגענעם, — און דאָ האָט ער, איצט אַביסל אויפגערעגט, געקוקט אויף די ברודנע ווענט, באַהאַנגען מיט בילדער פון פידל און פּיאַנאָ שפּילער, ווי אויך אַ פּאָר שאַרף קאָלירטע לאַנדשאַפטן, אַרויסגע־נומען פון אילוסטרירטע זשורנאַלן — און:

אימיצער, וואָס האָט נאָך נעכטן געלעבט, האָט אויף דעם־אַלץ געקוקט און איצט אַליין געוואָרן אַ שטיל־לעבן: טויטע נאַטור.

און מרס. וואַגנער האָט אַלץ גערעדט:

— זי וואַר אַן אָנשטענדיגעס קינד. זי פאַרשאַפט מיר גאָר ניט טראָבל. עס וואַר איר ליבער דער טאָדט, ווי צו ווערן איינע ווי די פון נעקסטן הויז...

איר שטים האָט עפּעס מאָדנע וויברירט, — און זי איז נאָך אַלץ לעבן אים אַזוי האָרט געשטאַנען.

ער האָט זיך מיטאַמאָל אַ קער געטאָן און געזאָגט:

— גענוג. מיר גייען!

און איז דער ערשטער אַרויס פון צימער.

שפּעט אין אָוונט, ווען ער האָט באַגעגנט מרס. קראָוועץ, איז ער געווען ווי אַרויסגעשלאָגן פון דער געוויינלאַכער שטימונג, און ווען זי האָט׳ס באַמערקט, האָט ער מיט באַדייט אָנגעהויבן:

— ווייסט איר, העלענאַ, אַז איך בין היינט געקומען אין ווירק־לאַכער באַרירונג מיטן טויט?

— וואָס מיינט איר, דאָקטאָר?

און האָט אויף אים פאַרדעכטיק געקוקט.

ער האָט דערציילט פון פאַל, אָבער זי איז געווען ווייניק עמפּאַנגלאַך: זי האָט׳ס אויפגענומען ווי אַ שטיקל צייטונגס נייעס, און צום סוף געזאָגט אַ פּאָר באַנאַלע ווערטער. אָבער, דער דאָקטאָר איז נאָך אַלץ געווען אונטער דער שווערער ווירקונג, און האָט דעריבער מיט טרויער אין קול רעוועראַנדמעסיק גערעדט:

— דער טויט, דאַכט זיך, אַ טעגלאַכע דערשיינונג: באַנאַל־העסלאַך, און דאָך באַהאַלט ער אין זיך אַזאַ אָנגרייפנדיקן, מאַרבידן צויבער. אַזאַ ציענדיקע קראַפט, אַזאַ טיפן סוד, אַ טיפן אָפּגרונט, אַזאַ כח, וואָס קאָן נעמען דעם שטרוימענדיקסטן און זינדיקסטן קוואַל פון ענערגיע און פאַרוואַנדלען אים אין אַ שטיל־לעבן.

מר. קראָוועץ האָט אים ניט פאַרשטאַנען, אָבער זי האָט אויף אים געקוקט מיט אַ פאַרשטייענדיקן און מיטפילנדיקן פּנים, און צום סוף אַרויסגעזאָגט:

— איר זייט גערעכט, דאָקטאָר. ס׳איז אמת. — און באַלד אַ ווענד געטאָן זיך צו דער קומענדיקער פאָרשטעלונג.

6.

נאַכט — די פאָרשטעלונג

דער אָוונט פון דער פיל דערוואַרטעטער פאָרשטעלונג איז אָנגעקומען, און דער דאָקטאָר דערשעפּט פון אַרומהאָוון דעם גאַנצן טאָג, האָט זיך צום סוף אַ מידער אַראָפּגעלאָזן אויפן גרויסן, ווייכן שטול צו כאַפּן אַביסל אָטעם.

— אוף, זיך אָנגעלאָפן, — האָט ער אַ פאַרשוויצטער אַרויסגע־

זאָגט און אַרויסגעלאָזן לופט ווי אַ געלעכערטע אויטאָמאָביל שינע, דערביי געפילט אַ ליימקייט אין אַלע גלידער.

ער איז אַ צייט געזעסן אַן אַפּגעשרויפטער, אַן כח'דיקער, ווי אַן אָוועקגעוואָרפענע פּופּע, און געקוקט אויפן וואַנט, אויף די פּאָר אַזוי גוט באַקאַנטע בילדער, געזען די פרידלאַכע פאַמיליע קעצלאַך, זיך אַ ווילדע אינטערעסירט אין קעצל, וואָס האָט זיך פאַרטאָן גע־שפּילט מיט אַן עפּל, אַ טראַכט געטאָן, אַז קעץ האָבן ליב וואַרעמקייט, און אים איז איצט אַזוי הייס, אַזוי אומבאַקוועם: — ווינטער איז אַ סך בעסער. דערנאָך האָט ער געקוקט אויף דער „גוטער" און „ליבער" מוטער פון אַנדער בילד, און אַלץ דאָס זעלביקע: „קינ־דעלע מען טאָר ניט", „קינדעלע וועט זיין גוט". געזען דורכן פענצטער אַ ציטראָן־גרינלאַך שטרייף הימל, אַ שפּיץ פון אַ בוים, געהערט דאָס שרילע פייפן פון אַ לויפנדיקער לעש־מאַשין. — אַ וואָס זיצט ער ווי אַ גולם?

אימיצער האָט געקלאַפּט אין טיר.

— קאָם אין!

ס'האָט אַריינגערוקט דעם ברודיק בלאָנדן קאָפּ זיין ווירט מרס. וואַגנער.

— דאָ האָבן זיי די וועש, דאָקטאָר.

— אַ יאָ, מרס. וואַגנער, דאַנקע שיין.

און איז איר געקומען אַנטקעגן.

זי האָט אים איבערגעגעבן דעם פּעקל.

— זיי גייען הייטע אויס?

— אַ טעאַטער פּאַרטיע.

און האָט געקוקט מיט בלאַנקע אויגן אויף איר, געזען דעם קלאָרן שטייפן בוזים, באַמערקט, אַז איר פּוס איז גאַנץ צירלאַך אין די שיך מיט די הויכע אָפּצאַסן, וואָס זי האָט איצט געטראָגן. ער איז אָנגע־גריפן געוואָרן פון אַ פיינלאַכן באַגער. דערביי זיך געוואונדערט, וואָס ער האָט זי ביז אַהער פאַרזען. איצט?

— וויסן זיי, הער דאָקטאָר, — האָט זי גערעדט, — זיי קענען דאָך דעם הערען מאַרגאָליעס פון צווייטן פלאָר. איך האָב אים געמאַכט צו מופן.

וואָרום?

— איין זאַלכער שמוציקער קערל! — האָט זי גערעדט מיט אַ

פאַרזוך זיך אַריינצואַרבעטן אין אַ כעס, — ער ברייגגט אַרויף שמוציקע פרויען, און מאַכט די וועש שמוציק, — דער שווייןְ!...

— זיי זינד אַביסל צו שטריינג, מרס. וואַגנער, — און ער האָט איינגעשפּאַרט געקוקט אויף אירע שטייפע בריסט. ס'האָט אים אַ שלאַג געטאָן: אַ נעם טאָן איר און גלייך אויפן בעט.

— וואָס דיינקען זיי, הער דאָקטאָר, — האָט זי אַביסל אָפּגעלאָזן איר אַנטריסטונג, — דאָס איזט דאָך יאָ אומדערטרעגלאַך. מיין הויז איז אַן אַנשטענדיקעס הויז.

זיינע הענט האָבן געשרומפּן, געשמאַרצט מיט פאַרלאַנג, זיין האַרץ האָט שנעל געציילט און די ליפּן האָבן געטריקנט: אַ נעם טאָן און גלייך צום בעט.

ער האָט זיך אַנגעטאָן אַ כח ניט צו טאָן דאָס, וואָס ס'האָט זיך אים אַזוי געוואָלט טאָן. ער האָט מיט באַוועגטן קול נאָר געזאָגט:

— האָבן זיי קיין אַנגסט, מרס. וואַגנער, זיי זינד צו פיין...

— וואָס דיינקען זיי, הער דאָקטאָר, — האָט זי מיט אַנשטעל גערעדט, — איך קאָן דאָך ניכט ערלויבן, דאָס זיי זאָלן פון מיינעם הויז אַ באָרדעל מאַכן...

— אָבער, זיי זינד דאָך, — האָט ער אַנגעהויבן, געוואָלט אויסלאָזן, "זיי זינד דאָך אַליין אַ יונגע פרוי", אָבער ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט: — אָ, יאָ, איך האָב שוין די וועשע... ס'איז אָלרייט... דאַנקע שיין...

דערנאָך האָט אים הנאה געטאָן, וואָס איז גאָרנישט געווען: ער וואָלט איר דערנאָך אין די אויגן ניט געקאָנט קוקן. דערהויפּט אין דער נאַכט פון דער פאָרשטעלונג.

דערווייל איז געוואָרן טונקל, און ער האָט ערנסט אַ טראַכט געטאָן וועגן מאַכן זיך גרייט.

ער האָט געדאַרפט איבערקומען אַ גאַנצן עסק: זיך אַרומראַזירן, אַ קאַלטן שפּריי, זיך אָנטאָן, — און ער פוילט זיך גראָד אַזוי...

ווען ער איז צום סוף פאַרטיק געוואָרן, האָט ער פאַרזיכטיק אַרויסגענומען פון קאַרדאָנענעם קעסטל דעם יום־טוב גלאַנציקן צילינדער־הוט און צערטלאַך געפירט די האַנט איבער דער אַטלאַס גלאַטקייט, געהאַט דאָס זעלביקע וואוילגענוס פון גלעטן די וואַרימע גלאַטקייט פון אַ האַנט, וואָס ער האָט ליב.

אויפן וועג צום טעאַטער איז ער אַריין אין אַ בלומען געשעפט.

באשטעלט א רייכן בוקעט „אמעריקאן ביוטיס״, און מיט געצירקל־טער האנטשריפט אנגעשריבן אויפן קארטל שילער׳ס צוויי שורות:

„בלומען די דער לענץ געבארן
שטריי איך אין דיינען שויס״...

און באפוילן צו ברייגגען דעם בוקעט צום דריטן אקט.

פון וויטן האט ער באמערקט א גרויסן עולם, פארזאמלט ארום טעאטער, און ס׳איז אים געווארן אביסל פרייער: אן עולם ארום א טעאטער איז א גוטער סימן, — האט ער א טראכט געטאן.

דאס טעאטער איז געווען אנגעפילט. דאס פובליקום, א כאראק־טעריסטיש עווענינג געזעמל, האט זיך טומלדיק אריינגעפאסט אין גייסט פון אן ערשטע־נאכט־פארשטעלונג. ס׳האבן זיך דורכגעווארפן אקטיארן, צייטונג שרייבער, קריטיקער, ליידיק־גייער און גלאט אזוי ארומהייגגער. ס׳האבן ניט געפעלט די אלי ארום־טישל זיצער פון קאפע־הויז חוצ׳ן מאלער. געווארפן מער אין די אויגן, האט זיך דער דיכטער גרינשטיין מיט זיין שווערער, אימפאנירנדיקער פיגור און ריטמיש טויבן גאנג. ער האט דעם דאקטאר פון וויטן באווירדיקט מיט א גנעדיקן קאפ־נויג און וויטער געשפאצירט ווי א פאווע, באגלייט פון געשניצטן שטעקן. סעם דער טעאטער מענטש איז פאר׳עסק׳ט געלאפן פון איין רעדל צו דער צווייטער: — ווי א בין עפעס גענאשט און ווייטער געלאפן. ער האט באמת געוואלט, אז דער אוונט זאל זיין א דערפאלג. — צוליבן דאקטאר.

— נו, טייערער דאקטאר? — האט ער מיט שווייגנדיקע אויגן גערעד׳ט, — נו, וואס האב איך אייך געזאגט? ס׳האט אנגעריסן.

דער דאקטאר האט ניט געוואוסט וואס צו זאגן: — נאך אלעמען, וואס גייט׳ס אים אן מער פון אלעמען?

דער קליינער ארקעסטער האט שלעפעריק געשפילט אויסצוגן פון „גראף פון לוקסעמבורג״, און ארום האט זיך גענומען אויסלייגן אן איינשטעלנדיקע שטילקייט, וואס גייט פאראויס יעדער וויכטיקער פאסירונג.

ארום דעם אויסגעקיילעכדיקן ראנד פון דער בינע איז אויפגע־שפרונגען א שורה געקלעקטס ליכט, און עפעס ווי פליגלען האבן זיך א צי געטאן איבער די קעפ פון די פארזאמלטע און דער פארהאנג א שווערער האט זיך פאמעלאך גענומען ציען ארויף.

ביים דאקטאר האט דאס הארץ גענומען גיכער קלאפן, און א

קלעפּיקער שוידער איז געקראָכן איבערן נאַקן. ער האָט זיך אויפגעקאָרטשעט אין דרייען.

אַנטקעגן אין ראָם פון געקינסטלט ליכט זיינען דערשינען פאַר־קליידעטע פיגורן, זיך גענומען באַוועגן, רעדן. — און דאָס שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן: אַ מוטער האָט געזיפצט, דערציילט פאַר אַן אַנדער פרוי עפּעס אַ טרויעריקע געשיכטע וועגן אַ טאָכטער. אַ ווײַלע שפּעטער איז די טאָכטער אַליין אַריינגעקומען.

זיין האַרץ האָט געשפּרונגען. ער האָט פאַרמאַכט די אויגן. פינצטערניש און קלאַפּעריי פון הענט — אַ טרוקענע קלאַפּעריי, ווי פון ברעטלאַך. ער האָט געעפנט די אויגן: אַ געקלעקט ליכט און זי רעדט צו דער מוטער. טויזנטער פליגעלאַך האָבן זיך צעשאָטן איבערן לייב, און ער האָט זיך איינגעשרומפּן, אַריינגעצויגן זיך, ווי אַ טוירטל אין די קאַסלען. ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז זי איז אומגעלומפּערט און שטייף.

ער האָט זיך אַביסל איינגעוואוינט און ער האָט זיך גענומען אָפּלאָזן: געוואָרן גלייכער. איר שפּילן איז אים ניט געווען אין גאַנצן צום האַרצן, — אָבער ניט געפערלאַך. ס'האָט זיך אים כסדר געדוכט, אַז איר קול איז צו אָנגעגריפן און איר באַוועגן זיך איינגעשטודירט. אין דער לעצטער סצענע, ווען זי ווערט געוואָר, אַז איר מאַן האָט עסקים מיט איר בעסטער חבר'טע קלאַראַ און ווערט דערפון היס־טעריש, איז אַ נאָדלשטעכנדיקער שוידער געקראָכן איבער זיין רוקן און ער האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן, געפילט דעם אייגענעם פּנים, און געהאָט אַ ברענענדיקן פאַרלאַנג צו זיין ווייט פון דאַנען.

און אין קאַליפאָרניע, — וואָס איז קאַליפאָרניע? ער האָט, ווי פאַרשעמט אויפגעהויבן די אויגן און זיך גענומען אַרומקוקן: —

שורות און שורות מיט טונקעלע פיגורן: ווי מצבות, אומבאַ־וועגלאַך: שטיל־לעבן. — און פון ערגעץ קייקלט זיך אַ וויברירנדיק שטים. אַ פרוי איז פאַרצווייפלט. אַ פרוי איז היסטעריש: לאַכט און וויינט, — און אַ הילכיק פאַטשעריי.

שפּעטער האָט ער געלאָסן געטראַכט, אַז אויב ס'וועט זיך אויסלאָזן ווי ער וויל, וועט ער זי שטאַרק אָפּרעדן פון שפּילן אויף דער בינע. דער מאָלער איז גערעכט: טעאַטער איז חלשות.

נאָכן ערשטן אַקט איז ער מיטן שטראָם אַרויסגעטראָגן געוואָרן אין דער לאָבי, וואו אַ געדיכטער טאַבאַק־רויך האָט זיך אויפגעהויבן

אויף די רעדער פון אַ כסדר׳דיקן טומל. אַלע האָבן וואַרשיינלאַך דיסקוטירט דעם נאָר וואָס אָפּגעשפּילטן אַקט. די מבינים פון אַלע קלאַסן זיינען געווען געניגט צום אייגזען.

זיין פריינט, דער קריטיקער פון דער איינפלוסרייכער אָוונט צייטונג, האָט אים באַגעגנט מיט אַ גנעדיקן שמייכל:

— נו, וואָס האָב איך אייך געזאָגט, דאָקטאָר? זי האָט אַ סך טאַלאַנט. איך קום צו דער איבערצייגונג, אַז מיר געווינען אַ באַדייטנ־דיגע קראַפט... יאָ, אַ באַדייטנדיקע קראַפט... ס׳פעלט איר נאָך אַביסל שולע... אָבער איר ווייסט דאָך..

— אַבי מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי איז עפּעס, — האָט דער דאָקטאָר אָנגעהויבן, אָבער יענער האָט אים ניט געלאָזט פאַרענדיקן:

— דאָקטאָר, נעמט ניט פאַר אומגוט, איר פאַרשטייט ניט קיין טעאַטער, — האָט אים דער קריטיקער אָפּגע׳פּטר׳ט, און ווייזנדיק, אַז ער מיינט גאָרנישט דערביי, האָט ער אים גוטברודעריש געקלאַפּט אויפן אַקסל, און מיט אַ זייער מילדן שמייכל גערעדט: — „נאָ הארד פילינג״, דאָקטאָר, אַ סך פאַרשטייען ניט קיין טעאַטער. ס׳איז קיין אומגליק ניט...

דער דאָקטאָר האָט געהאַט בדעה זיך צו ווערן: וואָס הייסט ער פאַרשטייט ניט טעאַטער? אַ בוך פאַרשטייט ער? דאָס לעבן פאַרשטייט ער. איז דאָס טעאַטער ניט אַ בוך? איז עס ניט דערציילט אַ מעשה פון די ברעטער? אָבער ער האָט זיך באַטראַכט און געלאָזט׳ס גיין ניט געענטפערט.

דער דיכטער גרינשטיין האָט חשיבות׳דיק געהאַלטן דעם געשניצטן שטעקן אויפן בויג פון אָרעם, געדרויכערט אַ דין און לאַנגן פּאַפּיראָס, געווען יום־טוב׳דיק אויפגעלייגט און האָט מיט פּולקאָ־מענער גלייכגעוויכט רעגיסטרירט זיינע ווינציקע ווערטער:

— זי שפּילט צימלאַך גוט. זי האָט טאַלאַנט.

אימיצער פון דער זייט האָט אַריינגעלאָזן אַ קלין:

— זי איז ניט קיין דוזע, אַפילו ניט קיין קאַליש.

עדי דער פראַנט האָט צום דאָקטאָר וואוילינגעריש צוגע־וואונקען:

— ביסט אַלרייט, דאַק... זי איז אויך אַלרייט. זי האָט אַ פעטן...

דער דאָקטאָר האָט זיך פאַרשעמט. ער האָט געשטאַמלט:

— ניט אַרטיק, עדי, זי זינד בלאָזע...

סעם דער טעאַטער מענטש איז צו אים צוגעלאָפן מיט אַ שיינענדיקן פּנים:

— וואָס האָב איך אייך געזאָגט, דאָקטאָר?... ביג, ביג!... סעם ווייסט וואָס ער רעדט!

— ווי האָט זי געשפּילט, סעם? דעם אמת, סעם.

— גרויס, דאָקטאָר...

און ס'איז אים מיטאַמאָל אויסגעקומען אַזוי טשיקאַווע: וואָס איז'ס אַלץ? אין דער אמת'ן, וואָס פאַראַ שייכות, האָט ער מיט דעם אַלעם? וואָס ווענדן זיך אַלע צו אים? עפּעס איז ער דאָ פאַרמישט. ער האָט אין דער רגע דערפילט אַזאַ אומבאַשטימטקייט, אַ מהלך צווישן אים און די איבעריקע, און ס'איז אים אויסגעקומען אַזוי מאָדנע, וואָס ער דרייט זיך דאָ אַרום אין רויך און טומל.

נאָכן צווייטן אַקט איז ער אַוועק הינטער די קוליסן, זיך דאָרט אין דער האַלבטונקלקייט אָנגעשטויסן אָן שוישפּילער, בינע־הענט, אַזוי נייגעריקע. אַריינגעפאַלן אין ערגעץ, וואָס האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ שלעכט געהאַלטענעם סקלאַד פון אַלט מעבל. אַ ריח פון פאַרב, האַלץ און שטויב האָט געקיצלט זיין נאָז ביז צום ניסן. פון דער הויך זיינען איבער אים געהאַנגען די ברעגן פון פאַרשיידענע פאָרהאַנגען, שטאַנגען און שטריק, ווי אויף אַ פאַנאַנדערגעצומענער שיף. די ווענט נאַקעטע ציגל, האָבן געשמעקט מיט וואַפּנע און ווילגאַט. אַן אומ־פריינטלאַך ווינט האָט פון ערגעץ געצויגן, אָנגעגריפן זיין רוקן. שטימען האָבן געהילכט, ברעטער, גאַנצע שטיקער ווענט האָבן זיך געשאַרט. איינער מיט אַן אויסזען פון אַ פאָרטוגעזישן בריגאַנד האָט זיך הויך געזידלט. איינער, עפּעס אַ פאַרשטעלטער, האָט אים באַגעגנט מיט אַן אויפגעלעבטן „העלאָ, דאָקטאָר"!

ער האָט געקוקט אין אַ געדיכט גרימירטן פּנים, וואָס האָט אין זיינע אויגן אויסגעקוקט אין גאַנצן פאַרשמירט, ווי אַ קוילצייכנונג, אויף וועלכער ס'האָט זיך אַוועקגעלייגט אַן אומפאַרזיכטיקע האַנט. ער האָט אָנגעשטריינגט געקוקט אין דעם הירזשעדיקן פּנים, געזוכט צו אַנטדעקן אַ באַקאַנטן, און דערווייל אַליין אויסגעזען נאַריש.

— אַנטשולדיקט, — האָט ער העפלאַך אָנגעהויבן.

דער פאַרשטעלטער האָט זיך אויפן קול פאַנאַנדערגעלאַכט, געוויזן אַ מויל ציין, געקרויגט מיט גאַלד:

— איר דערקענט מיך ניט, דאָקטאָר ?! — גאָרין !

דער דאָקטאָר האָט זיך געשעמט. ער האָט מיט אַ שוואַכן שמייכל געזאָגט :

— ניט דערקענט, הער גאָרין. זיי זינד אויסגעצייכנט גרימירט. קיין וואונדער...

— פאַרזיכטיק ! האָט אימיצער צו אים גערופן. — אוי, מיסטער, איר האָט קיין אויגן ניט ?!

ער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער איז שיער ניט אַרייַנגעפאַלן אין אָנגעצויגענעם פאָרהאַנג. ער האָט צו זיך אין דער שטיל געוואָר־טשעט : אַ נס, וואָס מען ווערט דאָ ניט גע׳ניזק׳ט.

ער האָט געפונען מרס. קראַווען, אַ פאַרפלאַמטע, אַן אויפגע־רעגטע. ער האָט זי שעמעוודיק גראַטולירט, געקוקט אויף אירע אָנגעשמירטע אויגן, אויפן איבערגעפאַרבט פּנים, געהאַט אַ געפיל פון אומווירקלאַכקייט און גערעדט עפּעס אַזוינע ניט בינדלאַכע ווערטער.

— איר זייט צופרידן, דאָקטאָר ?

— איר ווייסט גאַנץ גוט, — האָט דער דאָקטאָר אַרויסגעזאָגט און איז גאָט ווייסט פאַרוואָס געוואָרן רויט.

— ס׳געפעלט אייך די פאָרשטעלונג ?

— זייער.

און האָט דערביי געפילט ווי עפּעס שטעלט זיך ביי אים אין האַלז.

— וואָס זאָגט דער עולם ?

— דער קריטיקער פון מאָרגן־בלאַט איז אַנטציקט, — האָט ער גערעדט מיט מער חשק, ווי באַר ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער ליוב פון אַנדערע. — דאָס זעלביקע איז אויך דאָקטאָר באַדעל פון דער נאָכמיטאָג צייטונג.

און זי איז געווען גליקלאַך און מיד. זי האָט אים געדאַנקט, צוגעוואָרפן אַ לופט־קוש ביי פאַרקירעווען זיך צו איר צימער.

— נאָך דער פאָרשטעלונג, דאָקטאָר, — האָט זי פון די טרעפּ גערופן, — פאַרגעסט ניט !

אַ נאָגנדיקע טרויער האָט געדריקט זיין האַרץ. אַ געדאַנק פון פאַרלאָרנקייט און אומבאַהאָלפנקייט האָט אַרום אים געפּאַדעט : און

אַלץ, און אַלץ ווערט פֿאַרפֿאַלן אין אַ פֿינצטערן זאַק... הבל הבלים...

ער איז דערנאָך געזעסן אויף זיין פּלאַץ און כסדר געקוקט אויפֿן אַראָפּגעלאָזענעם פֿאָרהאַנג, אויף וועלכן ס'איז אין זייער שאַרפֿן פֿאַרבן געווען אויסגעמאָלט אַ־שטאָטישע גאַס, באַגאָסן מיט זודיקן זומער־ליכט.

די געמאָלענע גאַס אויפֿן פֿאָרהאַנג איז געלעגן פֿאַרגליווערט אין סיעסטאַ: שלעפֿריק און פֿאַרלאָזן אונטערן כשוף פֿון אַ נאָכמיטאָג־דיגער דרום פּוילקייט. און אין דער לאַגע איז געווען זיך שווער פֿאָרצושטעלן, אַז אין דער זון פֿאַרגאָסענער פֿאַרגליווערטקייט, האָט זיך אַמאָל לעבן באַוועגט. ס'האָט פֿון אומעטום געווייעט אַ געדאַנק, אַז דאָס לעבן פֿון גאַס איז שוין פֿון לאַנג אויסגעלאָשן געוואָרן: אַ מגפה איז איבערגעפֿאַלן די גאַס, פֿאַרניכט יעדן סימן פֿון טעטיג־קייט, — און דאָס ליכט אַזאַ שאַרפֿס, אַזאַ אויסגעשפּראָכנס, און דער הימל אַזאַ טיף בלויער, ווי מיט לאַזור באַגאָסן.

און פֿון די הויכע שאָטנדיקע ווענט אַרום, ווי אויך פֿון דעם קליין אַפּאַטיש שלאָפֿנדיקן אָרקעסטער, האָט געווייעט אַזאַ שלעפֿע־ריגקייט, — און ער האָט געפֿילט ווי צו דרעמלען.

עפּעס אַ ווייטקייט — אַ זיך לאַנג ציענדיקע גאַס. זומער נאָכ־מיטאָג. אַ נאָכאַנאַנדיקע זשומעניש, אַ קילער ווינטל, — און ער גליטשט זיך און גליטשט זיך אין ערגעץ אַוועק.

ער האָט געעפֿנט די אויגן, געקוקט פֿאַרשלאָפֿן, און עפּעס אַ באַקאַנטע מעלאָדיע פֿון וואַנען? אַ, ס'איז דער וואַלץ פֿון „פֿלעדערמויז"...

זיין בליק האָט געוואַנדערט איבער דער שניצעריי פֿון דער גרויסער בינע ראַם, און ס'האָט זיך אים דערמאָנט דער ארון־קודש פֿון דער שטעטלדיקער קאַלטער שול, און ווי ער, ווען אַ קליין אינגל, פֿלעגט זיך ניט קאָנען אָפּוואונדערן פֿון דער קונציקער שניצעריי. אויף אַ ווײַלע האָט ער געשפּירט דעם ריח פֿון דער קאַלטער שול און די פֿרישע זומערדיקע פּרימאָרגנס: דער פֿאַרשטייענדיקער טאָג, פֿייגלשע נעסטן אונטער די סטריכעס, טייבעלאַך — און אַזאַ בלייך־בלויער הימל.

און די גאַס אויפֿן פֿאָרהאַנג, פֿאַרזונקען אין טיפֿע סיעסטאַ: אַ פֿאַרגליווערטע, אַ פֿאַרלאָזענע, גלייך, ווי די איינוואוינער וועלטן

אַנטלאָפן פון דער שרעקלאַכער מגפה, האָט נאָכאַנאַנד געצויגן זיין קוק, אים אַנגעשטימט אויף מעלאַנכאָלישע מחשבות: — און ער איז אַלט עטלאַכע און פערציק יאָר, און וואָס איז די פעולה, אַז דאָס אַלץ וועט אין איין טאָג איבערגעצויגן ווערן מיט אַ שוואַרצן שלייער?

אין טעאַטער איז געוואָרן פינצטער. דער פאָרהאַנג האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן: אַ ראַם ליכטיגקייט. אַ פאַרפוצטע סאַלע מיט אַלט־ראַז באַצויגענע שטולן און דיוואַנען. אומגעוויינלאַך הויכע ווענט פאַר אַ וואוינונג, ווילד רויטע שלאַקן אַרום מיט אַ בראַנדגלאָזענעם שענדעליער, ווי אין אַ וועסטיבול פון אַ גרויסאַרטיקער קינעמא הויז. אין סאַלע איז קיינער ניטאָ. פויזע. מיטאַמאָל אַ צאַפלדיקער קלונג פון אַן עלעקרישן גלעקל. פון ערגעץ קומט אַ הייזעריק קול. אימיצער לויפט פון טרעפ און שרייט דערוויל „קאַם אין", "קאַם אין"! ס'קומט אַריין אַ טעאַטער פאַרפוצטער יונג, קוקט זיך פאַרדעכטיק אַרום און פרעגט מיט אַפעקטיטער שטים צי ס'וואוינט דאָ ד י און ד י.

די סאַלע ווערט באַלד אַנגעפילט מיט משפחה און שכנים. ס'ווערט טומלדיק. דער לעצטער אַקט: דער קנופ פון אומלאָגישע פאַסירונגען וועט זיך פאַנאַנדערבינדן און ס'וועט האַסנטלאַך זיך ענדיקן גוט. — און אַט איז זי! דער צענטער פון דער לעבנס טרייער דראַמע.

און ווי פריער איז אַ שוידער געקראָכן איבער זיין רוקן און ער האָט זיך אויפגעקאָרטשעט אין דרייען.

ער האָט געקוקט און געקוקט — פרעמד. וואָס האָט'ס אַלץ מיט אים צו טאָן?

דאָס ביסל ליכט, וואָס האָט באַשטויבט דעם חלל, האָט געמאַכט, אַז די פינצטערניש זאָל ערטערוויז שיטערער ווערן, און דער שוואַכער אָפשיין פון לייבקאָליר און דאָס אויסצייכענען זיך פון די טונקעלע, אומבאַוועגלאַכע פיגורן, ווי שורות מצבות, האָבן פאַרליען דעם טעאַטער דאָס אויסזען פון אַ בית־עולם. — און ווי קומט ער ביי־נאַכט אויף אַ בית־עולם?

ער האָט געקוקט אַרום. פאַרריסן דעם קאָפּ אין דער הויך, געפילט אַ דריקנדיקן געפיל פון טרויער און פאַרגיין.

דער עולם האָט געפּאַטשט, ס'איז געוואָרן ליכטיק. אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן. — די פאָרשטעלונג איז פאַראיבער.

— דאָקטאָר, מיר גייען, — האָט אימיצער צו אים גערעדט.
— יאָ, מיר גייען.

7.

ער איז געווען אומגעדולדיק, און ס'איז אים אויסגעקומען, אַז ער איז אַן איבעריקער: — הינטער די קוליסן, וואו ער האָט געוואַרט אויף איר, איז געווען טומלדיק. אַלע זיינען געווען פאַרטאָן, און קיינער האָט זיך גאָר אויף אים ניט אומגעקוקט. אויף איר האָבן, ווי ס'האָט אויסגעוויזן, געוואַרט אַ סך נייגעריקע און פאַרערער, — און וואָס היינגט ער דאָ אַרום?

שפּעטער האָט זי אים באַגעגנט מיטן אייביקן סטעראַטיפּ שמייכל, געזאָגט צו אים די געוויינלאַכע ווערטער, און ס'איז אים אויסגעקומען אַזוי מאָדנע, דערהויפּט ווען ער און די גאַנצע כאַפּטע פאַרערער און אייגענע מענטשן האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין אַ פּאַראַדנעם רעסטאָראַן אויף דער עוועניו.

דער רעסטאָראַטאָר, אַ הויכער, אַנגעזעענער מאַן, אַליין אַ שטיקל טעאַטער מענטש און מיט אַ ריין כאַראַקטעריסטישן עוועניר־פּנים: העזה'דיק און אַרויסרופנדיק, מיט אַזאַ האַרטקייט אַרום מויל, האָט די פּאַרטיע אויפגענומען מיט וואוילינגערישער ברייט־קייט, יעדן באַזונדער צוגעוואָרפן אַ פריינטלאַכן „העלאָו" און פילע אָנגערופן ביים נאָמען. דערהויפּט האָט ער זיך אַרומגעכאַפּט מיט דער אַקטריסע.

— העלען?! — שיינסט ווי די זון!

— ביסט געווען אין טעאַטער, מאַקס?

— ניט געקאָנט זיין, טייערע... נו, ווי איז געווען?

— איך בין ברוגז... געווען גוט...

— דזשאָו, מאַך אַ לאַנגן טייבל! — האָט זיך דער רעסטאָ־ראַטאָר געווענדט צום הויפּט קעלנער.

די שיינענדיקע אַקטריסע האָט געמאַכט אַ רושם ביים אַריינ־דרינגען אין דער טיפעניש פון אַטמאָספערע אָנגעפילטן פּלאַץ. אַלע האָבן פון די זייטן אָפּגעקערט די קעפּ, און זי, מיטן פילפאַרביקן

בוקעט בלומען אין די אָרעמס, האָט אויסגעזען ווי אַ פרילינג סימבאָל אויף די געפאַרבטע פאָסטקאַרטן.

פון די זייטיקע טישלאַך האָבן אַלע געקוקט אויפן אַריינשטראָמענדיקן עולם, זיך אין דער שטיל איבערגעביטן מיט באַמערקונגען, און זי האָט מיט איינזעענדיקער גוטמוטיגקייט באַגעגנט אַלעמענס נייגעריקע אויגן. זי האָט געשטראַלט. אירע אויגן האָבן געלויכטן מיט דערפאָלג און בעלע־דאָנאַ, און איז אין גאַנצן געווען איין שמייכל.

— יו אַר טשאַרמינג, העלען, — האָט זיך דער רעסטאָראַטאָר ניט געקאָנט אָפּוואונדערן.

— איך בין אויף דיר ברוגז.

— טייערע העלען, איך האָב ניט געקאָנט.

— מעגסט זיך שעמען.

די טומלדיקע פאַרטיע האָט זיך ווי־ס׳איז איינגעזעצט אַרום דעם אימפּראָוויזירטן טיש, באַפּוצט מיט בלומען און גירלאַנדן. ס׳האָבן זיך צו דער פאַרטיע צוגעקלעפּט זייטיקע געסט, — ליבהאָבער פון דער היסטריאַנישער קונסט. דער אָרקעסטער פון פיר, האָט מיט אָנשטעל אויסגעשפּילט לכבוד דער אָנגעזעענער קאָמפּאַניע דעם „מאַרש מיליטער״, און דער שטח האָט זיך גענומען אָנפילן מיט פריילאַכן טומל.

די קעלנער האָבן זיך גענומען עסק׳ן אַרום טיש: געלאָפן אַהער און אַהין. זיך כלומרשט צוגעהערט צו יעדנס פאַרלאַנג, אָבער אין דער אמת׳ן האָבן זיי דערווייל נאָך גאָרניט געהערט. זיי האָבן ערשט געהאַלטן ביים פאַנאַנדערפאָרן זיך: די ערשטע זאַך פון קעלנער איז צו זיין פאַר׳עסק׳ט ווען ס׳פאַלט אַריין אַ פאַרטיע. דער ווירט אַליין, הויך און שווערגעוויכטיק, האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע. געווען שטריינג און אַרויסגעלאָזן באַפעלן אין אַלע זייטן.

— מאַקס, — האָט ער אימיצן גערופן, — האַק אָן אַ סך אייז און טראָג אַרויף אַ פאָר טוצען פלעשער פון דעם קאַליפאָרניער פאָרט, אַ טוצן פון דעם קאַליפאָרניער קלאַרעט, באָרדאָ און רהיין וויין. — די לעצטע ווערטער האָט ער אַרויסגערעדט שטיל, געמיינט נאָר פאַרן קעלנערס אויער.

דער דאָקטאָר איז געוואָרן אויפגעראַמטער: — און נאָך אַלעמען וואָס איז דער חילוק? מען לעבט לעבט מען? ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ קוק אויף זיין אָפּשפּיגלונג אין אַ דערבייאיקן שפּיגל, און

ס׳איז אים געוואָרן פרייער אויפן האַרצן. ער איז זיך אַליין געפעלן געוואָרן. אַ פיינע גלייכע פיגור. די טאָקסידאָ מיט דער שטייפער ווייסער העמד און געפּליגלטן קאָלנער פּאַסן אים. ער האָט געפילט, אַז ער זעט אויס אַביסל מחותנ׳דיק, אָבער ניט קיין אומגליק. ער האָט זיך הייטער געגריסט מיט באַקאַנטע, געשמייכלט מילד צו די איבערפּאַרפּוצטע פרויען, זיך געדרייט אַרום העלענ׳ען, גערעדט צו איר גוטע און ווייכע רייד, און צום סוף, ווי ער זאָל ניט האָבן זיך געמיט, איז אים פאַרט אויסגעקומען צו זיצן דער דריטער פון איר, מיט דעם פילרעדנדיקן פּאַרוואַלטער פון טעאַטער און אַן אומבאַקאַנט מיידל מיט אַ וואוילן אויסזען צווישן אים און איר אַלס מחיצה.

דער טעאַטער פּאַרוואַלטער האָט כסדר גערעדט און ניט נעקליבן קיין ווערטער. צו יעדן זיך געווענדט ווי צו אַן אַלט באַקאַנטן. אַלעמען געזאָגט „דו" און דערביי מעשה עווענירי־יונג זיך געזידלט מיט די פּעפּערדיקסטע וואולגאַרע אויסדרוקן.

— אוי יו באַסטאַרד, — האָט ער זיך צו אימיצן פון אַנדער זייט טיש געווענדט, — דערלאַנג די רויטע פּעפּערלאַך... ווילסט, דאָקטאָר, אַ רויט פּעפּערל? ס׳איז זייער גוט צו יענער זאַך, — און האָט פיל באַדייטנדיק געשמייכלט.

דער דאָקטאָר האָט זיך גערויטלט.

— הער גרינבערג, זיי זינד אוממעגלאַך ציניש...

דער טעאַטער פּאַרוואַלטער האָט געלאַכט אויפן קול:

— דער יאָלד... דאָקטאָר זיי זינד אַ... וואָס זאָגסטו, נייטן?... דאָקטאָר, ס׳איז אַ אידישע זאַך...

דאָס מיידל, זיין שכנה, האָט צו אים גערעדט:

— איר זיי דאָקטאָר מעדיצין?

— ניין.

— אַ דענטיסט?

— ניין.

דאָס מיידל איז געבליבן זיצן מיט פרעגנדיקע אויגן, איבער וועלכע די געפּוצטע ברעמען, האָבן זיך ווי אַנגעקלעפּטע שטרייפן אין האַלבן בויגן געצייכנט און געמאַכט, אַז דאָס פּלאַץ, וואו האָר איז פריער געוואַקסן, זאָל אויסזען ליידיק און אויסגעקיילעכדיק און דעריבער אַזוי פריקרע פאַרן אויג. זי וואָלט נאָך זיכער אָנגע־

גאַנגען מיט איר פרעגן, נאָר ס׳איז ביי איר אויסגעגאַנגען די צאָל קעגנשטאַנדן, איבער וועלכע מען קאָן זיין דאָקטאָר.

אַנטקעגן זיינען געזעסן צוויי מיטליאָריקע פרויען, זייער פאַר־פוצט און באַפאַרבט, ווי פרויען פון דעם עלטער טוען אָפט. ביידע זיינען געווען פון דעם מין און פון דעם „געפערלאַכן עלטער״, ווען געשלעכט ווערט אַ ציל אין וואולגאַרסטן זין. ביידע פרויען מיט די געפראַבטע האָר און פנים׳ער האָבן געזוכט צו ציען זיין פאַרשלאָפענע אויפמערקזאַמקייט. זיי האָבן זיך גע׳חכמ׳עט, גערעדט הויך און אים צוגעוואָרפן איינלאַדנדיקע בליקן, און איינערס פיס האָבן זיך ראַק פאַרטשעפעט אָן זיינע הינטערן טיש, וואָס דערביי האָט אַ געוואָר זיין פון אומבאַקוועמלאַכקייט אים געפייניקט און יעדעס מאָל אַ טראַכט געטאָן וועגן די הויזן.

— אַנטשולדיקט, — האָט ער געזאָגט, ווען די פיס פון דער אַנטקעגנדיקער איז אים אַריינגעפאַרן מיטן שפיץ אין שיך־ביין, און געמאַכט דערביי אַן אַנשטעל ווי צו אָפרייניקן די הויזן.

— אָ, דאָקטאָר, — האָט די אַנטקעגנדיקע געלאַכט מיט חוצפה און אָנגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר ליידיקע גלעזערנע אויגן, — אַזוי איינג הינטערן טיש, און אַזוי פיל פיס...

דער לאַנגער טיש איז געדיכט באַזעצט געוואָרן: פרויען פאַר־טרעטן אין אַלערליי פאַסטעל פאַרבן, מענער אין שוואַרץ און ווייס, אַ כסדר׳דיקע ריידעריי, אַן אומאויפהערנדיק קלינגען פון גאָפּל, מעסער, אַן אויפגעראַמטע פריילאַכקייט און דאָס שפּילן פון קליינעם אָרקעסטער.

— מאַקס, באַסטאַרד, וואו איז דיין קאָניאַק!? — האָט דער טעאַטער פאַרוואַלטער געשריען צום רעסטאָראַטאָר, — באַרימסט זיך, בעסטיע, אַז דו האָסט די „רעגעלע גודס״, — לאָזי באָם!

— אַ פּאָר באטל מאַרטעל! — האָט דער רעסטאָראַטאָר אַרויסגעלאָזן אַ באַפעל.

אימיצער פון טיש האָט באַמערקט:

— ס׳איז אַזוי מאַרטעל ווי איך בין אַ סענאַטאָר.

די צוויי מיטליאָריקע פרויען, מיט די געפראַבטע האָר, אונטער־געפירטע אויגן און בלוטרויטע ליפּן, האָבן גערעדט וועגן איינער אַ סילוויע, וועמען דער מאַן האָט געכאַפּט אין אַ האָטעל מיט איינעם אַ דזשאָו. איינע, די שענערע, האָט אַלץ געהאַלטן אין טענה׳ן, אַז

ס׳איז גאָר קיין עולה ניט, ווייל יענערס מאַן איז קיין מאַן ניט, דערביי האָט זי געקוקט אַזוי פילבאַדייטנדיק אויפן דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט יאָ געהערט און ניט געהערט. ס׳איז אים אויסגעקומען טשיקאַווע: זיצן אַנטקעגן צוויי וואָגיקע פרויען מיט פנימ׳ער, וואָס זיינען שילדן פון אַ הור־הויז פאַר עלטערע ים־פאָרער. און די פרויען, קאָן זיין, האָבן שוין דערוואַקסענע קינדער, און אַמאָל שוין אייניקלאַך. זיין זין פון מאָראַל האָט געליטן, און אַרום אים און און אַרום גאַנצן טיש האָט געשוועבט אַזאַ סאָרט באַליידיגונג, וואָס האָט אים אָנגעגריפן און אים אַריינגעבראַכט אין כעס. — און העלען?

פון די זייטיקע טישלאַך האָבן נייגעריקע אויגן געקוקט אויפן געדיכט באַזעצטן טיש. די מיידלאַך, די אונטערהאַלטער, ביים לעצטן טישל, האָבע כסדר איינגעשפּאַרט געקוקט אויף די געסט און צווישן זיך גערעדט וועגן די אַלע קאָנטיקע מענטשן.

דער דאָקטאָר האָט זיך דערמאָנט צו זיין העפלאַך צו זיין שכנה און איז גערן געווען צו מאַכן זיך נוצלאַך. ער האָט איר דערלאַנגט זאַלץ, אַ טעלער אָליוון, סאַלאַד, און אַליין זיך דערווייל געפילט ווי אויף אַ פרעמדער חתונה: — און וואו איז דער מאָלער מיט דער לולקע? וואו איז דער דיכטער? — וואו איז סעם, הערמאַן, עדי?... אַליין — איינגעמויערט אין אַ וואַנט פון אייגנטלאַך אומבאַקאַנטע. און אַנטקעגן אים זיצן צוויי ווייבער, וואָס ווילן אומבאַדינגט געפעלן ווערן, ביי איינער זיינען די האָר ווי אין פעך איינגעשמירט, ביי דער אַנדערער איז אַ שטיק מאָרדע ראַזירט, און העלען איז ווייט פון אים. ער איז געוואָרן אָנגעכמורעט: איר דערפאָלג האָט אים פאַרטונקלט און קליין געמאַכט, — און אָט זיצט זי מיט אַ פאַרטיק־צוגעשניטן שמייכל פאַר יעדן. און ווער איז דער שיינער מאַן צו וועמען זי רעדט מיט חשק? איז ער טאַקע אַ שיינער? אין וואולגאַרן זין. און ס׳האָט אים פאַר עפּעס פאַרדראָסן.

ער האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ שנאַפּס: — טפו, ס׳איז אַלץ אַזוי דערעסלאַך נאַריש! ער האָט אויסגעטרונקען אַ פול גלעזל מיט איין צי, זיך שיער־וואָס־שיער פאַרכלינעט. דער פּנים איז אים אָנגעגאָסן געוואָרן מיט בלוט. די אויגן האָבן זיך דערלאַנגט אַ שפּאַר, און עפּעס אַזוינס האָט אָנגערירט די סטעליע פון קאָפּ און אַלץ האָט אויף אַ ווײַלע אַ טאַנץ געטאָן, געוואָרן אַנדערש, און אין אים האָט

זיך מיטאַמאָל דערוועקט אַ פאַרלאַנג צו טאָן עפּעס געוואַגטס, נאָכ־צוזינגען די מוזיקאַנטן.

— איר ווייסט וואָס זיי שפּילן? — האָט ער אָן אויפגעלעבטער זיך געווענדט צו זיין שכנה, — ס'איז פון דער "שיינער גאַלאַ־טעא". און האָט אַליין גלייך גענומען נאָכזינגען דער פּליסיקער וואַלץ טעמפּאָ: נאַראַראַרא, נאַראַרא, רא, רא רא, ראַראַראַ, נאַראַראַ.

— איר זינגט, דאָקטאָר? — האָט איינע פון די אַנטקעגנדיקע מיטליאָריקע פרויען זיס געפרעגט.

— אָ, יאָ! — איז דער דאָקטאָר געוואָרן וואוילויונגעריש.

— קומט אַמאָל צו אונז.

— דער דאָקטאָר האָט זיי פריילאַך אָנגעקוקט.

— וואו וואוינט איר?

— אין פלעטבוש. פאַרשרייבט דעם נומער און טעלעפאָן.

דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן דעם אַדרעס און טעלעפאָן נומער.

— רופט אָפּ איידער איר ווילט קומען.

דער דאָקטאָר האָט צוגעזאָגט.

און אַלץ איז גוט און שיין: דער דאָקטאָר האָט זיך אַרומגעקוקט. ער איז געוואָרן דרייסטער. און דאָס מיידל, וואָס זיצט לעבן אים, איז אויך איר שטייגער אַ גאַנץ שיינע: עפּעס איז דאָ אין איר וואָס רעגט אויף. — זאָל'ס זיין דער יונגער שטייפער קערפּער? ער האָט צוגערוקט אין דער שטיל זיין פוס צו אירן. ניט געפונען קיין ווידערשטאַנד. און ביידע פיס זיינען געבליבן איינגעקלעפּט. אַ וואַרימקייט האָט זיך צעגאָסן איבערן לייב...און ווער איז דער הויכער מאַן וואָס דרייט זיך נאָכאַנאַנד אַרום העלען'ען? וואָס רעדט ער צו איר? און וואָס שמייכלט ער אַזוי פאַכאַבנע?... אָ, טו העל וויט דהעם! די אַנטקעגנדיקע וויל ער זאָל זי באַזוכן אין פלעטבוש... צו אַלט: ווען זי טוט זיך אויס — פעטקייט און קנייטשן... אָבער די וואָס זיצט לעבן אים? — צו יונג... אָבער אַ געוויסער טיפּ יונגע מיידלאַך האָבן ליב מיטליאָריקע מענער... איז זי פון די? — און:

— אַנטשולדיקט, ווי רופט מען אייך?

— פּעני.

— איר קומט אָפט אין די קרייזן?

— ס'מאַכט זיך אַמאָל.

— קומט אָפּט.
— וואָס איז?
— איך וויל אייך זען.
דאָס מיידל האָט געלאַכט:
— וואו קאָן מען אייך טרעפן?
— איך וועל אייך געבן מיין טעלעפאָן.
— גוט.
און דער דאָקטאָר איז געווען צופרידן.

אין דער פּאַרטיע האָט זיך געפונען אַ שיינער און אַנזעענדיקער מעבל הענדלער, אויף וועמען ס'האָט אין דרויסן געוואַרט אַ נייע גלאַנציקער אויטאָמאָביל. דער מעבל הענדלער, אין אויפברויז פון פרייער לוסטיגקייט, האָט זיך צוגערוקט צו דער אַקטריסע און זי איינגעוויקלט מיט איינגעַ'עקשנ'טער אויפמערקזאַמקייט, זי באַשאָטן מיט די וואָרשיינלאַכסטע קאָמפּלימענטן און כסדר באַשטעלט אַלערליי סאָרטן געטראַנקען.

— הערי! — האָט ער מיט גדלות גערופן דעם קעלנער, — אַ דאָזן פון די בעסטע ציגאַרן: קאַראַנאַ־קאַראַנאַס און עטלאַכע בענעדיקטינס, אָבער, ניט געבלאָפט, הערי. איך וויס דאָך עפּעס, — און האָט מיט אַ זאַטער צופרידנקייט געלאַכט אויפן קול.

דער דאָקטאָר האָט קנאה'דיק געקוקט אויפן הויכן און אויפגעלעבטן מעבל הענדלער און איז געוואָרן ביי זיך געפאַלן.

און דער מעבל הענדלער איז געוואָרן אַלץ מער און מער אַנגרייפער. איבערגעגאַנגען מיט אַלעמען אויף „דו", ניט איינגעזעסן אויף איין אָרט, געקלאַפּט די מאַנסבילן אין די פּלייצעס, די פרויען ליבלאַך אַרומגענומען און מיט וואָרע באַשטעלט ביי די מוזיקאַנטן באַליבטע נגונים פון טעאַטער, אַליין מיטגעזונגען מיט אַ רויען, אָבער ברוסטיקן באַריטאָן, — און ווי גייט דאָס ליד:

„...אוי שפּילן, איי, איי, איי...
אויף שפּילן שטייט די גאַנצע וועלט"...

און האָט וואולגאַר געלאַכט אויפן קול, געלאָזט פּילן די אַנצוהערעניש און געוואונקען מעשה בלאָטער יונג מיט די אויגן:

„אויף שפּילן שטייט די גאַנצע וועלט"...

— עך, באָיעס, —האָט ער מיט אַרויפגעצויגענעם אומעט מיטאָמאָל גענומען רעדן. — עפּטער אַל, ווהאָט איז די יוז... דאָס

ביסעלע שפּילן, איי דאָס ביסעלע שפּילן, — און האָט מיט גלאַנציקע אויגן געקוקט טיף אויף דער אַקטריסעס בריסט.

— אַ וואָלאַכל! — האָט אימיצער גערופן צו די מוזיקאַנטן.

— שפּילט „גם כי אלך בגיא צלמות״ — האָט אַן אַנדערער גערופן. — אוי, דער גאָטזעליגער קעסלער פלעגט׳ס זינגען. מען האָט אים געמעגט אויסקושן די גלידער, — ניטאָ אַזאַ קעסלער...

— די דאָינע! די דאָינע! — האָט אַן אַנדערער, קאָנטיק אַ רומענישער געשריען.

— אוי, בלאָנדי! — האָט דער מעבל הענדלער גערופן אַ בלאָנדע זינגערין. — קום אַהער, טאָכטער! און ווען זי איז, באַלאַנסירנדיק אויף די הויכע קאָרקעס איר גוט געפּאָרמטן קערפּער, מיט פּראָפעסיאָנעלן אַנשטעל צוגעקומען, האָט ער זיך צו איר ווי אַן עכטער עוועניו בלאָטער געווענדט: — קיד, זינג עפּעס, ס׳זאָל אַ צופּ טאָן, יו נאָו והער? — און האָט אַרויפגעלייגט זיין גרויסע האַנט אויפן ברוסט־קאַסטן. — איי דזשואיש זאָנג, יו נאָ, קיד, ווהאַט איי מין: סאָמטינג סוויט...

דער דאָקטאָר האָט דורך די פענסנע יאָלדיש געקוקט אויף די גערויטלטע, פאַרשוויצטע פּנים׳ער, אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, וואו הויכע פאַלמען האָבן נאָכמיטאָגדיק גערוט אין דעם בראַנד ברוין אין שכנה׳שאַפט מיט אַן אינדישן טעמפּל פון עפּעס גאָר טשיקאַווער אַרכיטעקטור. זיין קוק האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון פּונקט, וואו אַ שלאַנקער מינאַרעט האָט, דאַכט זיך, באַרירט מיטן שפּיץ אַ גראָווי פאַרקילטס געגליווערט אין שאַרפן בלוי: —

און אין די טראָפּישע לענדער פאַלמען און זיניקע טעג: אין אינדיע אַ קלאַנג פון געהיימניש און שלאַנגען. — פּע שלאַנגען. פאַר שלאַנגען האָט ער עפּעס אַזוי מאָדנע מורא: מורא געמישט מיט עקל. ווען ער טרעפט אַן אַ שלאַנג וואָלט ער פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק...

און דאָס געזונגענע ליד: —

„וואו זיינען מיינע זיבן גוטע יאָר?״

האָט דער זינגערינס אָנגעשטרענגטע סאָפּראַנאָ ווייבענדיק און רחמנות׳דיק געמאָנט.

— „זיבן גוטע יאָר״, „זיבן גוטע יאָר״ — האָט זיך אים עפּעס געבאָמבלט אין קאָפּ. — וואָס עפּעס זיבן? זיבן אַ מיסטיש צאָל...

אָ, אָ, ער האָט׳ס: ס׳איז כנגד די זיבן גוטע יאָר אין מצרים. ס׳איז אים אַרויף אויפן זינען אַ שטיק חומש: פרעה און יוסף הצדיק, און ס׳האָט זיך אים מיט מגיד׳ישן ניגון געטראַכט וועגן די מעכטיקע פרעה׳ס, וועגן אונטערגאַנג פון אַ גרויסער קולטור, און ס׳איז אים געוואָרן אַזוי פאַרדראָסיק, און ס׳האָט זיך אים מיט אַ קהלת ניגון נאָכאַנאַנד געקלאַפּט: — אַלץ איז באַשטימט צו פאַרגיין... ס׳ציען זיך לאַנגע און ברייטע פעלדער, זאַטע קאָרן פעלדער, ס׳פּאַשען זיך אויף גרינע לאָנקעס פעטע קי, ס׳קומען אָן דאַרע קי, פאַרשלינגען די פעטע, — און דער הימל איז אַזאַ בלויער, ווי אויף דעם פאָרהאַנג אין טעאַטער, די זון שיינט און שיינט, און די אידן שלעפּן זיך אין מדבר, און די זון באַקט און באַקט... און: —

„וואו זיינען מיינע גוטע זיבן יאָר?״...

ער האָט געקוקט מיט בהאַנקע אויגן אויף דער בלאָנדער זינגערין, ווי זי איז געשטאַנען מיט אַ בעטנדיקן, רחמנות׳דיקן פּנים און אַזוי רירנדיק געזונגען. ס׳האָט זיך אים אַ טראַכט געטאָן, אַז איר זינגען שטימט ניט מיט איר געשטעל, — און אידן האָבן זייער ליב וויינענדיקס.

דאָס ליד האָט אָפּגעזעצט די גאַנצע פּריוואַלע אויפגעלעבטקייט. די מיטליאָריקע פרויען פון אַנטקעגן האָבן יום־כּיפּור׳דיק געקוקט, און ער האָט מיטאַמאָל אין זיי דערזען דעם אמת׳ן עלטער. איינע אַפילו האָט נאָך אים אַלץ פאַרטשעפּעט אונטערן טיש מיטן פוס, — נאָר ס׳האָט עפּעס ניט געשטימט. דער איינציקער, דער טעאַטער פאַרוואַל־טער, האָט זיך ווי פריער געוויצלט און אַלץ געשטופּט איינעם צו פרעגן דער זינגערינ׳ס פּרייז.

אַ פולהאַרציקער אַפּלאָז האָט באַגעגנט דעם אויסלאָז פון ליד. דער מעבל־הענדלער האָט איר גדלות׳דיק דערלאַנגט אַ פינפעריל:

— טאָכטער, ביזט אָלרייט...

די זינגערין איז געוואָרן גליקלאָך.

— הי איז אַ גוד סלאָב, — האָט זי דערנאָך געדערעדט צו אירע חבר׳טעס ביים לעצטן טישל, — אַי נאָ הים יעט פראָם דעלענסי סטריט.

דער מעבל־הענדלער האָט גוטברודעריש געקלאַפּט דעם דאָקטאָר אין פּלייצע, און יעדעס מאָל האָט ער זיך פון נייעם פּאַטש איינגעצויגן ווי אַ יאָזש, געוואָרן קלענער.

— דאַקי, — האָט יענער צו אים געלאַכט, — איי בלאָפּסטו... טרינקסט דאָך גאָרניט! אוי, דאַקי, מיך בלאָפּט מען ניט! איך האָב פיינט מאַנקי־ביזנעס... אַ מאַן ווי דו, דאַקי, דאַרף קאָנען אַריינ־גיסן... טרינק מיט מיר...

דער דאָקטאָר האָט זיך גענומען פאַרענטפערן, געזאָגט, אַז ער האָט שוין אַ סך געטרונקען.

— זיי וויסן דאָך, הער גרינבערג, — האָט ער גערעדט, — מיט טרינקען איז ווי מיט יעדער זאַך אין לעבן: ניט גוט ווען איבערגעטריבן...

— אוי, דאַקי, רעדסט גאָר דייטש, — האָט דער מעבל־הענדלער מיט שפּאַס גערעדט. — פאַרשטייסט, דאַקי, איך בין אַ פשוט'ער איד. איך וויס, אַז טרינקען דאַרף מען טרינקען. וואָס מיר די פילאָזאָפיע? — אַזוי רעדנדיק, האָט ער דערווייל אָנגעגאָסן אַ פול גלעזל און אים דערלאַנגט מיט אַ באַפעלנדיקער מינע: — טרינק, דאַקי, ס'וועט דיר ניט שאַדן... טרינק, ס'איז די רעגעלע שטאָף...

דער דאָקטאָר האָט אויסגעטרונקען די גלעזל שנאַפּס.

— אָט אַזוי, אָט אַזוי, ווערט אַ מאַן!...

און האָט אים געקלאַפּט אין פּלייצע.

די פּאַרטיע איז געוואָרן איין גרויסער טומל. ביים דאָקטאָר האָט זיך דער קאָפּ גענומען דרייען.

— וואָס זייט איר אַזוי שטיל, דאָקטאָר? — האָט אים זיין שכנה, דאָס מיידל, געפרעגט.

ער האָט געשמייכלט:

ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן. געוואָרן נאָך מער צעמישט: לעבן אים זיצט אַ פרוי. און ער?... וואו איז זיין העפלאַכקייט?

— זיך פאַרטראַכט.

— איר טאַנצט?

— צום באַדויערן.

און ס'האָט אים באַנג געטאָן פאַרוואָס ער קאָן ניט טאַנצן.

דער שיינער מעבל־הענדלער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין טאַנץ מיט דער אַקטריסע. דער דאָקטאָר האָט מיט ווייטאָק געזען, ווי ער, אַזאַ גרויסער, שיינער מאַן דריקט זיך צו איר און זיין פּנים גלאַנצט מיט פעטן באַגער, און רעדט דערביי אין איר אַריין אַזוינע

מאַדנע, אויסגעלאַסענע רייד... ער מוז איר זיכער אָנבאָטן צו גיין מיט אים ערגעץ אין אַ האָטעל...

אַ ווייטאָק האָט געדריקט זיין ברוסט.

די אַנטקעגנדיקע מיטליאָריקע פרויען האָבן נאָך אַלץ צו אים געמאַכט חנ׳דלאַך, און אום צו בלייבן דזשענטעלמעניש, האָט ער געשמייכלט צוריק, אָבער דערביי געפילט, אַז זיין שמייכלען איז שוואַך און אומבאַהאָלפן.

אין די קליינע שטונדן פון אָנקומענדיקן פרימאָרגן, האָט זיך די פּאַרטיע גענומען אויפלייזן, און ס׳איז אויסגעקומען פונקט ווי אין קוני־איילאַנד אויף דער סטיפּעלטשייס־ראָד: די שוואַכערע, מיט ווינציקער אויסדויער האָבן גענומען אָפּפאַלן. ס׳זיינען נאָר פאַרבליבן די מער פאַרביסענע. צום סוף האָט איינער ווי אין דער וועלט אַריין אַ זאָג געטאָן: — ס׳טאָגט שוין, — און אַלע האָבן זיך גענומען אַרומקוקן.

ביים אַרויסגיין האָט די אַקטריסע, אַ פריש געפּאַרבטע, אים געגעבן איר אָרעם, אויף אים געקוקט מיט גרויסע אויגן:

— נו, דאָקטאָר, ווי האָט איר פאַרבראַכט?

— זייער גוט.

זי האָט זיך צו אים צוגעטוליעט, געוואָרן זיס, אָבער ער האָט געפילט, אַז ס׳איז ניט דאָס, ווייל באַלד איז פון ערגעץ אויסגעוואַקסן דער שיינער מעבל־הענדלער און איר גראַציעז אָנגעבאָטן זיין אויטאָמאָביל.

ס׳איז איצט זייער גוט צו נעמען אַ ראַיד, — האָט ער אַזוי אַ זאָג געטאָן.

— איר קענט זיך? איז איר איינגעפאַלן צו פרעגן.

— שור, קענען מיר זיך, — האָט דער מעבל־הענדלער מיט ברייטקייט אַ זאָג געטאָן.

— דאָקטאָר, איר וועט דאָך מיט אונז פאָרן? — האָט זי צו אים גערעדט און איר האַרץ איז ניט געווען דערביי.

דער דאָקטאָר האָט דערשפּירט די אומאויפריכטיגקייט פון איר קול און האָט געזאָגט:

— ניין.

— יו אַר נאָ גוד, — האָט זי קאָקעטיש געזאָגט און דערווייל גענומען אַריינגיין אין דער געעפנטער טיר.

אויפֿן ברעג הימל, צו זיין רעכטער האַנט, האָט אַ פֿריש ציטראָן גרין געוואַקסן קלערער ווערן, און דער מאָרגנשטערן מיט העזה און אויסגעפּוצט האָט, ווי אַ הויך אויסצייכנונגס אָרדן דעקאָרירט דעם סאַמעט גלאַטן לייב פֿון הימל, דערביי געוואָרפֿן געגנערעז אַ שפּע פֿון גלאַנץ און שיין אַרום זיך: — דער נייער טאָג האָט זיך אין ערגעץ אָנגעהויבן.

זי האָט אים מיט דער האַנט צוגעפּאַכעט „גוד ביי״, און ער איז געשטאַנען אַ פֿאַרלאָרענער אין דער קילער מאָרגנלופֿט, געקוקט מיט שטאַרע אויגן, ווי דער אויטאָמאָביל מיט אַ זינגענדיקן גערויש האָט זיך געגומען דערווייטערן, און באַלד האָט דאָס הינטערשט פֿייערל זיך געשפּילט ווי אַ רובין, און אַ ווײַלע שפּעטער אין גאַנצן פֿאַרשוואונדן.

— גוט מאָרנינג, דאָקטאָר! — האָט אימיצער אים פֿריילאַך באַגריסט. — מיר וועלן האָבן אַ שיינעם טאָג.

און ער אַן אומעטיקער, אַ ביי זיך געפֿאַלענער, האָט זיך פּאַמעלאַך אַוועקגעלאָזט מיט דער עוועניו.

און די עוועניו גלייכגילטיק, פֿאַרשלאָפֿן מיט די צעקלעקטע עלנטע, געלבלאַכע פֿייערלאַך, האָט זיך געצויגן און געצויגן. גרויסע מילך וועגן האָבן זיך עלפֿאַנטיש גערוקט, געמאַכט אַן אינטאָניקן גערודער. די ווענט פֿון ביידע זייטן האָבן שווער גערוט אויפֿן גרוי ווערנדיקן הימל, — און אין מזרח האָט אַן עלעקטריש גרין זיך רחבות׳דיק אויסגעשפּרייט.

און ס׳האָט אים אַ שלאָג געטאָן:

און אַלץ איז טויט. דאָס אַלץ איז אַ שטיל־לעבן, שפּעטער וועט אימיצער עס נעמען מישן מיט אַ גרויס לעפֿל, און לעבן וועט ווידער אויפֿשפּרינגען, — אָבער ס׳ווענדט זיך ווער ס׳וועט זיין דער מישער...

— כ׳בין מיד, — האָט ער זיך צו זיך אַליין באַקלאָגט און גענומען אויפֿן קול געניצן.

קאַרוסעל

מה שהיה הוא שיהיה
ומה שנעשה הוא שיעשה.
(קהלת)

1.

אמאָל אין רוים

טיטוס אָקטאַוויוס — בירגער פון רוים

טיטוס אָקטאַוויוס, אַ אָנגעזעענער מאַן, מיט אַלע סימנים פון שטאַנד און וואוילגעבורט אויף זיין פּאַטריציער געזיכט, איז געווען אַ געטריי קינד פון זיין צייט: די עפּאָכע פון אייניזיניקן נערא. און ווי איינער פון העכערן קלאַס איז ער נאָכגעקומען מיט פיינעם געמיט די בילדונגס פאָדערונג פון זיין דור: געווען איינגעווייט אין דער קונסט פון רעטאָריק, פילאָזאָפיע און אין דער ווייזהייט פון גוטלעבן. ער איז אויך געשטאַנען נאָענט צו די אַלע ספּאָרטס פון זיין צייט. אַרויסגעוויזן גרויס פייאיגקייט אַלס רעסלער אין די אינגערע טעג, — און טיטוס אָקטאַוויוס איז גוטמוטיג אַריין אין די מיטליאָרן.

ווען געהאַט אין זינען דעם שטייגער, זיטן און מאַניערן פון זיין דור, ווי אויך דאָס אָרט, וואָס ער האָט אַלס אָנגעזעענער בירגער פאַרנומען אין דער אויבערשטער שיכט פון געזעלשאַפט, האָט זיך געקענט דוכטן, אַז ער פירט זיין עקזיסטענץ אויף אַ פלאַך, וואָס ליפערט ניט קיין געלעגנהייט צו אַריינדרינגען אין תוך פון זאַכן: איינער לעבט ווייל ער לעבט. אָבער אין דער אמת'ן האָט ער געהאַט אַ טיפן אַריינקוק אין די אַלע פּאַסירונגען און דערשיינונגען, וואָס דער טאָג האָט געלאָזט פאַראַדירן. און אויב זיי האָבן אים שטאַרק ניט אָנגערירט איז'ס געווען נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט זיך שטענדיק געהאַט אין האַנט: געזען ניט צו דערלאָזן זיינע עמאָציעס פרייע שטייגערונג, — ווייל ס'איז ניט אין טאָן מיט דער פיינער באַלאַנסירונג פון גייסט.

די גאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט די פּאָעטן און פילאָזאָפן פון זיין צייט האָט זיין לעבן געפירט צו דער האַרמאָנישער גלייכגעוויכט, צום גאָלדענעם מיטן: — ביי די ברעגן האַלטן זיך דיסאַראַנזשירטע נאַטורן און אַלערליי אינסעקטן. די פּייאיקע און זעלבסטשטענדיקע שווימען אין מיטן: האָבן פּאַר זייערע אויגן ביידע ברעגן, באַאָבאַכטן און שמייכלען. דער גאָלדענער מיטן איז דער גאַנג פון די אויסדער־ווילטע. פלאַכע גייסטער ווערן דאָרטן וואולגאַר און ציניש.

ער האָט געשמייכלט אין פיין געמיט צו יעדער צייט: גע־שמייכלט, ווען אימפּעראַטאָר נעראָ האָט אין פּאַלצעטאַ, מיט דראַמאַטישן גוסט, דעקלאַמירט גריכישע און לאַטייניש פערזן, אָדער ווען ס׳האָט זיך מיט באַרימערישן הויכטאָן גערעדט וועגן דער גרויסקייט פון דער רוימישער אימפּעריע. ער האָט געשמייכלט מיט פילאָזאָפישער גוטמוטיגקייט פון דער ווייבערשער אייטלקייט און אינטריגעס פון די פעטע סענאַטאָרן. ס׳איז אים ניט אַנגעגאַנגען די לויזע אויפפירונג פון באַוואוסטע מאַטראָנען און די אומנאָרמאַלע מאַניפעסטאַציעס אין געשלעכטפאַרקער צווישן דער הויכער געזעלשאַפט.

נעראָ, — דער איינגעשמועסטער, איז אין גרונט באַדויערנס־ווערט. אויב ער פאַרדינט געוויסן איינזען פאַר זיין כלומרשטדיקער איבערגעבנקייט צו דער קונסט, צעשטערט ער עס מיט זיין ליידיקער באַרימעריי, און רופט אַרויס אַ שמייכל. — און ער אויך באַלאַנגט צו די וואָס קלעפּן זיך אַרום די ברעגן.

גלאָריע פון דער מעכטיקער רוימישער אימפּעריע? — אַ זאַך, וואָס מ׳קען׳ס ניט אָנטאַפּן, וואָרים דער ראַדיוס, וועלכן דאָס אויג קען אומפאַסן איז אַ באַגרעניצטער, און אַלץ וואָס דאָס אויג גרייכט ניט איז אומרעאַל. די גרויסקייט פון דער רוימישער אימפּעריע? יעדע גרויסקייט מוז האָבן אימעצן, וואָס זאָל איר קענען אַרומנעמען, — און ווער איז דער יעניגער, וואָס האָט אַזעלכע לאַנגע הענט? ערגעץ וואו אין אים האָט געטליעט אַ געוואָרזיין, אַז די גרויסע מעכטיקע רוימישע אימפּעריע, אַזוי הויך פאַרקלונגען פון פּאָליטיקער, פּאָעטן און אָפיציאַלן, איז אַ ליידיקער קלאַנג: יענע גרויסקייט וואָס קען צוליב אייגענער איבערוואַקסנקייט צוזאַמענברעכן צו יעדער צייט. ס׳איז אים אָפּט איינגעפאַלן, אַז די שלעסער פון דער

קאַלאָסאַלער סטרוקטור הויבן אָן לויז צו ווערן: אַרגיע פון מאַכט און סעקסועלער פּערווערז מערקן זיך ביים אָנהויב און סוף פון אַ קולטור.

דאָס געווינען פון דער אָדער יענער קורטיזאַנע איז נאָר אויף אַזוי פיל באַפרידיקנד וויפיל מ'איז גייסטיק עמפינדלאַך צום גע־וואָרזיין פון דער אייגענער אַלטקייט. און דאָס, וואָס יענער געווינט איז ניט מקנא צו זיין, — ווייל אויב עמיצער קריגט לייכט אַ נייע געליבטע קריגט ער אויך לייכט אַ נייעם ווייטאָק, — און טויזנטע נעכט פון ראַפינירטער זינלאַכקייט זיינען נול קעגן איין נאַכט פון צאַנווייטאָק.

ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז הינטער דעם אימפּאָזאַנטן פּאַסאַד פון הויכרוימישן לעבן הויערט אַ געדיכטע מאַסע, וואָס אַרבעט שווער צו שטופּן אָט דעם גרויסן רעגירונגס וואָגן. אָבער ער האָט וועגן דעם קיינמאָל ניט געטראַכט, — און צו וואָס עפּענען די הויט און זען ווי ס'פליסט דאָס בלוט? ער איז ניט נייגעריק: נייגעריגקייט איז אַן אייגנשאַפט פון פרויען, פון די וואולגאַרע און פּאָליטיקער.

זיין ווילא איז געשטאַנען אין ריי מיט דער ווילא פון זיין באַליבטן דיכטער קווינטוס האָראַציוס אויפן באַרג עסקווילין אין רוים, און צו גלייך מיט די אַלע אַריסטאָקראַטן האָט ער געפירט אַ זאָרגלאָזן לעבן און זיך קיינמאָל ניט געקימערט וועגן די, וואָס געפינען זיך אין געדיכטער מאַסע הינטער דעם פּאָרהאַנג פון גרויסן, רייכפאַרביקן רוימישן קאַרניוואַל.

דאָס פאָלק?

דאָס פאָלק: — אַ מאַטעריאַל, וואָס פילט אָן די ליידיקע פלעצער פון קאָליזעאום, וואָס ציט זיך ווי אַ סטאַדע ביי אַלע פייערלאַכקייטן צום אַמפיטעאַטער: גיט צו ביזאַרע פאַרביגקייט, פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט דער גרויסער צאָל קעפּ. אַ שטומער הינטערגרונט, אויף וועלכן ס'ווערט מיט פּאַראַד דורכגעפירט די באַמבאַסטישע דראַמאַטיזירונג פון דער גרויסער און מעכטיקער רוימישער אימפּעריע.

.2

די באַגעגעניש — צוזאַמענשטויס

איינע פון טיטוס אָקטאַוויוס׳עס צעשטרייאונגען איז געווען זיין פאַרנאַכטיקער שפּאַציר. ער האָט ליב געהאַט צו שפּאַצירן אַליין, און האָט אַפילו ניט געקענט פאַרטראָגן די נאָענטקייט פון זיין באַליבטער קורטיזאַנע פרעניס פון אַטהען, — ווייל יעדע פרעמד־קייט צעשטערט די אָנגענעמע פרידלאַכקייט און עכטע אָפּשפּיגלונג. יעדע שטים, ניט אַרויסגעקומען פון דעם אייגענעם אינערן, קלינגט אין מינוטן פון ריינער אָפּשפּיגלונג רוי און פלאַך. יעדע אַנדערע נאָענטקייט גרייפט אָן מיט קרעציקער העזה. יעדע פרוי איז נאָר גוט דעמאָלט ווען מען גלוסט זי. אָבער די ריינע, פאַרטראַכטע האַרבסט־פאַרנאַכטן פון איטאַליע קענען ניט פאַרטראָגן די אָנ־גרייפנדיקע זינלאַכקייט פון וועלכער ס׳איז פרוי.

און היינט ווי שטענדיק איז טיטוס אָקטאַוויוס געגאַנגען געקוקט פאַר זיך אין דער פּאָעטישער טיפקייט פון בין־השמשות, געהאַט אַ שוואַך געוואָרזיין פון גיין עפּעס אין אַ אומבאַשטימטן געוועב, און פון זען זיין וואָרימען בורשטין זיך באַהעפטן מיט ווערדעדיקן קאַלטן פּורפּור.

אין אים האָבן זיך געוועבט שטימונגען, וואָס האָבן געשטרעבט צו באַשטימטן אויסדרוק, אָבער ער האָט ניט דערלאָזן, אַז זיי זאָלן ווערן געדאַנק. ס׳איז אין אים געווען אַזוי וואויל צו געמיט, — און די פאַרנאַכטן פון איטאַליע זיינען געווידמעט דער ריינער אָפּשפּיגלונג.

אַנטקעגן, מיטן וועג, איז אָנגעקומען אַ פיגור.

טיטוס אָקטאַוויוס האָט געזען דעם פאַרנאַכטיקן סילועט פון אַ שווער־טרעטנדיקן מאַן, ווי ער האָט געזען די בוימער, וואָס האָבן שטעלנווייז פאַרצאַמט זיין קוק, אָבער ס׳איז אין דעם ניט געווען אַזוינס, אַז זיין אויפמערקזאַמקייט זאָל ווערן באַזונדערס אָנגעשפּיצט.

ווען ער איז געווען אויף עטלאַכע טריט ווייט, און ס׳האָט געמיינט, אַז זיי גייען איינע די אַנדערע פאַרביי, האָט אים דאָס אויסזען פון אַנטקעגנקומענדיקן אַ שלאָג געטאָן, און האָט אויף אים געמוזט אָנשטעלן די אויגן:

אַ הויכע קנאָכיקע פיגור פון אַ מאַן פון אומבאַשטימטן עלטער

אין אַ זייער לויזן מאַנטל, פון וועלכן ס׳האָבן אַרויסגעשטעקט אַ פּאָר נאַקעטע, בלויאָדערדיקע פיס מיט ווייט צעשפּרייטע, קרומע פינגער. דער קאָפּ בלויז מיט לאַנגע קאַלטענעוואַטע שוואַרץ־גרויע האָר, געפאַלן איבער די אַקסלען. אַ פּנים פאַרבּרענט פון זון און לופט, מיט שאַרפן נאָז, דיקע ליפּן און אַ פּאָר זוכנדיקע פיבער־גלאַנציקע אויגן.

דער אָנקומענדיקער האָט אים דער ערשטער באַגריסט:

— גוטער אָוונט, זון פון רוים.

אָקטאַוויוס, ווי דאָס רוב פּאַלאַצאָפּישע נאַטורן, האָט אין גרונט ניט געוואוסט פון אונטערשייד צווישן איין מענטש און צווייטן, סיידן ס׳איז געלעגן אין זיינע אינטערעסן צו וויסן. אַנטקעגן איז געשטאַנען אַ טונקעלע פיגור און אים באַגריסט. ער האָט געשמייכלט, ווי מענטשן שמייכלען אויף אַלץ וואָס ס׳איז אַמאָל אויסערגעוויינלאַך, און איז צוריקגעקומען אין ענטפער:

— גוטער אָוונט, פרעמדער. — און געמיינט צו גיין זיין וועג.

אָבער דער אַנטקעגן־שטייענדיקער האָט ניט געהאַט בדעה אַזוי פאַרבייצוגיין. ער האָט שטרענג גערעדט:

— טיטוס אָקטאַוויוס, זון פון מעכטיקן רוים, וואוהין איז דיין פּנים געווענדט?

אָקטאַוויוס האָט איצט געקוקט מיט מער אינטערעס אויפן פרעמדן, זיך גע׳חידוש׳ט, וואָס ער רופט אים ביים נאָמען, אויך איז אים איינגעפאַלן, אַז דער פרעמדער מוז זיין אַ איד, ווייל ער האָט אַזעלכע געשטאַלטן באַגעגנט מיט יאָרן צוריק, ווען ער האָט זיך אַ געוויסע צייט אויפגעהאַלטן אין דער קליינער, פון רוים אַדמיניסטרירטער, פּראָווינץ פּאַלעסטינע אין אַזיע. ס׳האָט אים גענומען געפעלן ווערן דער גאַנצער ענין, און ער האָט גוטמוטיק געזאָגט:

— וואוהין איך גיי? איך ווייס ניט. — איך שפּאַציר.

דער איד האָט געצויגן די אַקסלען:

— גאָר אָן אַ ציל?

נו, האָט אָקטאַוויוס געוואָלט זיין פריי און גוט און דאַרום אין שפּילנדיקן טאָן אַ זאָג געטאָן:

— אָן אַ ציל איז — אַ ציל.

דער איד האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און ביטול׳דיק אַ זאָג געטאָן:

— סאַפּיזם!

אַקטאַוויוס האָט אָנגעשפּיצט די אויגן: ער האָט ניט דערוואַרט, אַז דער אייגנטלאַך באַרבאַר וועט קומען מיט אַזאַ פאָרוואורף. אָבער דער פאַרנאַכט איז אַזאַ געטרייער, אַזאַ באַרואיקנדיקער, — צו וואָס שטערן די גלייכגעוויכט? ער האָט דאַרום אין זייער מילדן סאַרקאַזם ווייך גערעדט:

— מאַן פון פרעמדן לאַנד: איך גיי ווייל איך גיי. איך האָב ניט קיין באַזונדער פאַרלאַנג ערגעץ צו גרייכן. און הויב אויף דיינע אויגן, פרעמדער, באַטראַכט נאָר דעם געראַטענעם געמיש פון פאַרבן דאַרטן ביים האָריזאָנט. זע: ניט ווייט, דאַכט זיך, אָבער וויפיל איך זאָל ניט גיין און גיין ,וועל אהין ניט אָנקומען. און דערווייל וועט אָנקומען די נאַכט, און אַלץ, וואָס האָט זיך פריער אַזוי פאַרביק געשפּילט אין דעמערליכט וועט זיך פאַרצערן אין פינצטערן געוועב.

דער איד האָט מיט שאַרפן בליק דורכגענומען דעם אַנטקעגנ־דיגן הייד און אין זיינע קוילנגליענדיקע אויגן האָט געשטורעמט אַ וועלט מיט צאַרן, אַ וועלט מיט פאָרוואורף. ס'איז אים עפּעס אויסגעקומען אַזוי טשיקאַווע. ווילד־פרעמד: שטייען צוויי מענטשן איינע פאַר די אַנדערע, אויף איין באָדן אונטער איין הימל,ביידע אַרויסגעקומען פון אַ פרוי'ס בויך, ביידע גלייך וועלן זיך אומקערן צו דער ערד פון וואַנען זיי זיינען געקומען, — און וואָס פאַראַ אָפּרונט! אין דער זעלביקער צייט וואָס זיינע אויגן האָבן אויסגע־דריקט אַ צאַרנדיקע אומבאַגרייפלאַכקייט האָבן זיי פונדעסטוועגן דעם אַנטקעגנדיקן געוואָלט אָנצינדן מיטן זעלביקן פאַרצערנדיקן אייפער פאַר אַ נייעם באַגריף פון וועלט און לעבן. ס'איז אים געווען אַזוי רעגנדיק־אומבאַקוועם צו שטיין פאַר איינעם, וואָס שווימט מיטן ווינט נאָר דערפאַר, וואָס אימיצער האָט אים ווי אַ שיף געזעגלט. — און זאָל דער ווינט זיך איינשטעלן, דעמאָלט בלייבן די זעגלען הענגען ווי גע'חלש'טע, און מען איז אין מיטן ים. ער האָט העפטיק גערעדט:

— טיטוס אָקטאַוויוס, זון פון מעכטיקן רוים, פאַר דיר שטייט איינער, וועמען רוים האָט פאַר אַן אומגעווינטשטן געמאַכט, — אַ איד און רוים'ס אַן אונטערטאַן. אין דער מדבר־דורשטיגקייט נאָך מאַכט האָט רוים אויך געגרייט אונזער לאַנד. רוים איז אומגע־זעטיקט: וואָס מער זי פאַרכאַפּט אַלץ מער וויל זי, — און ווער ס'וויל

אַלץ פאַרכאַפּן, פאַרכאַפּט גאַרנישט! רוים האָט אונז געמאַכט פאַר אונטערטעניקע און רוים וועט זיין אונטערטעניק צום אידן, — צום אידן פון גליל. און וויפיל ווילדע חיות ס'זאָלן ניט פאַרצוקן אונזערע ברידער אין די אַרענאַס, — די אַרענאַ וועט בלייבן פאַר אונז. ווייסטו, טיטוס אָקטאַוויוס, אַז טויזנטער פון אונזערע ברידער מישן זיך מיט אייך, היידן, און דער מעכטיקער שטאַם וועט ווערן צעביסן פון אונזערע ציין. האָסטו געהערט פון אידן ישוע, זון פון יוסף דער סטאָלער פון נצרת, וועמען דער רוימער פאָנטיוס פּילאַטוס, פּרוקוראַטאָר פון יהודה, האָט געקרייציקט?

אָקטאַוויוס האָט געקוקט אויפן צאַרנדיקן אידן, געזען אין איין גאַנג דעם אויבערשטן שטיק פון פלאַמענדיקן צירקל אַראָפּלאָזנדיק זיך אין טיפן בלוי, און ס'איז אים פאַרגעקומען אַזוי ווייט און אומבאַשטימט, — ווי אין חלום. צי האָט ער געהערט פון אידן ישוע, וועמען פאָנטיוס פּילאַטוס האָט געקרייציקט? ער האָט געזוכט אין זכרון, און זיך פאַמעלאַך גענומען דערמאָנען, — יע, ווי דורך אַ שלייער: ער האָט אַמאָל געהערט אין באָד אַן אַלטן צינז־איינמאָנער, וואָס איז געווען אין פּאַלעסטינע, אין טיבעריוסעס צייטן, דערציילן וועגן אַזאַ ענלאַכן פאַל. ס'איז עפּעס געווען פאַרבונדן מיט רעבעליאָן, — נאָר וואָס גייט'ס אים אָן?! און וואָס איז'ס אַזוי וויכטיק? ער האָט דאַרום, ווי זיין שטייגער, האַלב גוטמוטיק געזאָגט:

— פרעמדער, דער אָוונט רוקט זיך. — און געמאַכט אַן אָנשטעל פון גיין.

דער איד האָט אים מיטן קוק אָפּגעהאַלטן. ער האָט אויסגע־שטרעקט די האַנט צום הימל און מיט אָנגעצונדענע אויגן פּראָפעטיש גערעדט:

— טיטוס אָקטאַוויוס, זון פון מעכטיקן רוים, פאַרנעם מיינע רייד. זעסט! איבער אונזערע קעפּ הענגט אַ הימל, דאָס אָרט וואו אונזער פאָטער זיצט. ער איז קעניג איבער קעניגע און קעניגט מיט גנאָד און יושר. די ערד איז זיין פוסבענקל. רוים פרעגלט זיך אין איר אייגן געשאַפענער גלאָריע: זי איז העזה'דיק, וויל די גאַנצע וועלט דערווערבן און מיינט אַז זי איז מעכטיק, אָבער, ווי קען דאָס וואָס אויף דער ערד זיין מעכטיק, אַז איין טרייסל פאַרניכטעט אַלץ? די רוים, וועלכע הערשט אַצינד מוז אונטערגיין און אַן אַנדערע וועט אויפשטיין, אבער וועלכער ס'וועט שוועבן דער גייסט פון

געקרייציקטן אידן... און ווי געפעלט דיר, טיטוס אָקטאַוויוס, אַזאַ נקמה?!... און וויסן זאָלסטו אויך, אַז ווי גוט דער סוף זאָל ניט זיין איז ער מער ניט ווי אַ סוף. דער אָנהויב דאָס איז דער עיקר!...

דאָס אָפּגעזאָגט, האָט דער איד מיטן לויזן מאַנטל, קאַלטאַנע־ווּעטן קאַפּ און צעלאַפּטשעטע פיס מיט בלויע אָדערן געשטעלט פיס און געגאַנגען זיין וועג.

אָקטאַוויוס האָט געשמייכלט פון גאַנצן פּאַל, פון דעם צאָרנדיקן אויסברוך, געהאַט דאָס געוואָרזיין פון קומען אין באַרירונג מיט אַזוינס וואָס קומט פאָר אין חלום: אומבאַשטימט ליכט, פאַרשאַרפטע אָנגעשטרענגקייט און דער אָנגרייפנדיקער זין פון פולער איינזאַמקייט — און אַרום וועבנדיקער טונקלגרוי, שוואַרצע סילועטן פון בוימער, און ער איז אויף אַ פאַרלאָזטן וועג.

ער איז געגאַנגען אַהיים און עפּעס האָט אים געטשעפּעט. ער האָט ניט געוואוסט און ניט געוואָלט וויסן וואָס, אָבער ער האָט געהאַט אַ געפיל פון אומבאַקוועמלאַכקייט, — און וואָס האָט דער צאָרנדיקער איד געזאָגט? ער האָט געזאָגט:

„און וויסן זאָלסטו אויך, אַז ווי גוט דער סוף זאָל ניט זיין איז ער מער ניט ווי אַ סוף. דער אָנהויב דאָס איז דער עיקר!“

3.

טרויער גרייפט אָן אָקטאַוויוס'ן

דורכן מילדן, מעלאַנכאָלישן האַרבסט האָט זיך געצויגן דער אָטעם פון אָנקומענדיקן אָוונט. שאַרפע קאָנטורן האָבן זיך געקלעקט, זיך אויפגעגאָסן מיטן טאַפּעלגרוי. ביים ברעג הימל האָט זיך נאָך שוואַך געשפּירט דער בלייכוועדנדיקער רויט, — דער לעצטער שפּור פון זונפאַרגאַנג.

טיטוס אָקטאַוויוס איז געשטאַנען אויפן טעראַסע פון זיין ווילאַ, געקוקט סתם אין פינטלדיקן געוועב, געזען אַזאַ טיפע גרויקייט, אַן אַליך אויפגיסנדיקע — וואָסער גרויקייט, ווי אויפן ים, ווען די שיף ציט זיך און ציט זיך אין אַזאַ גאָרנישט זאָגנדיקער ליידיקייט. ער האָט געהערט הינטער זיך אַ לעבהאַפטע געריידעריי, געלעכטער, רעציטאַציע, — ס'האָט מיט אַקטיאָרישע פּאָזע און אַקצענט רעצי־טירט דער דיכטער פלאַמיוס.

פרעניס איז צוגעקומען צו אָקטאַוויוס'ן, זיך לעבן אים געשטעלט, געקוקט וואוהין ער האָט געקוקט, גלייך ווי זי וואָלט וועלן זען, דאָס וואָס ער זעט. דערנאָך האָט איר שטים מעלאָדיש געקלונגען:

— אָקטאַוויוס, וועגן וואָס טראַכסטו?

און זי האָט אַריינגעטאָן איר האַנט אונטער זיין אָרעם.

ער האָט זיך צו איר אַ ווענד געטאָן, געשמייכלט און געגאַנגען מיט איר צו די געסט.

— ביסט הונגעריק, פרעניס?

— ניין, אָקטאַוויוס.

פלאַמיוס, שלאַנק און יונג, מיט אַ פיין געקרויזטן קאָפּ, האָט דעקלאַמירט:

די זאָרגן פון ווענראַ זיינען ניט טעג און יאָרן,
די זיינען געדיכט געפּאַקט אין שפייכלער פון יופּיטער, —
דער געלעגער פון מאַרס איז ליידיק, פאַרלאָזן,
די מאַנלאַכקייט טויט, — די לוסט אויסגעלאָשן...

פלאַמיוס האָט באַרוישט געלאַכט.

זיי האָבן זיך געזעצט אַרום געגרייטן טיש.

פרעניס אין לויזן טוניק איז לעבן אים געזעסן. אירע לוסטער־שוואַרצע האָר האָבן באַזונדערס אויסגעצייכנט די עלפאַנטביין ווייסקייט פון שיין געשניטענעם געזיכט און האַלז.

לעבן דיכטער פלאַמיוס איז געזעסן די גאָלדהאָריקע סאַבינאַ.

נאָכדעם ווי דער וויין האָט געהאַט זיין ערשטע ווירקונג, זיינען די געזיכטער געוואָרן מער אויפגעלעבט. פלאַמיוס האָט הויך דערציילט „שעפּטשנדיקע נייעס" וועגן נעראָ און פּאָפּעאַ. ער האָט מיט פולן מויל איבערגעגעבן, דערביי אָקטיאָריש איבערגעמאַכט, ווי אַזוי נעראָ איז צוגעשטאַנען צו פּאָפּעאַ'ן און געפאָדערט צו האָבן אַ זון מיט איר. — פּאָפּעאַ איז אין שרעק, — האָט ער גערעדט. — עמיצער האָט איר דערציילט וועגן נעראָס מאָרד־לוסט אַנפאַלן. דער זעלביקער האָט איר אויך דערציילט וועגן זיינע האָמאָ־סעקסועלע נייגונגען.

אָקטאַוויוס האָט געפרעגט:

—איך האָב געהערט, אַז נעראָ האָט באַערט פּאָפּעאַ'ס מאַן,

סילוויוס אָטהאָ מיט אַ גובערנאַטאָר־שטעלע אין לואיזיטאַניאַ.
סילוויוס אָטהאָ איז זייער אַ פייאיקער מענטש.

פלאַמיוס האָט געלאַכט:

— ס׳איז אַ שטעלע פון וועלכער ער וועט צוריק ניט קומען.
פאָפעא וועט בלייבן אַן אלמנה.

אָקטאַוויוס האָט געשמייכלט: ער איז געווען ווייט פון די הויף אינטריגעס, און די ווילדע קלאַנגען, וואָס האָבן זיך פון דאָרט געטראָגן האָבן ניט באַוויזן צו אויפרעגן זיין נייגעריגקייט. ער האָט אַפילו קיינמאָל ניט געמאַכט קיין פאַרזוך צו אינטערעסירן זיך מיט די עטיש־פּאָליטישע אַנשויאונגען פון זיין פריינט סענעקאַ. ער האָט אָבער גערן געהערט די אַלע רכילות, ווען דער ווין פון איבעריע האָט ווארים געמאַכט זיין בלוט, אין דער זעלביקער צייט האָט ער אָבער ניט געוואָלט פאַרשווענדן וועלכן ס׳איז סאַרקאַזם אויף זייער רעכענונג. ער האָט נאָר געשמייכלט, געמיטלאַך אויס־געהערט אַלץ, וואָס זיין פריינט פלאַמיוס האָט געהאַט צו דערציילן.

סאַבינאַ האָט געבעטן פלאַמיוס׳ן ער זאָל פאַרטראָגן זיין אָדע צו דער בלייכער שיינקייט פון גאָלד. ער האָט׳ס פאַרגעטראָגן מיט אַלע שטיק און אינטאָנאַציעס פון געבאָרענעם אַקטיאָר, און די גאַנצע צייט געהאַט אין זינען נעראָ׳ן: אומבאַוואוסט פאַר זיך אַליין האָט ער אים נאָכגעמאַכט, — און נעראָ האָט באַזעסן אַ געזונטע ברוסט־שטים און געקענט פאַרטראָגן מיט שוישפּילערישן שוואונג.

אַ שמעקעדיקער אויל־לאָמפּ האָט געשפּרייט זיסלאַכן עסענץ און בלייכן ליכט. דאָס שוואַכע שיין האָט זיך מיט פיינעם קאַפּריז געשפּילט אין דעם שווער רויטן ווין פון דער קריג, באַלויכטן די בלייכע גאָלדיגקייט פון סאַבינאַ, אונטערגעשטראָכן די מאַרמאָר־קלאָרקייט פון פרעניס.

סאַבינאַ האָט מיט אנגענעמען לייכטזין געשמייכלט, געגומען דאָס פאַרגעטראָגענע אויף איר רעכענונג, — און איז זי ניט די בלייכגאָלדענע געליבטע פון דיכטער פלאַמיוס? זי האָט געקוקט אויף דער פאַרטראַכטער פרעניס און ס׳איז איר איינגעפאַלן, אַז פרעניס איז עלטער פון איר: אירע בריסט זיינען ניט אַזוי שטייף, די היפטן ניט אַזוי אָפּגערונדעט, — און אָקטאַוויוס איז אַ שיינער און רייכער מאַן. אין איר איז געבאָרן געוואָרן אַ באַגער צו באַצירן זיין געלעגער.
פרעניס האָט געקוקט אין דער געדיכטער פינצטערניש פון מילדן

הארבסט־אָוונט, און ס׳איז איר עפּעס ווי אָפּגעגאַנגען: און וואָס ליגט דאָרט, וואו ס׳איז אַזוי שוואַרץ און מורא׳דיק?

זי האָט אויפגעכאַפּט סאַבינאַ׳ס לייכטזיניקן קוק און ס׳האָט זי פאַרדראָסן פאַרוואָס סאַבינאַ איז אינגער, פאַרוואָס ס׳איז נאַכט, — און וואָס עגבערט אַזוינס אין איר האַרץ?

פלאַמיוס האָט מיט שיכור׳ע גוטברודערשאַפט דערציילט וועגן אַן אָרגיע, וואו אַ סענאַטאָר האָט זיך פאַרוואָטן צו אויפעסן אַ זייט פון אַ שעפּס און דערנאָך שטיין די נאַכט מיט דער באַרימטער אומגעזעטיקטער קורטיזאַנע לידיאַ — ער האָט דעם געוועט פאַרלאָרן אָרום און אָרום. און ווען נעראָ האָט וועגן דעם געהערט האָט ער געקייכט פון געלעכטער.

פּרעניס האָט זיך געטוליעט צו אָקטאַוויוס׳ן. דער איידלקייצל־דיקער ריח פון איר פאַרפומירטן לייב האָט ווייך געצערטלט זיין לייב. און וויפיל ס׳איז אָקטאַוויוס׳ן געווען קלאָר די פאַר־שיכר׳נדיקע ווירקונג פון פרעניס דערהויבענער זינלאַכקייט, דאָך האָט ער קיינמאָל ניט געקענט אָנטאַפּן דעם גרויסן סוד פון איר איינפלוס אויף דער ריין געשלעכטלאַכקייט פון זיין נאַטור.

די שפּילנדיקע אויגן פון סאַבינאַ האָבן געזוכט אָקטאַוויוס׳עס אויפמערקזאַמקייט, — און אָקטאַוויוס האָט געטראַכט, אַז סאַבינאַ באַזיצט זייער פיל פון דאָס וואולגאַרע, כאָטש אירע בריסט זיינען שטייף און פריש ווי עפּל אויפן בוים.

דער דיכטער פלאַמיוס איז געווען באַרוישט. ער האָט מיט יוגנט־לאַכער העזה פאַרקלענערט די ווערט פון ווירגילן, האָראַציוס און אַרכילאָקוס. זיך באַרימט, דערציילט זיינע פּאַסירונגען מיט פרויען.

אָקטאַוויוס האָט גוטמוטיק געשמייכלט, ניט געוואָלט מוטנע מאַכן די הייטערקייט פון פאַרטראַכטן הארבסט־אָוונט מיט ווערטלען זיך. ער האָט געפּילט דעם שווערן ווייַן לייכט שטייגן צום קאָפּ און הנאה געהאַט צו שפּירן זיין פלוס דורך די אָדערן. ער האָט געקוקט איבער דער באַלוסטראַדע אין דער שוואַרצער געדיכטקייט פון די פאַרגלייווערטע ציפּרעסן, — און ווער וועט פון דאָרט דערשיינען?

פּרעניס, האַלב באַטרונקען, האָט מיט פאַררויכערטע אויגן געקוקט אין אָקטאַוויוס׳עס. זיך טיפער געדריקט אין אים, געלייגט אירע פולע וואַרימע ליפּן צו זיין אויער, און מיט הייסן, באַוועגטן אָטעם געפּליסטערט: אָקטאַוויוס גלעט די נאַפּלען פון מיינע בריסט,

זיי ווערן פאַרצערט פון מאַנענדיקן באַגער. זיי גאַרן נאָך דער נאַרונג פון דער אייביקער באַפרוכפערונג, זיי גלוסטן דעם זיס הויטאויפּ־נעמענדיקן שוידער...

ער האָט מיט פיינער מינע געקוקט אין אירע שמאָל־אויפגע־צויגענע אויגן, געשפּירט מיט לייב און וועזן די פעדערגלעטנדיקע וואוילקייט פון איר איידעלער וואַרימקייט, ווי אַמאָל אין די יונגע יאָרן פון געשלעכט דערוואַכונג: אין יענע זיסע חלומות, וואו אַלץ איז אַזוי פיין און דערהויבן און ס'דרינגט דורך זיין וועזן אַזאַ טרילנדיקע זיסקייט און ס'ווערט קוועליק מיט זעלטענעם גענוס דער חוש פון אַנריר: — דער פּונקט פון גלייכגעוויכט, פון פולער האַרמאָניע, און מען פילט זיך די ליפּן צו עפענען.

און דאָרט הינטער מאַרמאָרנער בלוסטראַדע, אין דער געדיכטער שוואַרצקייט רוט אַ באַהאַלטענע קראַפט, אַן אימה, — און וואָס קען פון דאָרט אַרויסשפּרינגען?

אַ ווייכער ווינטל, ווי דאָס פליגל־פאָכן פון אַן אַלעבטראָס האָט געשפּאַצירט איבער אים, אַנגעווייעט אויף אים דעם זיסן טרויער פון פאַרגאַנג.

סאַבינאַ, די גאָלדנהאָריקע, איז געהאַנגען אויף פלאַמיוס'עס שולטער, אירע שטייפע בריסט האָבן זיך געשפּאַרט אין אים. זי איז געוואָרן אַנגרייפנדיק און האָט אין זילבער שטים געזונגען פאַרנאָגראַפישע לידער. זי איז געווען אַנגענעם וואולגאַר.

אָקטאַוויוס האָט געקוקט אין דער פינצטערער מאַסע, געשפּילט די שווערינקייט פון דאָס וואָס טיילט אים אָפּ פון דעם גרויסן איבערגאַנג. און מיט אַמאָל —

פון דער שוואַרצער געדיכטקייט האָט זיך אַרויסגערוקט די פיגור פון דעם וואַנדערנדיקן אידן, און ווי אויפן שפּאַציר איז ער איצט פאַר אים געשטאַנען ווי אַן אַנרוקנדיקער וואָלקן: אַ הויכע, קנאָכיקע פיגור אין אַ לויזן מאַנטל, פון וועלכן ס'האָבן אַרויסגע־שטעקט אַ פּאָר נאַקעטע, בלויאַדעראַדיקע פיס מיט ווייט צעשפּרייטע, קרומע פינגער, מיט אַ שאַפּן קאַלטענוואַטן קאָפּ און אומאַנגענעמע גליענדיקע אויגן. ער האָט געהערט די רויע שטראָפנדיקע אויגן. ער האָט געהערט די רויע שטראָפנדיקע שטים, — און:

וויסן זאָלסטו אויך, אַז ווי גוט דער סוף זאָל ניט זיין איז ער מער ניט ווי אַ סוף. דער אָנהויב דאָס איז דער עיקר!

אַ לייכטער שוידער איז געקראָכן איבער זיין לייב, ער האָט אויסגעטערונקען נאָך אַ בעכער וויין, זיך אויפגעגומען, געשמייכלט ליבלאַך צו פּרעניס׳ן און גערעדט:

— אויף די טעג, איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט האָב איך אויפן שפּאַציר אָנגעטראָפן אַ אידן, איינער פון אַ שטאָם אַזיאַטן, וועלכע רוים וויל אַדמיניסטרירן. דער באַרבאַר איז געווען אָנגעפילט מיט האַס און צאָרן קעגן דער גרויסמאַכט פון רוים און פאַרקונדיקט רוים׳ס אונטערגאַנג. פאַרן אַוועקגיין האָט ער געזאָגט: „וויסן זאָלסטו אויך, אַז ווי גוט דער סוף זאָל ניט זיין איז ער מער ניט ווי אַ סוף. דער אָנהויב, דאָס איז דער עיקר!...״ ווערטער אַזוינע, וואָס וואָלטן געפּאַסט פאַר סענעקאָן, ווען אין פיינער שטימונג...

ער האָט געלאַכט, געקוקט מיט אומעטיקע אויגן אין דער פאַרגליווערטער שטילקייט פון די ציפּרעסן. פון אומעטום האָט געלויערט דער מעלאַנכאָליש אָנגרייפנדיקער אָטעם פון האַרבסט. ס׳זיינען די בלעטער אוממעכטיק געהאַנגען און געבלאָקירט, די גראָזן געדאַרט און פון זיך אָפּגעגעבן מיט פייכטקייט פון ערד.

ער האָט גערעדט צו פּרעניס׳ן:

— פלאַמיוס און סאַבינאַ זיינען באַזויפן. זאָלן זיי געפינען געגנוס אין זייער באַזויפנקייט. מיר וועלן זיך פאַרקלייבן אינעווייניק.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, נאָכאַמאָל אַריינגעקוקט אין דער נאַכט און איז אָנגעגריפן געוואָרן מיט ווייכן טרויער, — און: ווי גוט דער סוף זאָל ניט זיין איז ער מער ניט ווי אַ סוף. דער אָנהויב, דאָס איז דער עיקר! — און ער איז אַזוי ווייט פון אָנהויב.

(צווייטער עפּיזאָד)

פּאַרק עווענין

1.

שפּאַציר אין האַרבסט־אָוונט

פון דערווייטנס: —

אין שפּיץ פון דער שלאַנקער געביידע, וואָס האָקט איבער צו דרום דעם ברייטן אויסצי פון דער רעספּעקטאַבלער, רייכער פּאַרק־עווענין, גליט אָן אויגצוציענדיקע, וואוילגלעטנדיקע טאָפּאַז־יואַרימ־קייט. די גלייכלייניקע הויכקייט וואַקסט אַזוי ווי אַרויס פון דעם

מאַסיוון און אנשטענדיקן גרענד־צענטראַל וואָקזאַל און האָט דאַרום דאָס שמייכלענדיקע געוואָרזיין פון אַן איינגעשמועסטן שומר, וועלכער האָט די זייער פאַראַנטוואָרטלאַכע אויפגאַבע פון אָפּהיטן אַ טייערן אוצר: שטאָלץ און פול מיטן באַוואוסטזיין פון זיין אַחריות און ווערדע, שוועבט אַרום אים פראַגע: — און ווער פון אייך איז מיט מיר גלייך?

דער דאַך און שפּיץ פון טורעם, ראָקאָקאָ אין סטיל, ברייננגט אַרויף אויפן געדאַנק פון די, וואָס מוזן אים זען, שפּאַצירנדיק איבער דער עוועניו פון צפון צו דרום, אַ געשניצט באַגולט דעקל פון אַ וואַזע, און יעדער דערפילט דערביי אַ מאָנענדיקע שמערצעניש אין די הענט פון ווען עס אויפהויבן: — און וואָס איז דאָרט אין דער טיף הינטערן דעקל?

דער וואָרים־גליענדיקער טאַפּאַז אין סאַמע גאָלקע דערמאָנט אַ ברענענדיק קויל, אויף וועלכע ס'ווערט נאָכאַנאַנד געהויכט אַ האַסטיקער אָטעם: — צעפלאָסענער האָניק מיטן אָפּשיין פון מילדן פאַרנאַכטיקן בורשטין אויף מעריב'ס הימל־ראַנד: פרום, פרידלאַך אין דעם זין פון אייביקן זיין.

בייזאַכט, מיט דער הוזשנדיקער איינטאָניגקייט פון וואַלד, טראָגט זיך אַריין און אַרויס דער שווימענדיקער שטראָם פון אויטאָמאָבילן. ס'שפּרינגט אויף דער בלוטרויטער תאוה'דיקער רובין, דערנאָך דער אייזקאַלטער עמעראַלד: הוזשענדיקע באַוועגונג און גאָרנישט מיינענדיקע פאַרגליווערטקייט, — און די עוועניו ציט זיך קעציש־גראַציעז צווישן שטומע איינגעשלאָסענע ווענט.

ס'איז האַרבסט. דאָס וועטער איז מילד, געטריי ווי אַ טוגנט־האַפטע געליבטע: אַ געפיל פון זיכערקייט אָבער אָן עלעמענט פון אויפרודערנדיקס. די נאַכטלופט שטימט דעם געמיט צו פיינער פרידלאַכקייט — און מ'רוקט זיך איבערן פלאַך ווי אַ שיפל איבערן שפּיגל־גלוט פון טייך אין זונטיק־פאַרנאַכטיקער פרומקייט: אַלץ איז איינגעשלאָפן אין אָוונט־רו.

פון צענטראַל־פּאַרק קומט דער ריח פון געטריקנטע בלעטער און גראָז, מישט זיך אומגעראָטן מיטן מער אָנגרייפנדיקן ריח פון פּאַרקער, טראָגט אַריין אַ שוואַכע אָנצוהערעניש אויף פאַרדרוס און חרטה. ס'ווערט עפּעס אַזוי טשיקאַווע: ווי אַלץ וואָלט זיך איינ־געשטעלט אויף איין פונקט, — אויף אַ פּונקט פון גלייכגעוויכט.

און אַרום שפּירט זיך דאָס אומעטיקע ליד פון ווינטער פאַרנאַכטן, און: —

וואָס ס'איז געווען וועט ווידער זיין. דאָס שפּיל פון אויפגיין און פאַרגיין וועט אַזוי אייביק אָנגיין. איצט? — וואַרימקייט און מוזיק.

און די צוויי שטראָמען אויטאָמאָבילס פוןביידע זייטן טראָגן זיך און טראָגן זיך אהער און אַהין, און מען דערפילט, ווי דאָס אומקלאָרע, דאָס אומבאַשטימטע פאַרוועבן די שאַרפע קאָנטורן פון דער עוועניו, וואו די געביידן מאַסיווע קובן פאַרלייען דעם אָוונט אַ לופט פון פרעמדקייט און ווייטקייט, — און ווער וואוינט דאָרטן? ווי זעען זיי אויס?

די מענטשן, וואָס שפּאַצירן אַזוי געמיטלאַך אין עלעקטרישן שיין פון די גאַסן־לאָמפּן, קינדער פון דער גרויסער מעטראָפּאָליס, זיינען אָנגעפּילט מיט פּולסירנדיקן אימפּעט, זיינען עמפּינדלאַך און פילן שוין צו שאַרף, וואָס שטייט פאַר זיי פאַר:

דאָס וואוילזיין פון לאַנד: זיי ווילן דעם האַרבסט אַ פּרעזידענט.

די צייט איז אַזעלכע וואָס אָטעמט מיט מורא, וואָס דערמאָנט אַן אָנקומענדיקן שטורעם: מער שרעקלאַך איידער ער קומט. דאָס וואוילזיין פון פאָלק און לאַנד הייבגט אויף אַ האָר, — און די קעפּלאַך אין די אָוונט־צייטונגען זיינען אימה־אָנוואַרפנדיקע.

צוויי שוואַרצע כמאַרעס דראָען צו פאַרדעקן דעם ריינעם הימל־בלוי פון דעמאָקראַטיע: פאַשיזם און קאָמוניזם. ביידע, דיאַמעטראַל קעגנגעזעצט, זיינען זיי אָבער אין גרונט די וואָס סטראַשען צו פאַרניכטן אונזער ציוויליזאַציע — שרעק!

די עדיטאָריעלע רפואה:

ווי די וועלטלאַגע איז איצט, שטייט פאַר אונזער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע די סכנה צו פאַרניכטעט ווערן פון די צוויי פרעמדע, אויסלענדערשע שטרעמונגען. פאָלגלאַך מוז מען מיט אַלערליי מעגלאַכע אופנים באַקעמפן די שטייגנדיקע געפאַר. דער קאַפּיטאַליזם אונטערן שוץ פון דעמאָקראַטיע, מיט אייניקע מאָדיפיצירונגען, איז די אָרדענונג אונטער וועלכע ס'קאָן געדייען דער אַלהעכסטער געדאַנק פון אינדיווידועלער פרייהייט און אויפטו. דער אַרבעטער, דער מיטל־מענטש — ניט וויכטיק. אַ גוטער צוזאָג, אַ צוגעוואָרפן ביין, און די אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע איז געראַטעוועט.

שטימט פאַר פּרעזידענט דעם און דעם און אַלץ וועט זיין ווי געווען!

און די עוועניו פאַרגליווערט ווי אַ געמעלדס ציט זיך און ציט זיך ביז זי ווערט איבערגעהאַקט פון שלאַנקער געביידע, וואָס דער־הויבט זיך איבערן גרענד־צענטראַל וואָקזאַל, — און הויך אויבן אין שפּיץ גלימערט די האָניק־פליסנדיקע וואַרימקייט פון בורשטין, ווי אַ גליענדיקע קויל, אויף וועלכער ס׳ווערט כסדר געבלאָזן: — גליט אין טאָפּעלגרוי פון חלל, ציט צו זיך דאָס אויג ווי אַן איר־ליכט אין דער טיפער איינזאַמקייט פון שוואַרצער נאַכט.

.2

גאָרדאָן, איינוואוינער פון ניו־יאָרק

דער וואָס איז אין אַ האַרבסט־אָוונט געגאַנגען איבער פּאַרק עוועניו פון צפון צו דרום האָט כסדר געקוקט אויפן הייס־גליענדיקן טאָפּיז, איינגעפּאַסט אין בשמים־פּושקע פון דער ראַקאַקאָ־וואַזע אויפן שפּיץ דאַך פון שלאַנקער געביידע, און פילע פּאַרקיילעכונגען זיינען אים אויפן זינען אַרויף: די זון אין צעריסענע שוואַרצע וואָלקנס, אַ גליענדיק קויל אין אַש באַשאָטענעם אויוון, דאָס מיטן פון אַ קוזנע־פייער גערעגט פון בלאָז־זאַק. די בליאונג פון יונגער מיידלשאַפט. —

גאָרדאָן איז געווען קינסטלער און יונג.

קוים דרייסיק, האָט ער אויף זיך געטראָגן די דערפאַרונג, וואָס מאַכט אַנדערע בלאַזע און איידעלע געלייטערט־קלוג. אין הויך: פינף פוס צען, מיט גוט געאוילטע מוסקולן, וואָס האָבן פּרעציז פונקציאָנירט. זיין געזיכט פיין געשניטן האָט אין זיך אויפגעהאַלטן די פרישקייט פון יוגנט. זיינע גרויע אויגן, טיף געזעצט אונטער שוואַרצע ברעמען, האָבן אויף אַלץ און אַלעמען געקוקט דאַרפיש און הייטער. קיין סימן פון דיסיפּאַציע האָט געצייכנט זיין פּנים, כאָטש ער איז געווען געענוג איינגעוויייט אין די אַלע שטיק און קונצן פון דער ניו יאָרקער קינסטלערישער יוגנט: דורכגעגאַנגען מיט דערפאָלג די וואוילינגערישקייט פון גריניטש־ווילעדזש שול, די ליטעראַרישע שול פון „טראַנזישאַן", זיך געקאָנט זעלנעריש זידלען, ריידן אין גייסט פון אַ שכור׳ער נימפאָ־מאַניאַק.

און פונדעסטוועגן האָט ער נאָך אַלץ געוואָרט, מיט דער נייגעריקער דערוואַרטונג פון אַ אינגל, אַז עפּעס זאָל פּאַסירן.

געגאַנגען איז ער אין דער עוועניו ניט סתם אין דער וועלט אַריין. ער האָט געוואָלט אימעצן דאָרט באַגעגענען, — און דאָס איינציגע וואָס ער האָט געוואוסט וועגן דער פּערזאָן, וואָס ער האָט געזוכט צו טרעפן, אַז זי וואוינט אין פּאַרק עוועניו.

מיט אַ צייט צוריק איז ער געווען אין אַ גריניטש־ווילעדזש נאַכט־קלוב און דאָרט געטראָפן אַ פרוי, וואָס האָט אים מאָדנע אינטריגירט, און ווי אים האָט זיך געדוכט, אַז זי איז אויך פאַראינ־טערעסירט אין אים, ווייל זי האָט נאָכגעפרעגט דער ווירטין אויף אים, און די "האָסטעס", אַ פרוי מיט אונטער־וועלט דערפאַרונג, ציניש ווי אַ דריט־טערמיניקער קאַרפּאָראַל האָט צו אים געזאָגט:

— Listen, sucker, she is a Park Ave. dame. Don't be a fool!

און דערביי אַזוי הוריש צוגעוואונקען.

אָבער איידער וואָס־ווען האָט אין דער אַנדער זייט אויסגעבראָכן אַ געשלעג, און אין טומל האָט ער זיך פאַרלאָרן. און שוין פון אַ פּאָר וואָכן, אַז ער שפּאַצירט כמעט יעדער אָוונט איבער דער עוועניו — טאָמער.

די זאַפטיקע גליאיגקייט פון אָוואַל־טאָפּאַז האָט זיין קוק צו זיך געצויגן, און ס'איז אים געווען צו מוט, ווי ער וואָלט געפירט געוואָרן אין ערגעץ פון אימעצנס אַ שטאַרקן פאַרלאַנג, — און ווען די ערד טוט זיך מיט אַמאָל אַ טרייסל!

ס'האָט אַ שוידער אויפגענומען זיין לייב.

ער האָט באַזונדערס געקוקט אויף די פרויען, וואָס האָבן זיך אַזוי ווי אַרויסגעכאַפּט פון די ברייטע טירן און גלייך צו די וואַרטנדיקע אויטאָמאָבילן: אַלע זיינען זיי עפּעס געווען אויסגעוואַשן, אויסגעצוואָגן, ווי אַ געווויסער סאָרט קאַליפאָרניער פייגן, פון וועלכע מען ציט אַרויס די רויע נאַטירלאַכקייט און זאַפטיגקייט כדי זיי זאָלן אויסקוקן קינסטלאַך בלייך און ריין. אויף די אַלע פרויען האָט זיך פּראָמינענט אָנגעזען די פרישקייט פון קאָסמעטיק, זיך געשפּירט די ריח־דיקע זייפיגקייט פון וואַנע, זייערע פּיס שוין צופיל געצירלאַך: די הויט דורך דער שיטערקייט פון זיידענעם זאָק צופיל ווייס און גלאַט. די אויגן צופיל שיינענדיק, די ליפּן צו רויט, — און:

מיר אַמעריקאַנער זיינען שוין צו עמפינדלאַך: מיר שפּירן צו שאַרף דאָס, וואָס איז פאַרבאָרגן פון אויג און חוש. עפּעס הויבן מיר אָן מורא האָבן. מיר זיינען קראַנקהאַפט פּאַטריאָטיש. עפּעס זיינען אַלע אונזערע געזאַנגען פול מיטן וואָרט "ליבע". און די נעמען פון די לידער קאָנקורירן מיט די נעמען פון רייס־פערד און ליקער: „אין שאָטן פון די פּאַלמען", „דיין זיסער קול אין אַ לבנה־נאַכט", „בלויע אויגן אונטער בלויען הימל", „אַ שטרייף פון רעגנבויגן". — און ווען די לידער פון אַ לאַנד הויבן אָן ווערן זיס, און ווען די בירגער ווערן צו פּאַטריאָטיש... רוים איז געווען רוים, ווען סאָלדאַט און אַדוואָקאַט זיינען געווען דאָס, וואָס זיי האָבן באַדאַרפט זיין. אָבער ווען רוים איז געוואָרן צו עמפּינדלאַך, צו ראַפינירט — דעמאָלט די גלעקער... די גלעקער, — און ס'איז אים עפּעס געפעלן געוואָרן וואָס ס'איז אים אַרויף אויפן זינען „גלעקער", — און ווען אַנשטאָט טאַפּאַז זאָל דאָרט אין שפּיץ הייגגען אַ גלאָק, און ס'זאָל מיט אַמאָל אָנהויבן קלינגען... און ס'איז זונטאָג, ס'איז אַזוי מאָדנע שטיל, ווי אַלץ וואָלט אויסגעגאַנגען און זיך אויפגעלייזט. מ'איז אויפן פעלד, און פון שטעטל דער־טראָגט זיך דאָס קלינגען פון גלעקער, — און אַלץ איז אויסגעלאָשן, און וואו איז דאָס לעבן?

דער פּאַרקער אין דער עווניו ביים איבערבייט פון סיגנאַל האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַלץ איז געבליבן פאַרגליווערט ווי אויף אַ פילם, וואָס דער אָפּערייטאָר האָט פּלוצים אָפּגעשטעלט: — אַ געמעלדס, אַ פאַרגליווערט געוואָרענער ים אין סאַמע מיטען פון אויפברויז.

ער האָט געקוקט אויף די שטומע, גלייכגילטיקע געביידן און עפּעס איז אים געוואָרן אַזוי טשיקאַווע ווייט און פרעמד צו געמיט:

— און ווער זיינען די וואָס געפינען זיך הינטער אָט די ווענט?

3.

באַגעגעניש

פון אַ טיר האָט זיך לופטיק אַרויסגעטראָגן אַ שלאַנקע פרוי, און מיט שטייפן אונטערשטראָכענעם טראָט, ווי אַ ראַסן־פערד, ווען ער פילט זיך גוט, זיך דערנענטערט צו אַ רויטקאָלירטן אויטאָמאָביל,

וואָס איז געשטאַנען נעבן טראָטואַר. זיין אויג האָט אויפגעכאַפּט אַ באַקאַנט פּראָפּיל. — דאָס איז זי! „איי עם לאַקי״!

ער האָט געמאַכט אַ פּאָר שנעלע שפּרייזן, אויסגעמאַרקירט, אַז זי זאָל אים זען איידער זי גייט אַריין אין מאַשין.

ווען ער איז געווען גלייך מיט איר האָט ער אָפּגענייגט דעם קאָפּ און זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט. אין אירע אויגן האָט עפּעס אַ צאַפּל געטאָן. ער האָט זיך פאַרנויגט.

זי האָט גערעדט:

— אייער געזיכט קומט מיר פּאָר באַקאַנט.

— מיר האָבן זיך איינציקע מאָל געזען אין קלוב "עקסטראַ־וואַגאַנט״.

— אָ, מיי גאַד! יע, אין קלוב „עקסטראַוואַגאַנט״... איך בין צופרידן.

אַ ווײַלע זיינען זיי געשטאַנען ווי ניט אַהער־און־אַהין, זי האָט די ערשטע איבערגעבראָכן.

— קומט מיט מיר. איר זייט ניט פאַרנומען?

— ניין.

זיי זיינען צוגעקומען צום אויטאָמאָביל. ער איז נאָך איר אַריין.

ער איז געזעסן מיט אַ מינע פון אומבאַקוועמלאַכקייט און געפילט זיין געזיכט, געהאַט דאָס געוואָרזיין פון אַ נאַרישן אויסשפּרייט איבער אים: — אַ לאַגע, וואָס קאָן יעדע רגע ווערן קאָמיש.

זי האָט גערעדט:

יע, אין קלוב „עקסטראַוואַגאַנט״. איך האָב זיך מיט אייך געוואָלט באַקענען. ווי רופט מען אייך?

— גאָרדאָן.

— מיינער איז העלען. העלען פּאַרקער. נאָר רופט מיך איינפאַך העלען.

ער האָט זיך דערפילט פרייער, און זי מיט באַזונדער אינטערעס באַטראַכט פון דער זייט און אַ פילן פון וואוילזיין האָט אים אַרומגעכאַפּט: פרוי און זינלאַכקייט האָט פון איר געאָטעמט, — און פאַר אים איז וואָס פאַרגעשטאַנען.

— מיר פאָרן איצט צו אַ פּלאַץ, וואו מיר וועלן קאָנען האָבן אַ פּאָר „דרינקס״ — יו דאָנט מיינד?

אין איינע פון די פופציקסטע גאַסן האָט זי זיך אַריינגע־קירעוועט און זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ ברוינשטיין הויז.

ער האָט זי קאַוועלערמעסיק געהאָלפן אַרויסשטייגן, געהאַלטן מיט הנאה איר שמאָל־קרעפטיקע האַנט, זי שמייכלענדיק אָנגעקוקט, געפילט אַ וואַרימקייט זיך פאַרשפּרייטן איבער לייב.

זיי זיינען אַריין אין אַ האַלבטונקעלן קעלער. אייניקע סילועטן האָבן זיך געשאָטענט ביי די ווענט אַרום ליכט באַלויכטענע טישלאַך.

ביי איינעם פון אַזעלכע טישלאַך האָבן זיי זיך געזעצט. זי האָט אָנגעצונדן אַ ליכט און געלאַכט:

— אַביסל טעאַטראַליש, אַז מען וויל אַפילו קליינשטעטלדיק, — אָבער דאָך אַנדערש...

אַ יונג מיידל איז צוגעקומען.

— אַ דריי מאַרטיני — אייך אויך דאָסזעלבע? — צוויי מאַרטיניס.

נאָכן דריטן קאָקטייל האָט גאָרדאָן זיך דערפילט אויפגעלעבט: זי געפונען. ער איז געוואָרן ריידעוודיק און געוואַגט. ער האָט איצט געקוקט אין אירע אויגן. ביים בלאַסן, וויגנדיקן שיין, באַמערקט פאַרמירנדיקע ליניעס, באַשטימט איר עלטער: אין די פערציקער, — אָבער ווי מערקווירדיק רייף און אָנגרייפנדיק.

זי פון איר זייט האָט אויף אים מיט אָפענער געוואַגטקייט פון פרוי נאָכאַנאַנד געקוקט און געהאַט דאָס איריקע אין זינען. פאַר אים איז׳ס געווען דאָס אייביק געוויינלאַכע און אומגעוויינלאַכע: מאַן און פרוי, און אין וועלכן פאַל די פרוי איז שטענדיק קלאָר אין דעם אַרויסגאַנג.

ער אָבער איז ניט געווען זיכער, — און אַזאַ אַנגענעמער האַרצאויפשטימענדיקער ווייטאָק האָט אים אַרומגעכאַפּט.

— גאָרדאָן, איר זייט נאָך גאָר אַ יונגער מאַן. — איר זייט מאַלער. אינטערעסאַנט...

4.

דאָס געוויינלאַכע און אומגעוויינלאַכע

דאָס געוויינלאַכע:

אַ פרוי אין צייטיקער שיינהייט, פול מיט בלוטאָנגרייפנדיקער

ווייבלאַכקייט, געוויקלט אין שוואַרצער אַטלאַסענער דעגליזשע, פאַר־צערט פון אומגעזעטיקטן באַגער.

דאָס אומגעווײנלאַכע:

אָרט און לאַגע, שטימונג און דער שטייגער.

אימעצער האָט פאַר די מענטשן געשאַפן אַ נאַרמע, אויסער דער נאַרמע — די אומגעצאַמטע פאַנטאַזיע.

ער האָט זיך מיט אַמאָל דערפילט אויסער דער נאָרמע, און ס׳איז ניט געווען דערפאַר, וואָס זי האָט געוואָלט איבערלעבן די אַלע גייסטיק־אינטעלעקטועלע און פיזישע אַקטן, וואָס זיינען באַקאַנט צו די גרעסטע סענסואַליסטן פון אַלע צייטן, ווי דערפאַר, וואָס זי האָט זיך גאָר פון אָנהויב אַריינגעלעבט אין דער ראָלע פון אַ געוויסע הייליקע, באַזונגען פון פּאָעטן, און געוואָלט דורך איינגעשפּאַרטער איינגעהאַלטנקייט געווינען דעם אַלהעכסטן גענוס.

זי איז געלעגן האַלב אָנגעשפּאַרט אויפן דיוואַן שטייף געוויקלט אין גליטשיק וואוילשמעקנדיקן פּענואַר, פון וועלכן ס׳האָבן מיט האַרץ־אָנגרייפנדיקער סוגעסטיע אַרויסגעקוקט די שמאָלע לאַקירענע הויך־אָפּצאַסנדיקע מעסטעס. איר קאָפּ מיט די מעשענע האָר באַלויכטן פון ווייכן, וואַרימען אָראַנזש, האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַרויסשווימען פון חלל: עטוואָס מאָנאַסטירישע געשפּענסט־האַפטיקס, עטוואָס געפיינערטס און קראַנקהאַפטיק אין מיטן פון וואולגאַרן מאָדערניזם.

אירע אויגן האָבן געקוקט פאַר זיך און דער בליק איז געווען אַזאַ ווי ער וואָלט דורכברעכן די וואַנט און געזען וואָס ס׳איז פאַרבליבן אין יענער ווייטקייט, וואו די מענטשלאַכע פאַרגאַנגענהייט ליגט. זי האָט גערעדט:

— ווען נאָך דער ווירקונג פון וואולגאַרע קאָקטיילס און אָפּשיילאַכן געשלעכט־זשאַרגאָן פון אונזער צייט פאַלט מען, דורך דער הילף פון געבענטשן און אַלץ קלאָרמאַכנדיקן נאַרקאָז, אַריין אין דער טיפעניש פון מיטלאַלטערלאַכער רעליגיעזער ציכטיגקייט, דעמאָלט איז לייכט אַריינצודרינגען אין די אייביקע סודות פון דערהויבענער האַרמאָניע פון געשלעכט. דעמאָלט ווערט מיטאַמאָל קלאָר פאַרוואָס די הייליקע קלאַראַ האָט געקאָנט טויטן דאָס קערפּערלאַכע און ווערן איין לאַנגער לויף פון דורכזיכטיקן עקסטאַז. ס׳איז גרעסערער און מער געטלאַכער גענוס אין איינגעהאַלטנקייט

ווי אין לויזקייט. שטעלט זיך פֿאָר יענעם נשמה־צושטאַנד, ווען דאָס גאַנצע לייב, דער גייסט זיינען אָנגעגריפֿן מיט אַזאַ שמערצהאַפֿטן פּיין און רייסנדיקן באַגער געריר̈ט צו ווערן פֿונם מאַן, וואָס מען האָט אַזוי טיף ליב, — און פֿולע אנגעהאַלטנקייט... ס׳איז נאַכט אינם קעלער־קאַלטן געוועלב פֿון קאָנווענט, שפּעטע נאַכט. די גרויע ווענט אין שאָטנס געוויקלט. ערגעץ אין אַ ווינקל גלימערט דאָס אויל־לעמפּל פֿאַרן בילד פֿון דער הייליקער מוטער. פֿאַרן בילד קניט אַ נאָנע אין טיפֿן וויי. אַ שוואַרצער רוי־וואָלענער מאַנטל און קאַפּושאָן וויקלט איר יונגן עמפּינדלאַכן קערפּער, — אַ קערפּער קיינמאָל ניט באַרירט פֿון אומאַרמונג, און וועלכער טראָגט אין לייב און בלוט אַ פֿאַרצערנדיקן באַגער, — אַ באַגער וואָס רייסט זיך אויפֿגעלייזט צו ווערן דורך דער באַהעפֿטונג מיט אַן אַנדער קערפּער, אום אויפֿצוגיסן זיך אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט...

זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט פֿאַר זיך ווי פֿריער און געשוויגן.

פֿון אומעטום, פֿון אַלע ווינקלען פֿון מאָדערנעם צוגעקליבענעם צימער, פֿון איר צירלאַכער, קינסטלאַך צוגעפּוצטער פֿיגור, האָט געווייעט מיט אַזאַ אָפּטויטנדיקע לופֿט. ס׳האָט זיך געדוכט דער אָנהויב פֿון אַ קאָשמאַר. — און דאָך:

אַלץ וואָס ס׳איז אין אים געווען קערפּערלאַך און מענטשלאַך איז אָנגעגריפֿן געוואָרן מיט אַזאַ פֿיינלאַכן באַגער — און אַלץ וואָס ס׳איז געווען און אַלץ וואָס וועט זיין פֿאַר דעם, וואָס קאָן ניט זיין.

.5

באַזינונג

די עווענין דריי אַזייגער פֿאַרטאָג — אַ סאַלאָן, וואָס האַלט זיך אין אויסליידיקן: די געסט אויסגעשעפּטע, מיט סימנים פֿון מידקייט אַרום זיך, צעגייען זיך, און ס׳בלייבט דאָס פּלאַץ אין אומאָרדנונג און וואַרט אויף די, וואָס וועלן קומען עס אויפֿראַמען.

און אין דער שטונדע איז גאָרדאָן געשטאַנען ביים אַרויסגאַנג פֿון אַ געביידע, מיט אַ פֿאַרטשאַדעטן קאָפּ און מיט פֿאַרצויגענע אויגן געקוקט אין דער לייגג פֿון עווענין: אַרום איז געווען אַזוי ליידיקלאַך, אַזוי אומבאַשטימט, — ס׳האָט דער קילער ווינטל אים דורכגענומען.

צוויי טעקסי־טרייבערס האָבן זיך איבערגעביטן מיט שאַרפע פעפערדיקע זידלערייען. ס'האָט אים אַ נעם געטאָן: מענטש־לאַכע רייד.

און ס'איז אים אַביסל געוואָרן פרייער.

די זידלעריי פון די טרייבערס האָט אים אַ־יפגעטשוכעט, אַריינגעשפריצט אין אים געזונטן לעבן, ער האָט זיך דערפילט היימיש: — צווישן אייגענע, און איז געווען צופרידן, וואָס ער געפינט זיך איצט אין מיטנאַכטיקן דרויסן, וואָס אָטעמט מיט אַנצוהערעניש אויף רויער, היילזאַמערווירקלאַכקייט.

ער איז געגאַנגען, געקוקט פאַר זיך אין דער מערקווירדיקער שטילקייט און שלומערנדיקע באַלייכטונג פון דער עווענ־יו. דער שלאַנקער אַרום, דער דריי דימענסיוועד, איז איצט געווען אַ פלאַכער שטרייף אויפן מער ליכטיקן הינטערגרונט.

ער האָט זיך נאָך אַלץ געפונען אונטער דער פאַרטעפנדיקער ווירקונג פון אַ קראַנקהאַפטיקער אַטמאָספערע: — אַן אַטמאָספערע, וואו אַלץ איז אַזוי פיין, אַזוי געשמאַקפול, אַזוי דערהויבן, — און דאָך אָנגעפילט מיטן ריח פון פאַרגיין און פאַרלעשונג.

מיטן גאַנג אין קילן פרישן דרויסן האָט דער טשאַד ביי אים אין קאָפ זיך גענומען אויפלייזן, ער איז אַריין ביסלאַכווייז אין דער נאָרמע, און האָט דערנאָך אויף זיין שטייגער גענומען מאַראַליזירן:

דאָס איז די העכסטע שטופע פון דעקאַדאַנס: די פולקאָמענע פאַראיידעלונג פון אַלע אינטעלעקטועל־גייסטיקע מאַניפעסטאַציעס פון נשמה־גאַנג, דאָס אויסוועפן זיך פון די שטאַרקע, אָנגרייפנדיקע ריחות, דורך און דורך געשמאַק, די העכסטע דערגרייכונג פון קינסטלערישקייט, אַלע שאַרפע פאַרבן געבלייכט אין האַלבע און אונטערדריקטע טענער, היפערעמפינדלאַכקייט, — און דער אָפּגע־שוואַכטער חוש פאַר גוט און בייז. און ווען דאָס לייב ווערט אַזוי עמפינדלאַך איז צו דערוואַרטן אַן אויסשיט. ווען די עמפינדלאַכקייט פון איינציקן ווערט אַזוי פיין, דעמאָלט — סאַניטאַריום. דאָס פולע געזונטע לעבן פון אַ פאָלק געדויערט אַרום פופצן הונדערט יאָר, דערנאָך — דעקאַדאַנס. כל־זמן גריכנלאַנד איז געווען ריאַליסטיש, געלעבט אין קרייז פון געזונטער גלייכגילטיגקייט און ליידנשאַפט־לאַכקייט: — פולע מאַנלאַכקייט. דערנאָך: — ווייבלאַכקייט און פאַרלעשונג. דאָס קריסטענטום איז פאַר די רוימער ניט געווען

בלויז אַן איבערבייט פון איין שטייגער אויף אַן אַנדערן. דאָס קריסטענטום איז פאַר זיי געווען אַ נייע געוואונענע עמפינדלאַכקייט, אַ געפיינערטער עסענץ, און די מיליטערישע און יורידישע רוים איז דעקאַדענט. מיר אַמעריקאַנער, מיט אונזער טעמפּאָ, זיינען פּריצייטיק אַריין אין קרייז פון דעקאַדענס. ס׳ווייזן זיך שוין די אַלע סימפּטאָמען אין אונזער לעבן. מיר ווערן שוין עמפינדלאַך, און מיר שטייען ביים סוף, — און ווי גוט דער סוף זאָל ניט זיין איז ער נאָר אַ סוף. דער אָנהויב דאָס איז דער עיקר. די רוסן האָבן דערוויזן זיך צו ראַטעווען אויף אַ מערקווירדיקן אופן: זיי האָבן אָנגעהויבן גאָר פון אָנהויב, און אויב אַפילו זיי פעלט די אַלע וואוילטאָגן און די דערהויבענע געגוסן פון עמפינדלאַך ווערב־דיקן סוף, האָבן זיי אָבער פאַר זיך אַ רחבות׳דיקע פּערספּעקטיוו און געוואָרזיין, וואָס זיי קאָנען נאָך אין אים אויפטאָן.

גאָרדאָן איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין טראַכטן, אַז ער האָט ניט באַמערקט, אַז ער איז שוין ביים יוניאָן־סקווער. דאָס טרובן פון אַן אויטאָמאָביל האָרן האָט אים אויפגעוועקט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט: — יוניאָן סקווער. ס׳איז אים מיט אַמאָל איינגעפאַלן:

דאָס אָרט וואו ס׳באַגעגנט זיך סוף און אָנהויב.

ראָמאַן אין גאַרמענט סענטער

1.

פרימאָרגן. — „שי איז אַ קאָמוניסט"

אין אַ פרימאָרגן אין האַרבסט איז איבער אַ נומערירטער גאַס פון גאַרמענט צענטער געהאַנגען אַ פאַרגליווערנדיקע גרויקייט, כאָטש דער שטרייף הימל, וואָס האָט פון דער הויך אַריינגעקוקט אין דער אומגעמיטלאַכער טיפעניש פון קעניאָן איז געווען פון אומשולדיקן בלוי און צוגעזאָגט אַ וואַרימען, ליכטיקן טאָג. דאָס ליכט, ווי אין אַ וואַלד, אַריינגעטריפט פון אויבן, האָט אויף אַ באַזונדער אופן געלאָזט פילן, אַז אין מזרח הויבט זיך די זון אויפן הימל אַלץ העכער, און אַז די ערד אַרויסשטויסנדיקע טורעמס זיינען פאַרכאַפּט פון פריש שפּילנדיקן ליכט און גלאַנצן פריידיק אין וואַרימער, אַנגענעמער מאָרגנלופט, — געוואַשענע און ווייסע.

אָבער אין טיפעניש פון גאַס איז געווען בלייגרוי און ס'האָט זיך געפילט, ווי אויפציען די ביינער: — אַזאַ אומהיימלאַך קעלער־קעלט. פון אומעטום: פון די אַנגעברוגזטע ווענט, פון די שוואַרצע טרוקן־געזעלשאַפּטלאַכע טירן און פענצטער האָט נאָכאַנאַנד געשפּאַרט אַן אַנגרייפנדיקע אומפריינטלאַכקייט. ס'האָט זיך אַרום נאָך שאַרף געשפּירט דער טוכלער ריח פון נעכטן. ס'האָט געשמעקט מאַניפעק־טור, פוטערוואַרג און האָלץ. דער אַספאַלט אַ פייכטער און פעטער, האָט זיך פלאַך און געדולדיק געשפּרייט, זיך צוגעגרייט צו פאַרטראָגן די לאַסט, וואָס דער נייער אַרבעטסטאָג וועט אויף אים אַרויפלייגן.

פיגורן האָבן פון די עווניוס געגומען אין כסדר'דיקער פּראָ־צעסיע אַריינשטראָמען אין כמורנעם קיניאָן און זיך ווי אַ קאַדריל באַוועגט: דורכגעגאַנגען, זיך פאַרקירעוועט און פאַרפאַלן געוואָרן אין די פינצטערע, אומפריינטלאַכע טירן, מיט גרויסע געלבע נומערן איבער זיי.

די פיגורן, מערסטנס ערנסט שווייגנדיקע, מיט סימנים פון איינגעוואַשנקייט און טעמפּאָויגיגקייט אויף די פאַרשלאָפענע פּנים'ער פון די מענער און אַנגעפודערטע פּנים'ער פון די פרויען, האָבן זיך

געצויגן אין ערגעץ אָן חשק. די פּנים׳ער פלאַך, געטריבט פון וואַרימער פּאָליסירונג, האָבן אויסגעדריקט אַ פאַרגליווערטן געוואָרזיין פון דעם, וואָס דערוואַרט זיי צווישן די קאַלטע ווענט פון די טורעמדיקע געביידן: אַ טאָג פון אַרבעט, אַ גרויסע זעלביגקייט, אַ כסדר׳דיקע יאָגעניש — און די אויגן פלאַך אומעטיקע האָבן געקוקט פאַרגלעזערט פאַר זיך: געזען אַ קאַלטן האַרטן מערב הימל זיך אַראָפּלאָזן אויף אַ געדיכטער בלויקייט אַרום די האָדסאָן ברעגן.

אין דער כסדר׳דיקער מאָרגן־פּראָצעסיע האָט זיך, מיט יונגן שטייפן טראָט און געשיקטער בויגיגקייט פון רוקן און לענדן, אימ־פּעטיק געשופּט אַ צירלאַך יונג מיידלשע פיגור אין אַ געמישטן געשניידערטן טויד־אַנצוג און קליין געוואַנט היטעלע, וואָוליוב־גריש אָנגערוקט אויף אַ זייט אַזוי, אַז זי האָט כמעט צוגעדעקט דאָס רעכטע אויג, אָבער דערפאַר געלאָזט גרויס און פריי דאָס אַנדערע, וואָס האָט אויסגעדריקט אַלע קאַפּריזן און אַנדערע זאַכן אין דער וועלט: פון גוטמוטיגקייט ביז זיין גרייט אויף דאָס עקסטרימסטע.

הינטער איר האָט אַטלעטיש געשפּאַנט אַ יונגער מאַן שיין און הויך געבויט, אָנגעטאָן אין אַ רייכברוינעם צווייזייטיקן „ענגליש דראַפּ״ גאַרניטער און ווייכע העלברוינע שלאַפּע, געזעצט אויפן שיינעם קאָפּ אין אַ בראַוואַדי מאַנער. זיינע אויגן פול לעבן און יוגנט, האָבן אי געקוקט אויפן קלינאַרטיקן שטרייף פון גאַס, אי געהיט מיט אַן אויג פון אַ נאַשער די צירלאַך בויגיקע פיגור פון, פאַר אים שופּנדיק, מיידל. ער האָט מיט אַ באַזונדער וואָויל־אָפּשאַצונג געקוקט אויף אירע פיינגעפאַרמטע אַנקלען, פאַרענדיקט אין אַ קליינער שיינער מעסטע מיט גראַציעזע פראַנצויזישע אָפּצאַסן.

ס׳איז אים געוועזן אָנגענעם צו קוקן אויף דער ריטמיש וויגנ־דיקער פיגור פון יונג מיידל: עפּעס איז ער אָנגענעם אָנגעגריפן געוואָרן פון אַזאַ פיינפילנדיקייט. ער האָט גוט געוואוסט וואוהין זי טראָגט זיך, ווייל ס׳איז ניט דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער טרעפט זי. ער האָט זי שוין אייניקע מאָל באַגעגנט אין ליפט און דעריבער געוואוסט, אַז זי אַרבעט ביי דער דרעס פירמע זילווערשטיין בראָס. מיט אַ גאָרן נידעריקער פון פלאַץ וואו ער אַרבעט.

אין געפּאַקטן ליפט איז ער געשטאַנען האַרט לעבן איר, גע־

שפּירט דעם ריח פון „טוויד״ און געהאַט דאָס אנגענעם געוואָרזיין, אַז זי גרייכט אים נאָר ביז די אַקסלען, און ס׳האָט זיך אים אַ טראַכט געטאָן: ווען ער זאָל זי וועלן אַ קוש טאָן, וועט ער זיך דאַרפן איינבויגן, אָדער זי צו זיך אויפהויבן. — און האָט וועגן דעם געהאַט אַ גוט געפיל און צו זיך אַליין געשמייכלט.

אין אָפיס איז געווען כמורנע און פאַרשטיקט, געשמעקט מיט שטויב און אומבאַוואוינטקייט. דער שטויב האָט אָנגעגריפן זיין נאָז, און ער האָט געהאַלטן ביי ניסן. ער האָט אויפגעעפנט די פענצטער, אויסגעטאָן הוט און רעקל און גענומען אָן חשק זיך צוגרייטן פאַר זיין פאַרשטייענדיקער אַרבעט: די אַרבעט פון אַרום־און אַרום מענטש אין אַ קלאָוק־פעקטאָרי. — אַ גוטע שטעלע, וואָס ער האָט פאַרנומען אין זיין פעטערס געשעפט.

אין מאָדעל־צימער, וואו ער האָט געדאַרפט אָפּזוכן אַ פּאָר ״סעמפּעלס״, איז געווען נאָך מער פאַרשטיקט: ס׳האָט שטאַרק געשמעקט מיט אומגעוועגטילירטן קאַרפּעט און פאַרלייגטן געוואַנט. ס׳איז אים געוואָרן גרוי אויפן האַרצן און דערפילט, אַז עפּעס גייט אים אָפּ.

דאָס פּלאַץ האָט זיך גענומען אָנפילן מיט לעבן. ס׳האָבן זיך מיט אַ קייטן גערודעריי געעפנט פענצטער, פייערן זיינען אין די אויבערשטע פאַרצעלייענע שיסלען אויפגעשפּרונגען. ס׳האָט זיך געעפנט די עלעקטריק און א הוזשעריי פון א מאָטאָר און געטריבן אָפּגערוקט און פרישע פיגורן האָבן אַריינגעשטראָמט. ס׳האָט זיך געעפנט די עלעקטריק און אַ הוזשעריי פון אַ מאָטאָר און געטריבן ראָד האָט אָנגעפילט דעם פּלאַץ מיט וויברירונג.

אין צווייטן צימער האָט הערי, דער שיפּינג קלוירק, מיט קאַנט־שאַפט אויסגעפייפט דאָס הויפּט ליד פון „מורדער אין טהע וויניטיס״.

— העלאָ, הערי!

— העלאָ, סעם!

הערי האָט שוין געטראָגן אַ הורבע מאַנטלען.

— דאַרפסט זיי היינט אַרויסשיקן?

— דער אָרדער פון קליוולאַנד.

הערי האָט אַ וואַרף געטאָן די מאַנטלען אויפן טיש און גענומען זיי איינציקווייז אויפהענגען אויפן סטענד. סעם האָט זיך צו אים געווענדט:

— הערי, קענסט דאָס מיידל? — דו ווייסט וועמען איך מיין?... זי אַרבעט אונטן ביי זילווערשטיין׳ען...

הערי האָט געלאָזן די מעלאָדיע פון „מוירדער אין טהע וועניטיס" אין מיטן און אים אָנגעקוקט.

— הום דו יו מין?

— ווייסט וועמען איך מיין. דאָס קליינע, נעטע מיידל. טראָגט שטענדיק אַ בוך, רויכערט אַזוי... ווייסט וואָס איך מיין...

— אָ, — האָט זיך הערי געכאַפּט, — שור ווייס איך ווער זי איז! שי איז קרייזי, — שי איז אַ קאָמוניסט!

„שי איז קרייזי, שי איז אַ קאָמוניסט" — האָט זיך דערנאָך אַלץ געבאָמקעט אין קאָפּ און צו זיך אַליין געשמייכלט פון אופן, ווי אַזוי הערי האָט׳ס אַרויסגעזאָגט.

ער האָט יאָ געהערט וועגן „לינקע" און „רעכטע" פון די אָפּערייטאָרס און פינישערס מיטאָגצייט, אָבער ס׳איז אים קיינמאָל ניט איינגעפאַלן, אַז ס׳איז אַן ענין, וואָס גרייפט אים אָן: — אַ פרעמדע זאַך, וואָס האָט מיט אים גאָר קיין שייכות ניט. פון קאָמוניזם האָט ער נאָך געוואוסט אין קאַלעדזש. עטלאָכע פון זיינע קלאַס־חברים זיינען געווען קאָמוניסטן און האָבן פאַרשאַפט געגוג „טראָבל", — און „שי איז אַ קאָמוניסט"!

זיין נייגעריגקייט איז פאַרשאַרפט געוואָרן: דער ריח פון „פּערפום עקזאָטיק" און דאָס וואָס איז טשיקאָווע. אַזאַ שיינס, עלעגאַנטס מיידל אַ קאָמוניסטקע, — און דאָס האָט אים געררייצט, ווי ס׳רייצן שטענדיק זאַכן מיטן שטעמפּל פון אויסלענדישעס אויף זיך. „שי איז אַ קאָמוניסט", און האָט געפילט, דאָס וואָס מען פילט ביים אַריינפאָר אין אַ טונעל, אָדער ווי ביים אָנהויב איבערקרייצן דעם אַטלאַנטיק: עפּעס איז דאָרט אין ערגעץ מיט וואָס מען איז אין גאַנצן ניט זיכער.

.2

מיטאָג. — די זון איבער מאַנהעטן

די פריינטלאָכע האַרבסט זון האָט שוין אין גאַנצן באַהערשט דעם אינזל מאַנהעטן. געשטאַנען הויך און אים אין גאַנצען אַריינ־גענומען אין ראַדיום פון אויסשטראַלונג און פאַר׳חלום׳טער וואַרימ־

קייט. — און אַלץ איז פרידלאַך געלעגן ווי אויפן פלאַך פון אַ האַנט:
— אַ גיגאַנטישע האַנט, וואָס שפּיגלט מיט שטאָלץ דעם פאַנטאַז־מאַגאָרישן אַרכיטעקטור מאָדעל קעגן דעם שאַרף בלענדנדיקן ליכט פון זון: און קוק׳ס אָן:

אין דער פאַרשלייערטקייט פון דרויסן האָט זיך געפילט די דער־נענטערונג פון מיטאָג: ס׳האָט זיך אַרום געפילט אַ צוקומען צו עפּעס, אַן אָנגעצויגנקייט: מענטשן האָבן גענומען קוקן אויף די זייגערס.

גרויסע, אומגעלומפּערטע טראָקס באַלאָדן מיט פאַרשיידענער סחורה און קאַסטנס זיינען אַריינגעפאָרן און אַרויסגעפאָרן פון גאַס. די וואָס זיינען אַריינגעפאָרן האָבן אויסגעקירעוועט דעם הינטערשטן טייל פון די פּראַכט־ליפטס און די אַרבעט פון אויסלאָדן און אָנלאָדן האָט זיך אָנגעהויבן.

— אוי דהער, יו באַסטאַרד, בעק אָפ! — האָט אַ וואוילאַויס־קוקנדיקער יונג געשריען פון דער הויכער קעלנע אויף אַן אַנדערן, וואָס איז געשטאַנען מיט זיין וואָגן אין פּאָפּעראָק.

— לאוזי באָם! — האָט אַן אַנדערער, וואָס איז אָנגעפאָרן אויפן ערשטן געשריען פון זיין קעלנע.

דער וואָס איז געשטאַנען פּאָפּעראָק האָט ווי ס׳איז אויסגע־קירעוועט זיין וואָגן און דער פאַרקער איז לויז געוואָרן.

אַ קוילן וואָגן האָט זיך פאַמעלאַך אַלץ העכער און העכער געהויבן און דאָס רוישן פון די אַראָפּגליטשנדיקע קוילן האָבן פאַרטויבט די גאַס.

די זון פאַרברענטע פּנים׳ער פון די טרייבער, די זאַפּטיקע זידלערייען האָבן אַריינגעטראָגן אין דער איינגקייט פון בלאָק אַ טשיקאַווען טומל און פאַרביגקייט, — פון׳ם סאָרט וואָס הענגען שטענדיק איבער באַזאַרן און יאַרידן. גוטמוטיקע זידלעריי, צוגעמישט מיטן זעלנעריש־סעקסועלן עלעמענט, האָט זיך מיט גוסט געריסן פון די טרייבער אין אַנשטענדיקן איבערבייט מיט די אַנדערע וואויליונגן פון די שיק־דעפּאַרטמענטס פון גאַרמענט צענטער. די גאַנצע גאַס איז געווען געדיכט פאַרשטעלט מיט די וואָגנס און דער טומל איז געשטיגן.

אין ערגעץ האָבן געפייפט שיפן, פאַבריקן: מיטאָג.

פון אַלע טירן האָבן אַרויסגעשטראָמט טומלדיקע מענטשן אין

גאַס אַריין: — אַזוינע, וואָס האָבן זיך פון ערגעץ גיך אַרויסגעכאַפּט. די אויגן האָבן זיך געזשמורעט פון דער שאַרפער דרויסן ליכטיגקייט. די טראָטואַרן זיינען געוואָרן געדיכט באַפלעקט, און אַלעמענס פּנים׳ער, מער פרייע, האָבן געטראָגן דעם אויסדרוק פון לאָזן זיך שנעל אין ערגעץ, וואו מען דאַרף עפּעס פאַרכאַפּן. פרויען אין פאַר־ביקער אָנטואַכץ, האָבן זיך ווי פעלדבלומען דורכגעוואָרפן דורך דער גרויבברויגער אַלטעגלאַכקייט פון די נאַכלעסיק געקליידעטע מענער, פאַרליען דער הור־האַאישקייט און פּראָזאַאישער פּאַקטישקייט אַן אָנצוהערעניש פון אַטמאָספערע און ראָמאַנס.

די זון איז געשטאַנען הויך איבערן שמאָלן שטרייף פון גאַס, אַריינגעקוקט פון אויבן אין גלייכער ליניע טיף אינווייניק, און דער עפעקט פון דער באַלייכטונג האָט זיך באַקומען ווי אין אַ סטודיאָ, וואו דאָס ליכט קומט פון אַ גלעזערנעם דאַך: שאַרף, האַרט און גלייך צעטיילט. ביים ברעג הימל צו מערב איז די גאַזיקע פאַרשלייערטקייט געוואָרן אַלץ מער געדיכטער און פאַר׳חלומ׳טער.

די עוועניו האָט זיך אַנטפּלעקט: — אַן אָפּגעוויקלטע שטייגע פון זון און גלאַנציגקייט. די מאַסיווע, טרעפּיקע געביידן האָבן זיך מיט פאַרנעם דערהויבן אין דער טרוקענער לופט אַנטקעגן אַ בלייכבלויען הימל, און מיט פאַרגעניגן גענומען אַ זונבאָד, דערביי אַ האָר ניט פאַרלירנדיק פון דער פילאָזאָפישער פריידיגקייט און הינדוסישער רואיגקייט: — און מיט וואָס דאָס לעבן אונטן זאָל ניט זיין אָנגעפילט, אָבער מיר טורעמען זיך איבער אים, און אַלץ ווערט דערנאָך איינגעשלאָסן אין אונז. — האָבן מיט ווירדע גערעדט די זונגעבאָדענע מויערן.

די טראָטואַרן: — שטרייפן קאָלירטע פינטלדיגקייט. קנייטשנ־דיקע כוואַליעס מענטשהייט. דער טומל אַרום האָט דערמאָנט דעם איינטאָניקן גערויש פון וואַלד אין צייט פון אַ שטורם: אַן איינגע־שטעלטער טומל. אַ טומל, וואָס אויב מען געוויינט זיך צו אים צו, ווירקט אָפּט פאַרשלעפערנדיק: — און אַזוי וועט׳ס שוין אייביק זיין, — איז פון ערגעץ אַרויסגעוואָקסן אַ באַהויפּטונג.

די אַלע אויפן גאַס האָבן זיך אין ערגעץ געטראָגן. גערעדט העפטיק און צו דער זאַך. קיין טראָפּן פון געמיטלאַכקייט. די מערסטע זיינען אַריינגעפאַלן אין גרויספּענצטערדיקע קאַפעטעריעס און רעס־טאָראַנען, פון וואַנען ס׳האָט זיך געריסן אַ פאַרטויבנדיקער טומל, קלינגעריי פון געשיר און אַ וואָרימער ריח פון שפּייז.

פּאָליציאַנטן, אויסגעצייכנט מיט זייער בלויקייט, אין דער גרויער ציווילער מאַסע, האָבן מיט אומפּריינטלאַכע פּנים׳ער שאַרף געהיט די באַוועגונג פון טויזנטער. דאָ און דאָרט אויסגעטיילט אַ טרוקענעם, קורצן באַפעל, אַ כעס׳דיקן זידלוואָרט, באַנוצט די הענט צו פאַנאַנדערשפּאַלטן די דרענגעניש.

דער פאַרקער אין מיטן עווענין האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט. די אָטאָמאָבילן, ווי זשוקעס האָבן זיך אָנגעדרוקט איינע אויף די אַנדערע, ווי שעפּסן אין צייט פון אַ שטורעם, און צייטנווייז אויסגעקוקט ווי אָפּגעמאָלענע, ווען זיי זיינען געבליבן פאַרגליווערט אויפן באַפעל פון פאַרקער־סיגנאַל.

די אומבאַשעפטיקטע האָבן געוואַנדערט אַרום די שעפער אין גרויסער צאָל, גערעדט וועגן פאַך אינטערעסן, געשאָלטן די יוניאָן פירער, גערעדט וועגן סטרייקס און די שלעכטע צייטן. און אין דער אומצופרידענער גערדיכטקייט האָבן זיך געדרייט יונגע מיידלאַך און מיט מיליטאַנטישע פּנים׳ער פאַנאַנדערגעטיילט צירקולאַרן, וואָס האָבן געמאָלדן קאָמוניסטישע פאַרזאַמלונגען, לעקציעס, קאָמפּאַניע־ליטעראַטור. די עווענין און די זייטיקע גאַסן זיינען באַדעקט געוואָרן מיט פלאַך ליגנדיקע ליפלעטס פון אַלע מאָסן און פאַרב.

אין איין אָרט איז די מאַסע געוואָרן געדיכטער. ס׳האָט זיך אַרום דערפילט אַ באַזונדער אויפרעגונג. ס׳האָט זיך עפּעס ווי אויפגעבלעזלט אין מיטן. נייגעריקע, אויסגעשטרעקטע העלזער האָבן זיך געצויגן צו יענעם פּונקט, און אַלעמענס אויגן האָבן ווי גערעדט: ווידער אַ מהומה. אייניקע זיינען צוגעלאָפן, זיך אָנגעקלעפּט אָן די ברעגן. אינווייניק, אין מיטן געזעמל, איז געוואָרן קענטיק אַן אויסערגעוויינלאַכע שטופעניש, און געשרייען האָבן זיך געריסן פון אַלע זייטן. הענט האָבן זיך געהויבן און אַראָפּגעלאָזן, כעס׳דיקע בעזיכטער און צעפּודלטע קעפּ האָבן זיך געטוקט און אויפגעהויבן. עמיצער האָט מיט באַנומינע קולות געשריען: „פּאָליס״! באַלד האָט זיך געהערט אַ שריל פייפן, און לויפנדיקע פּאָליציאַנטן מיט די „קלאָבס״ אין פּאָזיציע, האָבן זיך פון עטלאַכע זייטן אַ לאָז געטאָן, און דער געדיכטער קנויל האָט זיך גענומען פאַנאַנדערפלעכטן. פון דער עווענין האָבן גאַלאָפּירט אַריין אין קעניאָן צוויי באַריטענע פּאָליציאַנטן, און מענטשן האָבן זיך גענומען פאַנאַנדערשיטן אין אַלע זייטן, ווי עפּל פון אַן אויפגעעפנטן זאַק. אַ יונג מיידל מיט צעלאָזענע בלאָנדע האָר, אין גאַנצן צעשויבערט, ווי נאָר וואָס

אַרויסגעקראָכן פון אַ הורבע היי, האָט געשריען אויף אַ געזונטן, פול בלוטיקן פּאַליציאַנט:

— יו ביג ברוט. איז דהאָט טהע וועי טו הענדעל אַ ליידי!

אַ איד אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ זייער פּאַראומערטן פּנים האָט ווי צו אַלעמען גערעדט:

— נעוועך מאַינד, די גענגסטערס וועלן זיי ניט טשעפּען... ס'איז איין פּאַראַפּיע!...

אַ צווייטע פרוי, אַ בלייכע, אַן אויסגעדאַרטע, האָט געשריען:

— איט איז אַ שיים! איט איז אַ שיים! אַזעלכע אָפּגעפּרעסענע שלאָגן הונגעריקע!

און פון אַלע זייטן:

— וואָס ווידער?

— די פּאָריערס.

— ביי מייער בראָדערס. — דער סטרייק.

די זעלביקע מעשה.

פון געזעמל האָבן צוויי פּאָליציאַנטן אַרויסגעפירט צוויי יונגע בחורים, — אַ שוואַרצן און אַ ווייסן.ביידע זיינען געווען צעקנייטשט און צעריבן, מיט פאַנאַנדערגעשפּילעטע העמדער ביים האַלז און אָן היטלען. דער שוואַרצער האָט עפּעס גערעדט צום פּאָליציאַנט, וואָס האָט אים מיט אַ גזלנ'ישער מינע געהאַלטן שטייף ביים אָרעם. דער ווייסער האָט געמאַכט אַ פּאַרזוך צו שמייכלען. די איבעריקע פּאָליציאַנטן האָבן מיט פאַנאַנדערגענומענע הענט אָפּגעהאַלטן דעם אַנלויפנדיקן עולם.

און פון די זייטן:

— וואָס איז געשען ווידער?

— ווידער אַ געשלעג ביי די פּאָריערס?

אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, מיטן פּאַך־שטעמפּל פּרעסער אויף זיך, האָט באַוויליקט צו קלאָר מאַכן פאַר די פרישע נייגעריקע, וואָס דאָס איז געשען:

די לינקע האָבן געוואָלט אַראָפּנעמען די סקעבס ביי מאַיער בראָדערס, — נו, האָבן די געדונגענע גענגסטערס אָנגעהויבן אַ געשלעג.

— וועמען האָט מען אַרעסטירט?

— פון די לינקע, — וואָס זשע פון די גענגסטערס ?!... וואָס ביסט ערשט געבאָרן געוואָרן ?

— ביסט שוין אויך אַ לינקער, שמעריל ?

— וואָס־זשע אַ רעכטער ? זיין מיט די גרעפטער און באַנקעט־שיקסעס ?! אַ קריינק אין זייערע ביינער !

— רייט דהיי אַר !

— ווער ?

— די לינקע.

סעם האָט אין טומל פון גאַס געזוכט דאָס קליינע צירלאַכע מיידל, געטראַכט, אַז זי דאַרף דאָ זיין אַרום : — זי איז אַ קאָמוניסטקע. און ער האָט זיך צוגעגרייט זי צו באַגעגענען מיטן פאַרשלאָג : „קיד, האַו אַבאַוט העווינג לאַנטש, — דזשאָסט מי ענד יו" ? ער האָט פון איינפאַל אַליין צו זיך געשמייכלט.

ער האָט זי אָבער ניט אָנגעטראָפן, און ס'האָט אים פאַר עפּעס גענומען פאַרדריסן. ער האָט אָן טעם געקוקט אויף דער צערייצטער אויפגעלעבטקייט פון גאַס מיט אויגן פון אייַנעם, וואָס איז געוויינט צו דעם אַלץ ביז דערעסלאַכקייט.

שפּעטער האָט ער זי אָנגעטראָפן ביים אַריינגאַנג. ער האָט אויף איר אָנגעשטעלט זיינע שמייכלענדיקע אויגן :

— העלאָ, קיד, אַי וואָס לוקינג פאַר יו.

זי איז פון זיין אָנגריף געכאַפּט געוואָרן פונקט אין דער צייט, ווען זי האָט זיך געַ'ישובט אָפּצורופן איר חבר'טע, אַז זי זאָל מיט איר גיין צוזאַמען צו אַ לעקציע, אין אָוונט, וועגן דער „יוגנט אין ראַטנפאַרבאַנד". און אין דער רגע, וואָס זי האָט באַשלאָסן אָפּצורקלינגען, האָט זיך אַנטקעגנגעטורמט אַ הויכער יונגערמאַן, און צוויי לאַכעדיקע אויגן האָבן אויף איר וואויל און גוטמוטיק געקוקט און אַן אָנגענעמער טענאָר האָט זי אָנגערופן : „העלאָ, קיד, אַי וואָס לוקינג פאַר יו", — און ווי זאָל זי אויף דעם אָנגריף רעאַגירן ? זי קען זיין אין כעס, זי קען איגנאָרירן, און זי קען'ס אויפנעמען ווי אַ ספּאָרט.

זי האָט אויפגעכאַפּט אַ ריין געשניטענעם פּנים מיט אַ פּאָר גוטע גרויע אויגן, אַ פיין געשניצטע מאָרדע, וואָס ציט צו זיך די האַנט. — און זי האָט פאַרוואונדערט געפרעגט :

— יו וואָר לוקינג פאַר מי ? אַי דאָנ'ט נאָו יו.

און ער האָט געשמייכלט און פריי גערעדט:

— איך האָב דיך געוואָלט נעמען צו לאַנטש.

— אָ, יע?

— פאַרוואָס ניט?

פאַרוואָס יע?

זיינע הענט האָבן געשמאַרצט מיט פאַרלאַנג זי אַ נעם צו טאָן ביי דער טאַליע און אַ הויב טאָן זי אויף איין פלאַך מיט זיין מויל. זיינע אויגן האָבן שפּאַסיק געקוקט אויף איר צירלאַכער פיגור און געזאָגט:

— איך וואָלט דיר, קיד, געקענט אָנגעבן טויזנט אורזאַכן פאַר־וואָס יע, אָבער ס'איז שפּעט. מיר דאַרפן ביידע אַרויף שקלאַפן. אַן אַנדערש מאָל. וואַרט אויף מיר נאָך דער אַרבעט, — ווי רופט מען דיך?

— סילוויע.

— וואַרט אויף מיר, סילוויע, אויפ'ן קאַרנער פון דער עוועניו, פינף אַזייגער. וועסט וואַרטן?

זי האָט אויף אים געקוקט, געווען אַביסל צעמישט פון זיין זיכערקייט. אָבער זיין פּנים, אַן אָפענער און פרייער, האָט איר געוואונען. זי האָט אַ טראַכט געטאָן און דערנאָך געזאָגט:

— אָלרייט. איך וועלן וואַרטן, אָבער מיט איין באַדינג.

— גאָ אַהעד, קיד.

— איר זאָלט גיין וואוהין איך וועל גיין.

— אָלרייט. — איט איז אַ באַרגיין! — רעמעמבער!

און זיינען אַריין אין ליפט.

3.

אָוונט. — קאַפעטעריע

מענטשן האָבן זיך געדיכט געצויגן צו די פאַרקער־סטאַנציעס.

אין קעגנזאַץ צום צוריקגאַנג פון מלחמה, פון וואַנען מענטשן קערן זיך אום מידע און אַנטמוטיקטע, זיינען די באַפרייט פון דער אַרבעט, אַהיים גייענדיקע, געווען אויפגעלעבט און אויפגעראַמט: זיך געפילט פרייער אין טראַט און באַוועגונג. אויף די פּנימ'ער איז

גערוען קענטיק אַ צוועקמעסיגקייט. ס׳האָט זיך געלייענט: איבער־געקומען. — דער גרויער אַרבעטס טאָג איז אַריבער און די פאַרביקע אויפרעגונג פון אָוונט און נאַכט קומט אָנטקעגן.

ביים ראָג פון עווניו האָט סעם אָנגעטראָפן סילוויען, ווי אָפּגערעדט. זי האָט אים באַגעגנט מיט אַ שמייכל:

— ס׳איז שפּעט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.

— פינף מינוט שפּעט. וואַרסט שוין לאַנג?

— גענוג.

— וואוהין גייען מיר?

— צו יוניאָן סקווער.

— וואָס עפּעס צו יוניאָן סקווער?

שוין? מיר האָבן דאָך עפּעס אָפּגערעדט.

— ביסט גערעכט, סילוויע. — און ס׳איז אים איצט געווען ליב איר נאָכצוגיין די גאַנצע וועלט. — נעמען מיר אַ טעקסי?

זי האָט אויף אים שטריינג אַ קוק געטאָן:

— איך פאָר ניט אין טעקסיס. אי עם אַ פּראָלעטאַריאַן!

— איז וואָס?

— מיר קענען נעמען אַ שפּאַציר צו יוניאָן סקווער. ס׳איז ניט ווייט.

ס׳האָט זיך אים אַ טראַכט געטאָן: ״אַן אונעקספּענסיוו גוירל״ און געלאַכט:

— פאַרפאַלן, סילוויע, — מיר מאַרשירן!

צו זייער רעכט׳ס האָט זיך אַרום האָדסאָן אָנגעקליבן אַ געדיכט ברודיקער פּורפּור־טוש, אויסגעקוקט ווי אַ לוירנדיקע מאַסע. די זון אַ קופּער־רויטער דיסק איז אין העלפט געווען געפאַנגען צווישן צוויי בלויע שטאַנגען וואָלקן. אַרום האָט זיך ליריש געפילט דאָס אָנקומען פון אָוונט. ס׳האָט געאָטעמט מיט אומבאַשטימטס: — פון ערגעץ לאָזט זיך אַראָפּ אַ שלייער, וואָס וויקלט אַלץ איין אין האַרמאָנישער פרידלאַכקייט, און מען ווערט עפּעס שטאַרק געוואָר פון אייגע־נעם זיין.

צו לינקס האָט זיך געמיטלאַך געשפּרייט מעדיסאָן סקווער מיט די צוויי פאַרנעמע עווניוס אין פראָצעס פון שטענדיקן זיך

פאַנאַנדערגייען, מיט ווערדע אַקצענטירט דורכן קלין אויפקומענדיקן ראַג פון „פלעטאייראַן" געביידע.

פון אַלע זייטן זיינען אַנגעלאָפן אַטאָמאָבילן, זיך אין ערגעץ געאײלט. טורעמדיקע אָמניבוסן, ווי לויפנדיקע עלפאַנטן האָבן זיך אומגעלומפערט געיאָגט: דערמאָנט אַרויסרוקנדיקע שיפן פון ווייטן ים־האָריזאָנט, צעשטערט די איינטאָניגקייט פון די איינהויכיקע אָטאָמאָבילן און מיט אָמפלאָמב אונטערגעשטראָכן די גרויסשטאָטישקייט פון דער פּאַנאָראַמע.

די מזרח זייט פון מעדיסאָן סקווער, אַ סאָלידע, שוואַרצפּענצטערדיקע וואַנט, באַוועלטיקט פון אַרויסוואַקסנדיקן טורעם פון דער מעטראָפּאָליטאַן געביידע, האָט אין די אויבערשטע שוואַרץ גלאַנציקע שויבן אויפגעהאַלטן דעם אָפשיין פון דער טראַגיש פאַרגייענדיקער זון. דער פּאַרק מיט די שיטער ווירנדיקע ביימער, פאַרטראַכט און גלייכגילטיק, האָט דערמאָנט אַ גראַוויור איידל און פול שטימונג, אויסגעפירט פון אַ מייסטער צייכענער. די פיגורן אַרום שיטער צעשאָטן, האָבן געגומען פאַרלירן זייער שאַרפקייט און זיך גענומען אויפגיסן מיטן גרוי פון זיך ווערבנדיקן אָוונט.

סילוויע האָט געשפּרייזט, געקלאַפּט ריטמיש מיט די הויכע אָפּצאַסן אָן קאָנקריט, געכאַפּט דאָ־און־דאָ אַ קוק אויפן טורעמדיקן סעם און געווען פון עפּעס צופרידן.

סעם האָט זיך געקלאָגט:

— הונגעריק ווי אַ הונט. לאָמיר אַריין דאָ אין ערגעץ אין אַ רעסטאָראַן. איך ווייס פון אַ גוטן פּלאַץ.

— איר מיינט אַ קאַפעטעריע.

— איך האָב פיינט קאַפעטעריעס.

— און איך האָב פיינט „רעגעלע" רעסטאָראַנען.

— אַ קאַפעטעריע דערמאָנט אַ רויכצימער צווישן די אַקטן פון אַ בורלעסק טעאַטער אין אַ רעגנדיקן טאָג.

— און אַ רעסטאָראַן דערמאָנט אָן פלעצער, וואו ס'פאַרזאַמלען זיך אַלע האַלבע: האַלבע פּראָסטיטוטקעס, האַלבע פּימפּס, האַלבע קעפּסווייבער. קורץ: אַלע האַלבע.

— פון וואַנען ווייסטו'ס אַלץ, קליינע?

— איר מיינט, אַז איך לעב אויפן פּלאַנעט מאַרס?... איך קען ניו יאָרק... ס'שוין צייט...

— איך בין אומבאַהאָלפן. איך בין אין גאַנצן אין דיינע הענט, קליינע.

— זייט רואיק, איר זייט אין גוטע הענט.

— דיינקסטו אַזוי, סילוויע?

אין גאַנצן אָן אונטערשייד פון צען מינוט גאַנג און דער געגנט האָט זיך געביטן: — יוניאָן סקווער.

אָן אַנדער אינהאַלט אָן אַנדער אויסזען: וואו פריער מיט צען מינוט איז אַלץ געלעגן אונטער אַ שלייער פון האַרבסטיקן לירינם און נשמה באַרואיקדיקנדיקער פרידלאַכקייט, איז איצט אַלץ דערשינען אין אַנדער הויט און פאַרב: דער סקווער, ווי דער גרונט פון אַ גרויסן קאַסטן, אַרומגענומען פון פעלזן, הינטער וועלכע די זון האָט זיך פאַרקייקלט, געוויקלט אין אַקספּאַרדגרוי, האָט אין זיך איינגעשלאָסן גאָר אַן אַנדער סאָרט געדיכט באַוועגנדיקע מענטש־הייט: אַ מער טומלדיקע, אַ מער אויפגערעגטע און קריגערישע. די דרום זייט איז געווען איינגעטונקט אין געשווינט פינטלדיקע פייערן פון אָנגענעם פליסנדיקער רויטקייט. געשעפטן פון פרויען קליידער און שיך, קענעמאַס, רעסטאָראַנען און קאַפעטעריעס מיט זייערע פאַרשיידן געפייערטע שילדן, האָבן שרייענדיק פאַר אַלעמען דערציילט וועגן זיך און גערופן צו זיך: — אַ וואַנט פון קוני איילאַנד אין מיטן מאַנהעטן. דער גאַנצער דרום זייט טראָטואַר האָט געהאַט דאָס אויסזען פון צוויי איינע קעגן די אַנדערע זיך ציענדיקע טרעפּן: פול מיט קרייצשטראָמען, און ווי פיוגן זיך אַריינגעשלאָסן. דער פאַרק אין מיטן סקווער איז געלעגן אויף אַ פעדעסטאַל און געווען פול מיט אומבאַשעפטיקטע, אָפּגעטראָגענע, אַנטוישטע און פאַרביטערטע: — שטיקלאַך פון צעבראָכענער שיף. אַלע בענק זיינען געווען געדיכט באַזעצט און די שטעגן באַפלעקט מיט הויך אַמפּערנדיקע רעדלאַך.

אַ הויכער, שלאַנקער מאַסט איז אַרויסגעוואַקסן פון אַ קיילעכ־דיקן בראָנזענעם פעדעסטאַל, זיך גראַציעז געצויגן אין פאַרגלי־ווערטקייט: — אַן אייביקער עדות און צוקוקער: זון גייט אויף, זון פאַרגייט, און אַרום: לייבער שמוציקע, זיך קראַצנדיקע, ניט געשלאָפענע און ניט דערנערטע — און זון גייט אויף און זון פאַרגייט.

זיי זיינען אַרויף אין פּאַרק. סילוויע האָט בייגעריק געקוקט אַרום זיך און גערעדט:

— קוק, אַזוי פיל אומבאַשעפּטיקטע. פון דאַנען הויבט זיך אויף דער פּראָטעסט קעגן אַמעריקע? דאָס איז — און האָט אַנגעוויזן אַרום — די איצטיקע אַמעריקע...

סעם האָט געקוקט אויף דער קליינער סילוויע און זיך געוואונ־דער: — אַזוי פיל ערנסט און רייפקייט. ער האָט זיך גאָר ניט געריכט אויף דעם. ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז נאָר פרויען קענען אין דעם עלטער זיין אַזוי.

— ווי אַלט ביסטו, סילוויע?

סילוויע האָט צו אים אַרויפגעקוקט, אַ שעלמישקייט האָט אויפגעבליצט אין אירע אויגן.

— איך בין שוין פיר און צוואַנציק.

ער האָט זיך געוואונדערט:

— אַזוי יונג און אַזוי ערנסט. ביי גאַלי! — ביסט אַ געפערלאַך מיידל! — און האָט זי אַ נעם געטאָן ביים האַנט.

אין אַ געפאַקטער, פאַרשטיקטער קאַפעטעריע, וואו אַלץ און אַלע זיינען פאַר אים געווען פרעמד, האָבן זיי קוים געפונען אַ ווינקל, און דאָס אויך אַ דאַנק איר פרויאישער פלינקייט און קענען זיך אַריענ־טירן אין יעדער לאַגע. גלייך, ווי אַ פאַר האָט זיך אויפגעהויבן, אַזוי גלייך, האָט זי אַריינגעשטעקט איר "קליים": אַרויפגעלייגט דאָס היטעלע אויפן שטול און דאָס פלאַץ איז געוואָרן אירס.

— זיצט דאָ, — האָט זי גערעדט, — איך וועל שוין אַלץ באַזאָרגן. זאָגט נאָר וואָס איר ווילט האָבן.

סעם האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו פּראָטעסטירן, אָבער, זי האָט גיך אָפּגעפּטר'ט מיט „אַ דאַנט בי אַ טשיילד" און זיך אַוועקגע־טראָגן צום קאָנטער.

סעם האָט זיך דערווייל אַרומגעקוקט.

אַ הויך און לאַנגער פלאַץ מיטן באַזונדער שטעמפּל פון פּערצנטער גאַס סוף 1934 אויף אַלץ און אַלעמען, איז געווען פול מיט יענעם אומגעצאַמטן טומל, וואָס פילט אָן אַלע פלעצער, וואו די פאַרזאַמלטע דאַרפן וואַרטן איבעריקע צייט אויפן אָנהויב פון פּראָגראַם: אַן אומגעדולדיגקייט, אַ דרייעניש פון קעפּ, דאָס רוקן פון שטולן, אַ צעוואָרפענע געריידעריי. די מערסטע זיינען געזעסן

אין העטס און מאַנטלען. געזעסן געדיכט, און די פּנימער האָבן אויסגעדריקט דאָס וואָס דריקן אויס פּנימער פון אַ צופעליקן עולם אויף אַ קורצווייליקן איבערפאַר: ניט קיין איינגעלעבטקייט און אומ־פאַרטרויל׳אַכע פרעמדקייט. די פרויען, מערסטע יונגע אַרבעטער מיידלאַך מיט אַ צוגאָב פון אומפּריינטלאַכע מיטליאַריקע געזיכטער, האָבן אַלע געדיכט געריוכערט און גערעדט. אַרום האָט דאָס ליכט, אַ געקלעקטס, אַלעמענס פּנימער בלייכער געמאַכט, און ס׳האָט זיך שטאַרק געשפּירט דער וואַרימער ריח פון געקעכטס, רויע גרינס, גאַס און וואַלוולקייט.

סילוויע, מיט אַ גרויס אָנגעלאָדענער טאַץ, איז אָנגעקומען. זי האָט געשיקט מאַנעווירט צווישן די איינג באַזעצטע טישלאַך און געלאַנדט בשלום.

— אַ, דו קליינע!

און סעם האָט געהאָלפן איינמאַסטשען די פאַרשיידענע געריכטן אַרום זיך.

ער איז גלייך אַריין אין טאָן פון קאַפּעטעריע: געוואָרן פרייער, באַטש זיין שכן אין אַ שווערן מאַנטל, אין גאַנצן אָנגערוקט אויף דער פּאָלוטירטער גלאַטקייט פון טיש, האָט זיך אַביסל געריבן אָן אים. ער האָט געוויזן סילוויע׳ן אַ גוטן שמייכלדיקן פּנים.

ביים טישל אַנטקעגן איז, אין ריי מיט צוויי עלטערע פרויען פון אומבאַשטימטן שטאַנד, געזעסן אַ מיטליעריקע פרוי, הויכגע־פאַרבט, מיט גרויסע האַלב אויסגעלאָשענע אויגן: — אויגן, וואָס זיינען קענטיק, אָבער, וואָס ברענגען אַרויף אויפן זינען דעם קאַלטן גלאַנץ פון גלאָז. איר געזיכט, אויב נאָך צו פאַרטראַגן אין פראָנט, איז געווען אומדערטרעגלאַך אין פּראָפיל, ווייל ביים איבערגיין פון קינביין צום האַלז, האָט זיך דאָס קאַלטע לייב געקנייטשט ווי אַ האַרמאָניקע. זי האָט, דוכט זיך, אַלעמען געטשעפּעט מיט אירע טויטגלאָזיקע אויגן: עפּעס האָט זיך געדרייט אַרום איר אַ פאַר־שייטע אומציכטיגקייט, וואָס האָט אומגעזונט געטשעפּעט. זי האָט אויף אַלע מענער אַזוי אייגלאַדנדיק געקוקט.

ביי אַן אַנדער טישל איז אין ווינקל געזעסן אַ רויטע יונגע מיידל, רחבות׳דיק אָנגעלענט אָן וואַנט און געריוכערט מיט אַזאַ פאַבריצירטן זאָזשאַלאַנס, וואָס האָט גערעגט און גערייצט. — געריסן פון יעדנס ליפּן שאַרפן אויסדרוק. אַ יונגערמאַן אין ברילן

און אַ לאָמבער זשאַקעט, האָט נאָכאַנאַנד גערעדט צום אַנטקעגנ־זיצנדיקן מיידל, מיט צעפּודלטע, טרוקענע האָר אין אַ לעדערנעם זשאַקעט, וועגן יוניאָן אינטערעסן. דאָס מיידל האָט געריכערט מיט גוסט. דאָ געקוקט אויפן ריידער, און דאָ אויף אַן איטאַליענער מיט אַ געשטופּלטן פּנים און הויך אָפּשטייענדיקע וואָליקע האָר, ביים מיטל טישל.

אַן עלטערער מאַן איז געווען פאַרטיפט אין „דעילי וואָרקער" און אַ יונגס, לעבעדיקס מיידל אין אַ רויטער בערע, וואָוילױנגעריש פאַרצויגן אויף הינטן, האָט גערעדט צו אַן אַנדער רויכענדיקס מיידל, וועגן אַ קלייד, וואָס זי האָט געקויפט פאַר צוויי דאָלאַר.

סעם האָט געפרעגט:

— עסט דאָ אַלעמאָל?

— נאָר ווען איך פאַרבלייב דאַון טאַון.

— וואו וואוינסטו?

— אין די בראָנקס.

— גוט!

— וואָס איז?

— איך וואוין אויך דאָרטן. וועלן מיר פאָרן צוזאַמען.

— פריער גייען מיר צו אַ לעקציע.

— וואָס?

ער האָט זיך פאַרקרימט!

זי האָט אויף אים שטרײַנג אַ קוק געטאָן:

— מיר האָבן דאָך עפּעס אָפּגערעדט.

דער יונגערמאַן אין די ברילן און לאָמבער זשאַקעט האָט זיך גע'כעס'ט:

— אַ באַנדע גרעפּטער. פּרעסן, זויפן, הוליען מיט נקבות און מיר דרייען זיך אַרום פאַרשמאַכטע אין די יוניאָן־אָפּיסעס, אַרום די שעפּער, ווי פרומע נשמות אַרום די קברים... באַנקעטן און וואָס ניט! — אַ קריינק אויף זייערע קעפּ די גרעפּטערס!

אַ מיידל פון פאַדערשטן טישל האָט גערעדט:

— ס'איז ניט אמת. זי איז מער שולדיק ווי ער... האָט זיך ניט געזאָלט אַרומשלעפּן מיט אַנדערע מענער... איך ווייס די גאַנצע געשיכטע...

— פּליז, פּעס דהע שוגאַר.

אַן אַנדערער האָט געפרעגט:

— האָסט שוין געזען „פעטערסבורג נייטס”? אַ מאַרוועלעז פיקטשור. גאָ ענד סי איט, פרידע.

אַן אומצופרידענע שטים פון אַ מאַן:

—איך ווייס ניט, וואָס זיי מאַכן אַ טאַראַראַם דערפון.

4.

נאַכט. — „יוגנט אין ראַטנפאַרבאַנד”

אין אַ זאַל פון אומעטיקע ווענט און באַלייכטונג האָט פאַר אַ גרויסן עולם גערעדט אַ מאַן אין די טיפע דרייסיקער, מיט שווערע ברילן אויף אַ וואוילגעלערנטן געזיכט. ער האָט אין ווייכער באַריטאָן־שטים גערעדט וועגן דער יוגנט אין ראַטנפאַרבאַנד.

סעם און סילוויע זיינען אַריין אין זאַל, ווען דער לעקטאָר האָט שוין גערעדט. זיי האָבן שטיל פאַרנומען אַ פאָר פלעצער ניט ווייט פון אַריינגאַנג.

סילוויע האָט שטיל עמיצן געפרעגט:

— שוין לאַנג, אַז ער רעדט?

—נאָר וואָס אָנגעהויבן.

סילוויע האָט זיך איינגעזעצט: אויסגעשטרעקט אויף פאָרנט דעם האַלז, אָנגעשטעלט אירע אויגן אויפן רעדנער, און איז אין ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן.

סעם, פונקט ווי אין קאַפעטעריע, האָט זיך דערפילט דאָ ניט אין פּלאַץ. די פרעמדקייט, די איינטאָניגקייט, די הינטערשטע איילן פון געדיכט אָנגעזעצטע קעפּ, דאָס אַלץ האָט אים איינגעוויקלט אין אַן אומבאַשטימטקייט: אַזוי פילט מען זיך אין דער לאָבי פון דער אָפּערע אין אַ קאַלטער ווינטערנאַכט, צו אַ לויה אין אַ רעגנדיקן טאָג. ער האָט נאָכאַנאַנד געקוקט אויף די געלב־ברודיקע ווענט, אויף דער סטעליע, איבערגעציילט די לאָמפּן הין און צוריק, באַמערקט יעדע אומרעגלמעסיגקייט, כסדר געקוקט אויפן אַלטפרייענקישן ברודגלאָזיקן שאַנדעליער, וואָס האָט פאַרכמורעט דאָס קלאָרע ליכט און אַלץ אַרום געמאַכט ברודיק און שאַרף: — ווי דאָס ליכט אין סאָבוויי אין אַ רעגנדיקן טאָג. — איז אים איינגעפאַלן.

ער האָט אויך באַטראַכט דאָס פּובליקום, געוואָר געוואָרן, אַז דאָס מערסטע זיינען פּרויען, אויף איין באַנק האָט ער איבערגעציילט אַכט פּרויען און דריי מענער. אויף אַ צווייטער זיבן פּרויען און פיר מענער. די מערסטע פון די פּרויען האָבן געגרויכערט. די מענער כמעט גאָרניט. אָדער אפשר טאַקע אַזוי בריהשדיק געגרויכערט נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן קיין הנאה ניט געהאַט, — ווי ס׳איז דאָס רוב דער פאַל מיט פּרויען. די מענער זיינען געזעסן רואיק און פאַרשלאָפן.

ער האָט געקוקט פון דער זייט אויף סילוויע׳ן, אָנגעקוואָלן פון צירלאַכן פּראָפיל, וואָס האָט זיך גיבסאַניש געצייכנט, ווי אויף אַ מעדאַליאָן. איר געצירקלטע מאָרדעטשקע, וואָס האָט געצויגן די האַנט מיט אַזאַ שמערצלאַכן באַגער, און ווי אויך איר אינטערעס, זיינען געווען אָנגערוקט אויף פּראָנט. ער האָט מיט וואויל־לייביגקייט געפילט איר נאָענטקייט, און זיין האַנט האָט זיך גערוקט צו אירס.

דער באַברילטער לעקטאָר מיטן וואוילגעלערנטן פּנים האָט מיט קלינגענדיקער שטים גערעדט:

...אין ראָטנפאַרבאַנד הויבט זיך דאָס לעבן פריש און ניי אָן מיט יעדן טאָג. ער שלעפּט מיט זיך פון נעכטן גאָרניט נאָך. קולטור, טראַדיציע, אַלע אומבאַמערקבאַרע פּעדים, אַזוי מיט ביינקשאַפט און מעלאָדיש באַזונגען און אויפגעהאַלטן פון דער אַלטער בורזשואַזער וועלט, האָט קיין פּלאַץ ניט אין אַ געזעלשאַפט, וואָס איז דערווייל פאַרטאָן אין בויען אַ נייעם לעבן אויף אַ געזונטן, דויערהאַפטן יסוד...

סעם האָט געקוקט אויפן רעדנער, געפונען אין אים אַן ענלאַכקייט צו זיין פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין סיטי־קאָלעדזש. יענער איז ניט געווען אַזוי קורצזיכטיק, און געהאַט מער האָר... „קולטור", „טראַדיציע", „ניי לעבן", — און ס׳איז אים אַרויף אויפן זינען אַ קלאַס־חבר, וואָס פלעגט שטענדיק וועגן דעם ריידן. אַ וואונדער וואָס פון אים איז געוואָרן? פלעגט שרייבן... וואָס דאַרפן זיי אַזוינע שענדעליערס? ס׳מאַכט אַזוי אומאַנגענעם טונקל... יענעס מיידל אין סאַמעטענער באַרע, מיטן בלייכן פּנים, מיט צוויי רייען ווייטער, דרייט יעדע ווײַלע אָפּ דעם קאָפּ און גנב׳עט אַ קוק אויף זיי. ווער איז זי? סילוויעס אַ באַקאַנטע? פון די טשיקאַווע מיידלאַך...

און דעם רעדנערס שטים האָט זיך אַריינגעשניטן:

...אין קיין לאַנד אויף דער וועלט פילט זיך ניט די יוגנט אַזוי לעבנס־פריידיק ווי אין ראַטנפאַרבאַנד, — און פאַרגעסט ניט, אַז דאָס איז די יוגנט, וואָס טראָגט אין זיך און מיט זיך די צוקונפט פון די סאָוועטן, ווי אויך די צוקונפט פון דער גאַנצער וועלט...

ער האָט געטראַכט:

ס׳איז אַ גרויסער אמת: — יוגנט. און איז ער דען ניט יונג? איז סילוויע דען ניט יונג? ער האָט זיך צוגערוקט נעענטער צו איר, גענומען פאַמעלאַך איר האַנט, — אַ קליינע, אַ סאַמעט־גלאַטע, אַן אנגענעם וואַרימע, און עפּעס אַהער און אַהין קומענדיקער שטראָם האָט אים עלעקטריזירט, אויפרעגנדיק אָנגערירט זיין האַרץ און וואַרימער געמאַכט זיין בלוט, — און די יוגנט...

פון דער עסטאַדרע האָט זיך דעם רעדנערס קול ווייך געקייקלט:

...און די גאָלדענע יוגנט אין ראַטנפאַרבאַנד הויבט אָן אין לעבן אָן וועלכע ס׳איז חובות צו דער אַלטער בורזשואַזער וועלט. אַן אַנהויב, וואָס האָט פאַר זיך אַ קלאָרן ציל. אַ ברייטן וועג, — און דאָס איז דער וועג פון פּראָדוקטיווער שעפער־רישקייט, וואָס וועט רייכער מאַכן און פעסטער איינשטעלן דעם מאַטעריעלן און גייסטיקן וואוילזיין פון אַלע בירגער. אַן אַנהויב, וואָס מיידט אויס די מעגלאַכקייט פון אַן אויבערן קלאַס, ווי אויך אַלע פינצטערע נאַציאָנאַלע חזקות אויף אַ העכערע קולטור און אַ העכערן טיפּ, — אַ טיפּ, וואָס מוז רעגירן... די יוגנט אין ראַטנפאַרבאַנד, — דאָס איז דער פריידיקער אָפּטימיזם פון היינט און מאָרגן...

און סעם האָט געטראַכט:

דערהויפּט פון היינט. — און אָט זיצט ער און קוקט: עפּעס איז אַלץ אַזוי פרעמד, און דאָך איז ער אָנגעפילט מיט אַזאַ וואויל־געלעטנדיגקייט. ער האָט פעסטער געדריקט איר האַנט, — אַזאַ קליינע, סאַמעט־גלאַטע און אנגענעם וואַרימע, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן אין זיינער.

— קליינע, סילוויע!

— קווייעט, יו ביג באָי!

און די שטימע פון רעדנער:

...פריי און זאָרגלאָז קוקט די יוגנט אין ראַטנפאַרבאַנ...

אויפֿן מאָרגן. ס'איז מער ווי זיכער, אַז דער מאָרגן וועט זיין אַ ראָזעווער: אַ צוזאָג אויף געזונטער טעטיגקייט און לעבנס־פֿריידיגקייט...

— סילוויע, יו ליטל, סילוויע!

און זייערע הענט האָבן זיך געדריקט שטאַרקער און שטאַרקער. אַ מחיה'דיקע וואַרימקייט און וואוילפֿילן האָבן אים אַרומגעכאַפּט: אַ היימישקייט, אַ חברישקייט, — און איז דער מאָרגן ניט פֿאַר זיי? זיינען זיי ביידע דען ניט יונג?

נאָך דער לעקציע, אין דער וואַרימער, בלעטער־שמעקנדיקער, האַרבסטלופֿט פֿון דער נאַכט, האָט זי פֿאַריסן דעם קאָפּ צו אים:

— נו?

— אָלרייט, סילוויע, קליינע סילוויע.

וואָס טוען מיר איצט?

ער האָט גערעדט:

— וואָס דו וועסט טאָן ווייס איך ניט, אָבער, וואָס איך וועל טאָן, — "וואַטש מי דואינג איט." —

און האָט זי אַ נעם געטאָן ביי דער טאַליע, אויפֿגעהויבן גלייך מיט זיינע ליפּן און זי געקושט:

— נו, סילוויע?

סילוויע האָט געדריגעט מיט די פֿיס:

— לאָז מיר אַראָפּ, סעם, מ'קוקט.

אין יענע נעכט

1.

מרים פון מגדלה. — דער געשלעג

אין די טעג פון טיבעריוס קיסר, האָט פּאָנטיוס פּילאַטוס רעגירט מיט אייזערנער האַנט די קליינע, פון רוים אַנעקסירטע, פּראָווינץ פּאַלעסטינע, און דעמאָלט האָט אין דער הויפּטשטאָט ירושלים געהערשט נויט און עלנט צווישן דער באַפעלקערונג. און אַלס צוגאָב צו דער שווערער און געדריקטער לאַגע זיינען אָפט פאָרגעקומען שריפות און נאָך שרעקלאַכער געמאַכט דעם מצב פון די איינוואוינער. די פייערן, קאָנטיק ניט קיין צופעליקע, דערפאַר, וואָס זיי האָבן, דער עיקר, אָפּגעווישט אַ סך תבואה־שפּייכלערס, האָבן פאַרשטאַרקט דעם עלנט פון אָרימען קלאַס און אַ מאַנגל אין לעבנס־מיטלען האָט זיך כסדר געפילט. דער פועל־יוצא איז געווען וואָס די מקחים אויף עסנוואַרג זיינען געשטיגן פון טאָג־צו־טאָג, געוואָרן פשוט ניט צוגענגלאַך פאַר די נויטליידנדיקע, ווען ס׳איז אויסגעקומען צו טראָגן אויף זייערע פּלייצעס די הויפּט משא.

די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע לאַגע אין יהודה און גליל איז שוין פון אַ לאַנגע צייט געווען אַ שווערע. פּאָנטיוס פּילאַטוס, אַ האַרטער, שטרענגער אַדמיניסטראַטאָר, מיט אַן איבערגעטריבענעם זין פאַר געזעץ און אָרדענונג, האָט זיך אונטערגענומען צו פאַרזאָרגן ירושלים מיט אַ וואַסערלייטונג סיסטעם און דערוויל אויסגעשעפּט אַלע געלט־קוואַלן. די קאַסע פון בית־המקדש איז געווען ליידיק, די ניי־ אַרויפּגעלייגטע צינזן האָבן ניט געקלעקט. די רייכע פון אויבערשטן קלאַס האָבן אין דער שטיל געגומען גראַמבלען. דאָס אָרימע פאָלק: בעלי־מלאכות, קליין הענדלער, פעלדאַרבעטער און קרעמער האָבן פאַרביטערט אַרויסגעטראָגן זייערע תרעומות אין די שולן, מערק, בעדער און גאַסן, וואו ס׳האָט אָפט געהערשט דער גייסט פון מרידה.

אין אַלע טיילן פון לאַנד האָבן זיך גענומען ווייזן פריידיגער. דאָס רוב יונגע לייט, וואָס האָבן פאַרלאָזן די מלאכות, וואָס דערנערן אין כבוד דעם מענטשן, און זיך אַוועקגעלאָזט איבער אַלע וועגן און

שטעט. אַ טייל האָט מיט פלאַמענדיקע רייד און געהויבענע מליצה געוועקט דעם פאָלק צו מרידה. אַנדערע האָבן געפּריידיקט נאָכגי־ביגקייט און אונטערטעניגקייט. אייניקע: ריינקייט פון גוף און נשמה און אַן אַלגעמיין לעבן וואו אַלע זאָלן זיך פילן גלייך. ס׳האָבן זיך אויך געפונען אַזוינע, וואָס האָבן גע׳מוסר׳ט, געשאָלטן, גע־רעגנט פּעך און שוועבל אויף אַלעמענס קעפּ. יונגע לייט מיט הייס־בלוט האָבן זיך אָרגאַניזירט אין חברות און אין דער שטיל טיכטיק געאַרבעט קעגן די אימפּעריאַליסטישע אינטערעסן פון רוים.

דער גייסט פון רעבעלירנדיקער יוגנט האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן אין לויף פון שטאָט׳ס־געזעלשאַפטלאַכן לעבן. פיל פון די מער אויסגעשפּראָכענע האָבן זיך געמישט אין דער פאַרוואַלטונג און אַ סך מאָל איז דאַריבער געקומען צו אָפענע קריגערייען מיט די פאַר־שיידענע צדדים, ווי אויך צו געשלעגן מיט דער וואַך פון רוימישן גאַרניזאָן. צו די דאָזיקע חברות, מערסטנס אויפגעשטעלט פון נאַציאָנאַל געשטימטע יונגעלייט פון מיטלקלאַס, האָבן אויך באַלאַנגט פיל זין פון דער העכערער געזעלשאַפט. און מיט זייער אנטייל צוגעטראָגן מער זיכערקייט און פאַרב.

איינער פון די, וואָס האָט זיך קאָנטיק געמאַכט מיט זיין געוואַגטקייט און שכל־הישר צווישן דער שטורמישער יוגנט, איז געווען שאלתיאל, זון פון זבדיה, איינער פון רייכסטע אין ירושלים.

שאלתיאל, זון פון זבדיה, יונג, הויך און שטאַרק ווי אַ צעדער, איז אַזוי ווי פון גורל אַליין באַשטימט געוואָרן צו געפינען זיך תמיד אין מיטן פון געשעענישן. אַ קינד פון רייכע און הויכגע־שטעלטע עלטערן, האָט ער פאַרלאָזן די הלל־ישיבה, אַנגעפירט פון שיינגייסט פּריחיה בן שמעיה, אום צו פירן אַ לעבן פון אַ וואַנדערער. ער האָט זיין גורל אַריינגעוואָרפן צווישן די דערנידעריקטע און באַליידיקטע: תמיד אַרויסגעטראָטן קעגן די שווערע צינזן, געפירט מחלקות אין היכל מיט די סופרים און פרושים, געווען שאַרף אויס־געשפּראָכן קעגן דער רוימישער הערשאַפט. זיין אומרואיק גייסט האָט אים ניט געלאָזט פאַרגליווערט ווערן אין וואוילטאָג, ווי די מערסטע ירושלים׳ער קינדער פון די רייכע.

און דאַרום האָט פּאַסירט, וואָס איינמאָל אין אַ האַרבסט נאַכט איז שאלתיאל, זון פון זבדיה, געוואָרן אַ געשטעמפּלטער און פאַר־פאָלגטער פון רוימישן געזעץ.

צו יענער צייט איז ירושלים, אַ צענטער פון גייסט און לערנען, געווען פאַרפלייצט מיט זונות. פון גאַנץ מזרח, אַפריקע און די צפון־לענדער, — די, וואָס זיינען געפאָרן מיטן מיטללענדישן ים און געלאַנדעט ביי די ברעגן פון פאַלעסטינע, האָבן זיך אַלע געצויגן נאָך ירושלים מיט דער מחשבה צו פאַרוועגדן די נעכט אין געהויבענעם געגוס. און פאָלג דערפון איז די ירושלים׳ער אונטערוועלט פאַר־שוואומען געוואָרן מיט אַ פילפאַרביקן געזעמל, און די אַלע שענקלאָך און בתי־זונות זיינען געווען פול און געמאַכט גוטן האַנדל.

דער שענק פון שמואל צידוני איז געווען ברייט און ווייט באַקאַנט צוליב גוטן ווײַן און די מעדנים און לעצטנס צוליב דעם, וואָס ביי אים אין פּלאַץ האָט זיך אויפגעהאַלטן די באַרימט געוואָ־רענע זונה מרים פון מגדלה.

מרים פון מגדלה האָט גע׳שמ׳ט פאַר אַ זעלטענע שיינהייט, דערצו איז זי געווען אַן אויסגעצייכנטע טענצערין, ווי אויך אַ פאַרשטענדיקע, וואָס דאָס שטימט ביי פיל פון די פרויען זייער גוט צוזאַמען. מרים, אַ געבאָרענע פון מגדלה, אַ קליין שטעטל, האָט באַזיגט ירושלים: איר נאָמען איז געלעגן אויף די ליפּן פון דער שטאָטישער יוגנט, ווי אויך אין די מחשבות פון די עלטערע. אַלע האָבן וועגן איר געוואוסט און נאָך איר געגלוסט. פיל זין פון דער אויבערשטער געזעלשאַפט האָבן פאַרשפּרייט נעצן זי צו פאַנגען, אָבער זי, אַ קינד פון טויזנט קאַפּריזן און אומבאַשטענדיגקייט האָט זיך פון די גלענצנדיקע אָנבאָטן פרעך און זנה׳עש אויסגעלאַכט און אַרויסגעוויזן אַ צולהכעיס דערמיט, וואָס זי האָט זיך אָפּגעגעבן אַ שלעכט שמעקעדיקן בעטלער אומזיסט, איידער צו פאַרברענגען אַ נאַכט אין געהויבענער זינלאַכקייט אויפן וואוילשמעקעדיקן געלעגער פון אַ וועלכן ס׳איז צדוקי.

מרים האָט זיך צו יענער צייט, וועגן וועלכער ס׳ווערט גערעדט, געפונען אין רעכטן בלי פון איר לעבן, ביים סוף פון איר צווייטער תקופה אַלס זונה. די ערשטע — דער אַנהויב, האָט זיך אויסגע־ברענט אין לייכטנדיקן פלאַם, ווי אַ בינטל שטרוי אין אַ קאַלטע נאַכט אין די בערג. ס׳איז געווען די צייט, ווען זי איז געווען איבערפילט מיט נאָגנדיקן באַגער און ברען: ווילד און אומגעזעטיקט: און אַזויפיל איז דאָ, — און דערצו שיינט די זון פון מיטן טאָג אַזוי העל, וואַרימט און היצט לייב און בלוט. די בלויע לופט איז אָנגע־

פילט מיט גלי און רעגונג פון די דרום לענדער: פויל און אומציכטיק, אַלץ רעגט בלוט און לייב. די נעכט אַזעלכע קילע, פאַרציִענדיקע, פול מיט לוסט און בענקשאַפט. דער שטח איז אָנגעפילט מיט מענער. מענער פון אַלע פאַרבן און ראַסן. דאָס גאַנצע לעבן איז איין צי פון שמערצנדיקן גענוס, און יעדער מאַן איז אַ באַזונדער סדרה. אַלע, אַלע זייַנען גוט: פון דעם שוואַרצהויטיקן פון ברענענדיקן אַפריקע ביז דעם הויכן קלאָרלייביקן פון קאַלטן צפון. די זון גיסט איר גליִיק ליכט; האַלסט אָפן די אויגן און זעסט. האַלסט אַלע **חושים גרייט אויפצונעמען אַלע באַרירונגען, — און דאָס גאַנצע** זיין איז אַ כסדר׳דיקער זיג־זאג פון הנאה׳דיקער אויפרעגונג, אַ שטענדיק פלאַקערן פון תאווה, אַ שטענדיק לייבפאַרצערנדיקער פייער.

די צווייטע תקופה, אין וועלכער זי האָט זיך איצט געפונען ביים סוף — אַן אָפּקילנדיקער ווואולקאַן; ס׳רויכערט זיך, ס׳ברענט נאָך וואו, אָבער אָן פאַראַד און חשק; קיין אויפברויז, קיינע פלאַ־מען. סמאַליעט זיך ביז וואַנען ס׳גייט אויס. ס׳ווערן געטאָן זאַכן גיכער אויס געוווינהייט ווי אויס באַגער. אָט אַזוי איז׳ס, אַזוי גייט׳ס. אַלע זייַנען גוט, אַלע זייַנען שלעכט — קיין חילוק. ס׳הויבט אָן צו באַוועלטיקן אַ גלייכגילטיגקייט און פאַרלאַנג צו גענעצן.

און אין אָט דעם צושטאַנד, ווען ס׳הויבט זיך די דריטע תקופה, — די תקופה פון חרטה, האָט שאַלתיאל זי באַגעגנט אין שמואל צידוני׳ס שענק און זיין האַרץ איז געוואָרן געפאַנגען.

מרים איז נאָך אַלץ געווען שיין, הגם געמינערט פון דער גלאַנציקער פולבלוטיגקייט און הזעה׳דיגקייט. דערפאַר אָבער איז זי געווען מער רייף, מער אָפּגעזעצט מיט דער לופט פון ציניִשער גלייכגילטיגקייט אַרום זיך.

אין איר לעבן האָט זיך גענומען שפּירן דער אָנהויב פון פאַרנאַכט און די מעלאַנכאָליע פון סוף זומער, ווען ס׳ווערט אַראָפּ־גענומען דער גאָלדענער קאָרן פון די פעלדער, די פרוכט פון די בוימער, די טרויבן פון די ווייַנשטאָקן. אירע אויגן האָבן זיך אַזוי לייכט ניט פאַרצויגן מיט דער רויכיקער אויפרעגונג ווי אַמאָל, זייַנען געווען רואיקער און קלערער, גאַנץ אָפּט באַפאַרבט מיט מילדער פאַרטראַכטקייט. איר קערפּער מער אָפּגעקיילעכדיק, די בריסט אָנגעקוואָלן און מער בולט האָבן אין זיך געטיִעט די גענוס פאַר־קונדיקטע זיגלאַכקייט, וואָס איז צום גייסט און געשמאַק פון דעם אמת וואויללוסטיקן מאַן.

מרים האָט גוט געקענט שאַלתיאל׳ס שטאַנד, — און ווייל ער איז געווען הויך און שלאַנק, אַז מ׳האָט אים געמוזט באַמערקן, האָט זי אים, ווי ס׳האָט זיך געדאַכט, קיינמאָל ניט געזען. אין אָנהויב האָט׳ס זיך גענומען דערפון, וואָס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז שאַלתיאל ווי אַלע שיינע מענער איז איינגעשמועסט, און ס׳האָט זיך אין איר דערוועקט אַ פאַרלאַנג אים צו באַשטראָפן מיט דער קאַלטסטער גלייכגילטיקייט. שפּעטער איז׳ס איבערגעגאַנגען אין אַ געוועט מיט זיך אַליין.

שאַלתיאל איז גלייך צו איר צוגעצויגן געוואָרן. עטוואָס אַזוינס איז געלעגן אין איר געשטעל און באַנעם, וואָס האָט אויפרעגנדיק געווירקט אויף זיין זינלאַכקייט. שוין ביים דערמאָנען זיך אָן איר איז זיין בלוט געלאָפן זודיקער און זיין האַרץ און לייב זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט גליענדיקן חשק ביז צום ווייטאָן.

שאַלתיאל׳ס נאָמען איז צו יענער צייט געווען באַקאַנט ווי בר־אבא׳ס, איינער פון די הייסבלוטיקסטע מורדים, און צוגלייך מיט יענעם, וואָס איז איצט געווען איינגעשפּאַרט אין געפענגעניש, האָט ער זיך מערסטנס געפונען אין אַ ווינקל פון ירושלים׳ער אונטער־וועלט, וואו די נעכט זיינען געפלאָסן אין לוסטיקער אויפגעלעבטקייט און טשאַד פון וויין און געזאַנג ביז — איינמאָל אין אַ האַרבסט נאַכט.

די נעכט זיינען געווען לוסטיקע, פול מיט פינקלנדיקע מרידה־רייד און אויפגעשלאָגענעם שוים. און ס׳איז געווען די צייט ווען מ׳זאַמלט אויף און מ׳נעמט אַריין דעם גאָלדענעם קאָרן אין שייער, די פרוכט און וויין אין די קעלערס: — חג־האָסיף.

און אין יענער נאַכט —

אין שענק פון שמואל צידוני איז געווען טומלדיק. דאָס גאַנצע הויז איז געווען אָנגעפילט מיטן דונסט פון יונגן וויין און שיכור׳ע לוסטיקייט. אַ קאָמפּאַניע מאַטראָזן פון טבריה האָט פאַרנומען אַ טיש און דער געזאַנג און פרעמדשפּראַכיקע געריידעריי האָט זיך האַרמאָניש צונויפגעמישט מיט דער אַלגעמיינער פילפעלקערדיגקייט פון שענק. רוימישע לעגיאָנערן, העזה׳דיק און מיט איבערטריבענער זיכערקייט, האָבן געשפּילט ווערפל. ים־פאָרער פון צידון און אינזל בריטאַניע, הויכע, בראָנזלייביקע עטיאָפּן, וואוקסיקע נעגערס פון אַפריקע, מורן פון איבעריע, יונגע, פראַנטישע בחורים פון ירושלים, האָבן זיך געמיטלאַך צונויפגעמישט מיט די פרויען פון אַלע שטאַנדן

און עלטער. די פרויען, געפוצט און געפארבט, באהאנגען מיט קלינגענדיקער צירונג, האבן געטאן אלץ, וואס איז געווען אין זייער רשות, צו רייצן די מענער און אויפהאלטן די לוסטיגקייט.

די געזונטע, זינגענדיקע שטים פון שמואל צידוני האט זיך קלינגענדיק געטראגן און געשפאלטן דעם טומל.

— פארזוכט דעם נייעם וויין, די געטריקנטע פיש, דעם שמעקנ־דיקן האניק! פארזוכט, — שיין פארן אויג און אנגענעם פארן גומען!...

אין א ווינקל ביים ברעג פון א טיש איז געזעסן שאלתיאל, געטרונקען יונגן וויין, געווען אומגעדולדיק: מרים האט זיך דערווייל ניט געוויזן. געווען אומצופרידן: דער וויין האט געקראצט גומען און האלז און אנגעפילט די נאז מיט פרישע זוירקייט. ער האט גערופן דעם ווירט:

— שמואל, דער וויין איז יונג און רוי, דארום ניט אנגענעם פארן גומען. דערלאנג א קרוג פון אלטן וויין.

— דער האר זאל האבן פונם אלטן וויין.

שאלתיאל האט געטרונקען פון אלטן, שטארקן וויין און אלץ אומגעדולדיק געקוקט צו דער טיר: ס'זיינען געגאנגען און געקומען געסט, — מרים איז צווישן זיי ניט געווען. דער וויין איז צוגע־קומען צום קאפ, אים אויפגעמונטערט, דערמוטיקט, זיך דערפילט תכיף, — און ווער זיינען עס די וואס שפילן דארט ווערפל און פילן זיך ווי בעלי־בתים?!

ס'האט זיך אים געפילט ווי אראפצולאזן זיין פויסט אויפן טיש: — יהיה מה שיהיה!

און די זינגענדיקע שטים פון שמואל צידוני האט געקלונגען און געשפאלטן דעם טומל:

— פארזוכט דעם נייעם וויין, די געטריקנטע פיש, דעם שמעקנדיקן האניק! פארזוכט, — שיין פארן אויג און אנגענעם פארן גומען!...

שאלתיאל האט דורך די דונסט פארצויגענע לופט געזען מרים'ען אריינקומען. ער האט זיך אויפגעהויבן. זי באגעגנט.

— מרים?!

א שיכור'ער לעגיאנער האט זי ארומגענומען:

— מאריע!

שאלתיאל בארוישט פון אלטן וויין איז צוגעקומען צום לעגיאָ־נער, אים שאַרף אַ צי געטאָן פאַרן טוניק:

— לאָז זי אָפּ, פּאַגאַן!

דער לעגיאָנער האָט זיך אַ שאַרפן קער געטאָן, צו זען ווער ס׳ציט אים פאַרן טוניק. זיין פּנים רויט פון וויין, די אויגן פאַרצויגן און שמאָל. ער האָט אויפן קול שיכור געלאַכט און מיט קראַפט שאלתיאל׳ן פון זיך אָפּגעשטויסן.

שאלתיאל איז באַלד אויף אים אָנגעקומען און גענומען האָגלען שלעג.

אין שענק האָט זיך מיטאַמאָל אַלץ אָפּגעשטעלט: אַלעמענס אויגן האָבן געקוקט בייגעריק און דערשטוינט אויף די קעמפנדיקע. פּריער: אַן אָפּגעשטעלטער טומל. אַן אָנגעלאָדענע שטילקייט, און דערנאָך אַ באַוועגונג פון אַן אויפוואַכנדיקן וואַלד, ווען ער ווערט באַרירט פון שטורעם אָנלויף. באַלד איז דאָס גאַנצע הויז געווען אויף די פיס. ס׳האָט זיך ווי פון זיך אַליין אויפגעהויבן אַ ווילדער גערויש: פון די מיילער האָבן זיך געריסן קלאַנגען און ווערטער. די לעגיאָנערן האָבן אָוועקגעלייגט די ווערפל, געשטעלט אויפן זייט פון זייער אייגענעם. די ירושלים׳ער יונגען זיינען געקומען אויף שאלתיאל׳ס זייט, און אויף אַ ווײַלע האָבן זיך אַלע אויפגענומען אין איין קנויל. דערנאָך האָט זיך דער קנויל פאַנאַנדער גענומען און הענט האָבן זיך געהויבן, פיס האָבן געבריקעט, פיגורן האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן. אַ שווערער אָטעמען און פאַרשטיקטער פלוכן. בענקלאַך און טישן האָבן זיך איבערגעקערט, אַ שיכור׳ער שרייען, אַ קוויטשעריי און שטייגנדיקער יאָמער פון פרויען. אַ שיסל אויל האָט זיך אויסגעגאָסן און דער ברענענדיקער קנייטל האָט׳ס אָנגעצונדן. ס׳האָט אויפגעפלאַמט אַ העל פייער, אָפּגעגאָסן מיט שאַרפן ליכט אַ טייל פון שענק. ס׳האָבן העלזער געשריען: אש! אש! הצילו את נפשכם! שמואל צידוני האָט געכאַפּט אַ מאַנטל ס׳אַ וואָרף געטאָן אויפן פייער, דערביי אין דריי לשונות געשריען, אַז מ׳מאַכט אים אומגליקלאַך.

אין גרויסן טומל איז אַ לעגיאָנער געפאַלן שווער פאַרוואונדעט פון אַ מעסער־שטאָך. דער טומל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שרעק, און די וואָס האָבן אַנטייל גענומען אין געשלעג האָבן זיך גענומען אַרויסרוקן. די מהומה האָט זיך איבערגעטראָגן אין פינצטערן דרויסן. די נאַכט איז געוואָרן פול מיט פאַרטויבנדיקע קולות.

ס'איז אָנגעקומען די וואָך מיט פּאַקעלן און שטעקנס, און די שלעגער זיינען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן.

שאַלתיאל האָט זיך פאַרנומען אין אַ זייטיק געסל, און אַזוי לויפנדיק מיטאַמאָל דערפילט די אחריות. ער האָט געזען ווי אַ לעגיאָנער איז געפאַלן, באַמערקט דעם גלאַנץ פון שטאָל — אַ מעסער. דער פאַל וועט דערגיין צום פחה, זיין נאָמען וועט דערמאָנט ווערן אַלס דער אָנהויבער פון געשלעג, און ער, ווי בר־אבאַ, וועט איינגעשפּאַרט ווערן. ער איז גיך געגאַנגען, און יעדע ווייל אָנגעשטעלט די אויערן, געכאַפּט אַ קוק אויף הינטער. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז עמיצער פאָלגט אים נאָך. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַלס אַ שווואַרצעמדיקע פיגור איז אויף אים אָנגעקומען.

— ווער ביזטו ?

— אַן אייגענער.

שאַלתיאל האָט זיך גוט צוגעקוקט צו דער נאַכטגעהילטער פיגור. ער האָט אים ניט געקאָנט דערקענען. ער האָט ווידער געפרעגט:

— ווער ביזטו ?

די פיגור האָט דערשראָקן גערעדט:

— שאַלתיאל, זון פון זבדיה, איך בין אַן אייגענער. מיין נאָמען איז נתן, אַ פּועל ביי יוסי סנדלר. איך קען דיך, יאָרן אין יאָרן גענייט סאַנדאַלן פאַר דיין הויזגעזינט.

— ווי קומסטו אַהער ?

אין הויז הערשט נויט. יוסי'ס ווייב ווערט פאַרצערט פון קדחת. אין שטוב איז ניטאָ קיין ברויט... איך בין געקומען אַהער זען וואָס די רייכע טוען, ווי זיי פאַרברענגען די נעכט אין שיכרות און זנות אין דער צייט וואָס ביי די אָרימע ווערט איינגעשרומפּן דער בויך פון הונגער.

— ביזט געווען פאַרמישט אין געשלעג ?

— איך האָב געשטאָכן אַ לעגיאָנער.

— דו ?!

— איך בין פון אַ חברה, וואָס זוכט צו באַפרייען יהודה פון די רוימער און רייכע...

— נתן איז דיין נאָמען ? — קום גיך אָוועק פון דאַנען, מיר זיינען ביידע געשטעמפּלטע און דער צאָרן פון די רוימער קאָן אונז גרייכן. דער פחה איז זייער שטרענג... נתן, ווילסט מיין גורל טיילן ? — קום מיט מיר.

אוןביידע זיינען באַלד פאַרשלונגען געוואָרן פון דער פינצ־טערער נאַכט.

.2

ביים ירדן. — יוחנן המטביל

שאַלתיאל און נתן, צוויי אַנטרונענע, האָבן געוואָגלט איבער יהודה און גליל, וואו געטאָגט דאָרט ניט גענעכטיקט: — דער צאָרן פון די רוימער האָט זיי נאָכגעיאָגט.

די טעג זיינען געשטאַנען הייסע, די נעכט קילע, בייטאָג האָט די זון געבלענדט מיט שאַרפן ליכט, ביינאַכט האָט געטרייסלט פון קעלט. די זון אַן אַנגעגליטע האָט געברענט דעם קאָפּ פון אויבן און די זאַמד אונטער די פיס. הייסע ווינטן, ווי געקומען פון אַ קאַלכ־אויוון האָבן געקרייצט דעם מדבר און געדרייט דעם זאַמד אין אַ ווירבל, פאַרטרייסלט די אויגן און געטריקנט ליפּן און גומען. ביינאַכט האָבן די שטערן, ווי אַראָפּהענגנדיקע טרויבן, געדיכט געמאַכט דעם הימל, קלאָר געקוקט אַראָפּ, און אין אַנדערע נעכט האָט די לבנה ווי אַ קויל קרייד געשפּריי טויט־קאַלטן שיין. די צעלייגטע שייטערן האָבן געהיצט פון פאָרנט און די שאַרפע, טרוקענע לופט האָט פּראָס־טיק געביסן פון הינטן.

און איבער ברייט און לענג פון מדבר־יהודה האָט זיך געצויגן אַ רוף:

„פנו דרך ה׳ ישרו בערבה מסילה לאלהינו!
כל גיא ינשא, וכל הר וגבעה ישפלו,
והיה העקב למישור, והרכסים לבקעה...
וראו כל בשר את ישועת אלהינו!"

די וועגן זיינען געווען פול מיט וואַנדערדיקע. ס׳האָבן זיך געטראָגן און געוועבט פאַרשיידענע קלאַנגען וועגן אַ פּריידיקער, וואָס פאַרקונדיקט דעם טאָג פון דערלייזונג. אַלע האָבן פאַרנעפּלט און אומבאַשטימט גערעדט וועגן אַ נביא, וואָס שיט פּעך און שוועבל אויף דער הורדוס פאַמיליע, אויף די קעפּ פון אַ האַרטהערציקע און רייכע און באַט אַלעמען אַן זיך צו טובל׳ען אין ירדן, כדי צו רייניקן זיך פון די זינד און גערייניקטע זיין גרייט פאַרן טאָג פון דערלייזונג.

נתן האָט כסדר גערעדט צו שאַלתיאל׳ן וועגן פּריידיקער און וועגן די פאַרשיידענע קלאַנגען, וואָס האָבן נאָכגעפאָלגט זיינע פוס־

טריט, ווי ס׳פֿאָלגט נאָך נאָך אַ שיף אַ שפּור פֿון געהעפּטן שוים. ער האָט גערעדט וועגן טאָג פֿון דערלייזונג, — וואָרים דער גאַנצער מדבר האָט געזשומעט מיט די רייד פֿון ווילדן און צאָרנדיקער פּריידיקער, — רייד וואָס האָבן געהאָגלט מיט ברענענדיקע שטיינער. נתן האָט אים געמונטערט, גערייצט קעגן די רוימער און רייכע, פֿאַר אים געמאָלן די שרעקלאַכע נויט, וואָס הערשט אין ירושלים צווישן אָרימען פֿאָלק. אָבער שאַלתיאל איז געווען אַריינגעטאָן אין זיך אַליין. זיין האַרץ האָט געוויטאָקט, אַ נאָגנדיקער באַגער האָט פֿאַרצערט זיין לייב, אַ טיפֿע בענקעניש האָט אים געפּייניקט: — ערגעץ איבערן לאַנד וואַנדערט אויך מרים פֿון מגדלה.

ס׳איז צו זיינע אויערן דערגאַנגען, אַז אין נאַכט פֿון געשלעג האָט מרים פֿאַרלאָזן דעם שענק פֿון שמואל צידוני, זיך אָנגעשלאָסן אָן אַ וואַנדערנדיקער חברה, ווועמעס הויפּט ס׳איז געווען אַ יונגער פּריידיקער פֿון נצרת, וואָס ס׳איז אין גליל, און פֿאַר אים זיינען אָנגעשטאַנען שווערע טעג און נעכט, — נעכט אָן שלאָף, פֿול פּיין און נאָגנדיקער באַגער. נעכט וואו די פֿינצטערניש האָט זיך געדיכט געוועבט, און אין דער פֿינצטערניש האָבן געשוועבט אַ פּאָר ליכטיקע אויגן, — אויגן, וואָס האָבן אים פֿאַרפֿאָלגט, געשטערט זיין רו און שלאָף, און דאָ אין מיטן די זשומענדיקע רייד פֿון נתן:

— אונזער אומגליקלאָך לאַנד: פֿון איין זייט רוים, פֿון דער אַנדער זייט דער טעטרך, אין מיטען די צדוקים, און מיר די אָרימע ווערן דערוויל צווישן זיי צעריבן... און וואָס וועט זיין דער סוף?

און פֿאַר שאַלתיאל׳ן איז געווען: — און וואָס וועט זיין דער סוף? ווען ניט די אויגן, וואָס ווילן ניט אָפּטרעטן און מ׳מוז זיי זען.

און אַזוי אַרומוואַגלענדיק זיך זיינען זיי אין אַ טאָג אָנגעקומען צו די ברעגן פֿון ירדן, וואו זיי האָבן אין איין אָרט אָנגעטראָפֿן אַ גרויסן עולם זיך צוהערנדיק צו אַ פּריידיקער.

דער פּריידיקער איז געשטאַנען אין מיטען און געדונערט:

דער צאָרן פֿון גאָט וועט אייך פֿאַרצערן, איר שלאַנגן־קינדער! די האַק איז פֿאַרמאָסטן איבער אייערע קעפּ, ווי איבער בוימער, וואָס גיבן קיין פּרוכט ניט. און יעדער בוים, וואָס גיט קיין פּרוכט ניט וועט אָפּגעהאַקט ווערן און אַריינגעשליידערט ווערן אין פֿייער. קומט טובל׳ט אייערע זינדיקע לייבער אין וואַסער פֿון ירדן. כ׳וועל אייך צוגרייטן פֿאַר אַ מאַן וואָס דאַרף קומען, — אַ מאַן, ווועמעס שיך

איך בין ניט ווערט צו פאַרבינדן. אַ מאַן שטאַרק אין קערפּער, שטאַרק אין רוח — דער משיח!...

יוחנן, זון פון זכריה, מיטן נאָמען „המטביל" איז געשטאַנען אין מיטען פון אַן עדה דערשלאָגענע און געפּאַלענע, געשטראָפט, געצאַרנט און אַלעמען אָנגעמוט זיך צו טובל'ען אין ירדן.

הויך און קרעפטיק איז ער געשטאַנען, דערהויבן איבער אַלע קעפּ, און געשוימט מיט צאָרן. די האָר קודלעוואַטע, ווילדע, גע־טריקנט פון ווינט און זון. אַ פּנים שאַרף, פול אויסדרוק, געברוינט און געקנייטשט פון שטענדיקן זיין אין דרויסן. אויגן פיבערדיקע אין ערגעץ ווייט געצילט. אַ ברוסט ברייט און האַריק, דער קערפּער האַרט, אַרומגעכאַפּט פון אַ קעמל־פעל און פאַרבונדן מיט אַ גאַרטל פון רימען.

אַרום, אין דער אָנגעגליטער לופט, האָבן פּויל און פּילאָזאָפיש גערוט קעמלען, געקוקט אַזוי מילד און גלייכגילטיק מיט די שטילע ברוינע אויגן אין דעם פינטלדיקן געוועב פון טאָג און כסדר מעלה־גרה געווען, באַרוועסע, האַלב נאַקעטע קינדער האָבן זיך אַרומגע־דרייט ביים וואַסער. מוטער'ס פאַר'חושכ'טע, מיט דאגה־געשניטענע פּנימ'ער, האָבן געזויגן די עופּה'לאַך, און זייערע בריסט איינגע־שרומפּענע זיינען געהאַנגען אָן מילך און לעבן. די מענער אָפּגע־ריסענע, פאַר'חלש'טע, האָבן זיך פאַרקליבן אַרום פרייידיקער.

דער קול פון יוחנן, זון פון זכריה, האָט געשמיסן:

— דער טאָג דער גרויסער איז נאָענט. די מאָס איז פול און ס'גייט אַריבער די ברעגן. ירושלים איז פאַרפּלייצט מיט פאַלשקייט, באַטרוג און זנות. הורדוס האָט חתונה מיט זיין ברודער'ס ווייב. שולמית איר טאָכטער איז מזנה מיט אַלע רוימער פון הויף... „קול קורא מבדבר: פּנו דרך ה'! ישרו מסילה"... אַנטרינט פון אייערע זינד, וואָרים דער טאָג פון שלום איז נאָענט!...

פון די פאַרזאַמלטע איז געקומען אַ קול:

— וואוהין זאָלן מיר אַנטלויפן, אַז דער הונגער יאָגט אונז נאָך מיט גרויס טריט. וואָס זאָלן מיר טאָן?

די שטים פון יוחנן, זון פון זכריה, איז געקומען אין ענטפער:

— ווער פון אייך ס'האָט צוויי העמדער זאָל זיך טיילן מיט דעם וואָס האָט ניט!

דערזעלביקער קול פון געזעמל:

— פאַרוואָס זאָל לכתחילה איינער האָבן צוויי און דער אַנדערער גאָרניט? מיר האָבן ניט קיין העמדער אויפן לייב, אונזערע זעק זיינען ליידיק, אונזערע מאָגנס איינגעשרומפּן, מיט וועמען און וואָס זאָלן מיר זיך טיילן?

שאלתיאל און נתן זיינען צוגעקומען צום געזעמל: — אַלע אַזוינע אויסגעצערטע, דערשלאָגענע, מיט רויטע פינטלדיקע אויגן.

נתן האָט גערעדט צו שאלתיאל׳ן:

— דער מאַן פון פאָלק איז גערעכט: מיט וואָס זאָלן זיי זיך טיילן, אַז זיי האָבן אַליין גאָרנישט?!...

שאלתיאל האָט געפרעגט:

— ווער איז ער, — דער פריידיקער פון גליל?

— ניין, ס׳איז יוחנן המטביל.

— ניט דער, נאָך וועמען מרים גייט נאָך?

— ניין, ס׳איז אַן אַנדערער.

— אַזויפיל פריידיקער.

יוחנן, זון פון זכריה, האָט מיט אייפער גערעדט:

— מיינע רייד זיינען קיין רייד ניט קעגן די רייד פון דעם, וואָס וועט קומען נאָך מיר. איך גרייט אייך נאָר צו. טוט תשובה, ווייל דער גרויסער טאָג איז נאָענט, רייניקט אייערע לייבער פון זנות...

שאלתיאל איז געווען אומצופרידן מיט די רייד פון פריידיקער. ער האָט געזאָגט צו נתנ׳ען:

— וואָס וויל ער פון די אומגליקלאַכע?...

די זון האָט געבאַקט און געבראָטן. דער ירדן, — אַ געל־ברודיק שטרייף, האָט זיך געדאַמפּט, פאַר׳חלש׳ט געשלענגלט, אָן חשק אויפגענומען די פאַרדאַרטע לייבער פון די באָדנדיקע. אין דער ווייט ביים הימלנויג האָבן זיך פאַרגליווערט און ערפורכטיק געזיגזאַגט די בערג פון יהודה אין בלויען גאַז, און די פינטלדיקע, גליאיקע לופט האָט פאַרוויגט און פאַרשלעפּערט. מידע, גלייכגילטיקע, האַלז־אויסציענדיקע קעמלען, קאָם זיך שלעפּנדיקע אייזלען האָבן זיך אין ערגעץ גערוקט.

אויפן וועג אין דער ווייט האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטויב, פאַרקונדיקט דאָס אָנקומען פון אַ צאָל פוסגייער. די פאַרזאַמלטע האָבן געקוקט אין דער ווייטקייט, וואו פיגורן האָבן זיך גענומען

אַרויסצייכענען פונם שטויב. ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ הוזשעריי צווישן עולם: מ'איז געוואָרן בייגעריק: ווער קאָנ'ס זיין? אייניקע האָבן געמיינט, אַז ס'איז אַן אָפּטייל לעגיאָנען, וואָס גייט אין ערגעץ אויף אַ שטראָף־קעספּעדיציע. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ס'מוז זיין אַ גרופּע אַנטלאָפענע פון ירושלים. גאָר אַנדערע האָבן באַהויפּט, אַז ס'מוז זיין דער פּריידיקער פון גליל מיט זיינע נאָכפאָלגער.

דערוויילע זיינען די אָנקומענדיקע צוגעקומען נעענטער: — פאַרשטויבטע, שווייסגעקלעפּטע, און:

— פרידן צו אייך!

— געבענטשט זיינען די אָנקומענדיקע.

צווישן עולם האָט זיך געשפּירט אַ בייגעריקע אויפרעגונג. אַלע האָבן מיטאַמאָל וועגן עפּעס גערעדט. ס'האָט זיך געהערט: — „דאָס איז ער"... „גאָר אַ קליינער, געמיינט אַ גיבור"... דאָס זיינען זיינע תלמידים"... „זע, נאָר, ראובן, קוק אים אָן!" — דערביי האָבן אַלעמענס אויגן זיך אָפּגעשטעלט אויף איינעם, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן אַרומגערינגלט פון יראת־הכבוד'יקער אויפמערקזאַמקייט. און דער אויף וועמען די מערסטע קוקן זיינען געפאַלן איז געווען אַ קליין דאַר מענטשל מיט צעשויבערטע, זון־געבלייכטע, האָר, מיט אַן אומבאַוואַקסן געזיכט ווי ביי אַ פרוי. צוויי גרויסע, אויף איין אָרט שטייענדיקע אויגן ווי ביי אַ בלינדן, האָבן שטום און שטאַר פאַר זיך געקוקט.

— רבי, מיר זיינען אָנגעקומען צום אָרט ביים ירדן, וואו יוחנן, זון פון זכריה, טובל'ט אַלעמען. — און באַלד זיך געווענדט צו די פאַרזאַמלטע: — צו אונזערע אויערן האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען וועגן אַ מאַן מיטן נאָמען יוחנן, זון פון זכריה, און אונזערע לערער, אויף וועלכן ער זאָגט עדות, אַז ער איז דער משיח איז געקומען זיך טובל'ען דורך זיין האַנט אין ירדן. ווער פון אייך איז יוחנן, זון פון זכריה?...

יוחנן, הויך און שטאַרק, איז צוגעקומען, זיינע אויגן אומרואיקע האָבן געזוכט און געפאָרשט. ער האָט זיך דערנענטערט צם מאַן, וועמען אַלע האָבן גערופן רבי, זיך געטורעמט איבער אים:

— ביזטו דער מאַן וואָס קונדיקט דאָס אָנקום פון מלכות שמים?

אַ שטיל גלעטנדיקע שטים איז ווייך אין ענטפער געקומען:

— האָסט גערעדט, יוחנן, זון פון זכריה.

— האָסט זיך ווען דורך זנות באַהעפט מיט אַ פרוי?

— מיין לייב איז ריין פון יעדע פרויען באַרירונג.

און יוחנן, זון פון זכריה, האָט גערעדט:

— האָסט זיך ניט וואָס צו טובל'ען אין וואַסער פון ירדן. איך וואַרט אויפן משיח, וואָס האָט זיך געבאָדן אין זינד און דערנאָך תשובה געטאָן. יענער, וואָס קאָן זיך ברעכן, קאָן אויך אַנדערע ברעכן. ביזט ניט שולדיק, וואָס זינד קלעפּן זיך ניט צו דיר... גיי דיין וועג אין שלום.

אַ הוזשעריי, ווי אין וואַלד בשעת אַ ווינט, האָט זיך צווישן די פאַרזאַמלטע אויפגעהויבן. אַלע האָבן גיך און שטיל וועגן עפּעס גערעדט.

און יוחנן'ס קול האָט זיך ווי אַ ווינט אין מדבר געטראָגן:

„פנו דרך ה׳ ישרו בערבה מסילה לאלהינו!
כל גיא ינשא, וכל הר וגבעה ישפלו,
והיה העקב למישור, והרכסים לבקעה...
וראו כל בשר את ישועת אלהינו!"...

שאלתיאל האָט גערעדט צו נתנ'ען:

— דאָס איז דער פּריידיקער נאָך וועלכן מרים פון מגדלה גייט נאָך?

— אַזוי האָבן מיינע אויערן געהערט.

— וואו איז זי?

— זי קאָן זיין אין אַן אַנדער אָרט. וועלן זיך דערנאָך טרעפן.

שאלתיאל האָט מיט אומעטיקע אויגן געקוקט אויפן קליין דאַרן מענטשן, און ווייטיק פון קנאה האָט גענומען עסן זיין האַרץ.

אין יענער נאַכט איז די לבנה אַרויס שפּעט, זיך אַנגעקלעפּט אויפן ברעג הימל, — אַ רויט געשייערט טאַץ. אַ ווינט האָט פון וואַסער געבלאָזן און מיט זיך געבראַכט ריחות און דערמאָנונגען פון אַנדערע נעכט, — נעכט פון ירושלים.

שאלתיאל, מיט אַ האַרץ פול בענקשאַפט און אויגן פול אומעט האָט געקוקט אין דער טויטער שטילקייט פון נאַכט, געזען ווי די לבנה רוקט זיך אַלץ העכער און העכער, ווערט אַלץ בלייכער און בלייכער, — און טויט־געגליווערט זילבער שמעלצט זיך און שמעלצט זיך און נעמט אַלץ אַריין אין זיין פלוס.

נתן האָט גערעדט:

— כ'האָב געהערט, אַז אַרום טייך נילוס געפינט זיך אַן עדה אידן, וועלכע לעבן אַלע אין איין קבוצה. אַלע אַרבעטן, אַלע טיילן זיך גלייך מיט דער פרוכט פון זייער אַרבעט. אַלע זיינען גלייך. ניטאָ קיין רייכקייט, ניטאָ קיין אָרימקייט, זייער לעבן איז אַ לעבן פון אַרבעט און שלום, — לאָמיר וועגדן אונזערע פּנים'ער אַהין.

שאַלתיאל האָט שטיל געפרעגט:

— וואָס האָסטו געזאָגט, נתן?

3.

נאַכט. — די באַגעגעניש

זיי האָבן געהערט פון אַנטרעפנדיקע וואַנדערער, אַז ישוע פון נצרת, וואָס אין גליל, האָט געשלאָגן געצעלט אַרום ים גניסר, און אַז מיט אים לאַגערן אַ סך פרויען, און זיי האָבן אַהין געווענדט זייערע טריט. שאַלתיאל האָט זיך נאָכגעפרעגט אויב צווישן די פרויען איז דאָ איינע מיטן נאָמען מרים. דערביי האָט ער זי אָפּגעמאָלן, און איינער פון די וואַנדערער האָט מיט זיכערקייט באַהויפּט, אַז ער האָט אַזאַ פרוי מיט זיינע אייגענע אויגן געזען.

וואו זיי זיינען געקומען, האָבן זיי געהערט ריידן וועגן אַ מאַן, וואָס סוויזט גרויסע וואונדער. מען האָט דערציילט, ווי מצורעים זיינען אויסגעהיילט געוואָרן בלויז דאַדורך, וואָס ער האָט זיי באַרירט. פרויען, וואָס די טעג פון זייער נידה האָבן זיך געצויגן פון יאָרן און יאָרן, זיינען ריין געוואָרן. בלינדע זיינען זעענדיק געוואָרן, קאַליקעס גייענדיק, טויבע הערנדיק, אמעטום, וואו זיי האָבן געשלאָגן געצעלט, איז געווען קאַנטיק אַ פיבערדיקע אויפרעגונג: אַלע האָבן גערעדט, געווען אָנגעשטרענגט, געווען טשוטקע, עפּעס דערוואַרט: עטוואָס וועט געשען. אַלע האָבן אויסגעקוקט די אויגן: — אָט קומט ער!

און נתן האָט גערעדט:

— אַ באַזונדער גבורה מוז דער מאַן פון נצרת באַזיצן. אויפן אויסקוק — ניט ווערט קיין פרוטה... און זע נאָר, ווי דאָס פאָלק איז אויפגערעגט... אַלע גלויבן, אַז זיי וועלן דורך אים געהאָלפן ווערן... קאָן דאָס זיין?

און שאַלתיאל האָט געצויגן די אַקסלען:

— ווער קאָן וויסן? איך גלויב ניט.

אין אָוונט פון אַ טאָג, ווען די זון איז פאַרשוואונדן הינטער די

בערג, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט צופֿוס פֿון אַ באַרג און ביים זייט פֿון וועג פֿאַרשפּרייט זייער געצעלט אויף דער נאַכט.

די אָנקומענדיקע נאַכט איז געווען אַ קאַלטע, דורכגענומען מיט דער לופֿט פֿון נאָענטן וואַסער און פֿול מיט זשומענדיקער שטילקייט. פֿון אויבן האָט זיך אויפֿגעהאַנגען דער הימל מיט די שטערן, וואָס זיינען געווען אַזוי בולט און נאָענט כאָטש מיט די פֿינגער זיי אָנצונעמען.

נתן האָט פֿאַנאַנדערגעלייגט אַ פֿייער, געעפֿנט די זעק מיט שפּייז, און דערווייל צו זיך אַליין גערעדט:

— די געטריקנטע פֿייגן און פֿיש זיינען באַלד ניטאָ. האָניק איז נאָך דאָ אויף אַ פּאָר טעג, ברויט אויך... אין דער נאָענטסטער שטעטל וועט מען עס דאַרפֿן אַלץ איינהאַנדלען.

זיי האָבן געגעסן זייער מאָלצייט, און די גאַנצע צייט האָט בלויז נתן גערעדט. שאַלתיאל האָט געשוויגן. ס׳איז פֿאַר אים עפּעס פֿאַרגעשטאַנען: זיי האָבן זיך דערנענטערט צום ים גניסר.

ער איז געזעסן מיט די פֿיס אונטער זיך און געקוקט גלייך אין דעם ליכטיק ברענענדיקן שייטער, געזען די אַרויפֿציִענדיקע צונגען פֿלאַמען. דאָס פֿייער האָט געהיצט זיין פּנים, באַלויכטן מיט אַ רויטלאַך אָפּשיין און קאַנטיק געמאַכט זיין שטאַרק גלידערדיקן געזיכט, געפֿראַמט אין אַן עטלאַך וואָכעדיקן אָנוואוקס.

נתן האָט זיך גע׳עסק׳ט אַרום שייטער. צונויפֿגענומען שפּענער, פֿאַרטריקנטע צווייגן, שטרוי, און מיט אַ לאַנגן שטעקן דאָ און דאָרט אויפֿגעשטורעט דעם צייטנווייז גלייכגילטיק געוואָרענעם פֿייער: צוגעלייגט פֿרישע ברענאַכץ, געהאַט אַ קינדישע הנאה צו זען, ווי טויזנטע פֿאַנאַנדערגעשאָטענע פֿינקען טוען האָפּערדיק זיך אַ לאָז מיטן אַרויפֿשטייגנדיקן רויך. געהאַט נחת, ווען ס׳האָבן מיט חשק גענומען קנאַקן די פֿריש אויפֿגעשפּרונגענע צונגען און העל באַלויכטן אַ גרויסן עיגול אַרום, דערמיט מאַכנדיק די אַרומיקע פֿינסטערניש נאָך געדיכטער.

שאַלתיאל האָט גערעדט:

— ס׳איז נאָך דער ערשטער אשמורה — העגער קרייען.

— מיר זיינען ניט וויט פֿון אַ ישוב.

— מיר זיינען נאָענט צו אַ ים. כ׳פֿיל וואַסער אין דער לופֿט.

פֿון ערגעץ זיינען געקומען פֿאַרשטיקטע אָפּקלאַנגען. די טרוקענע

קעלט האָט אויפגעצויגן דאָס לייב, וואו ס׳איז ניט געווען געוואָרעמט פון פייער. שוואַכער אָפּשיין, ווי ביים אויפגיין פון דער לבנה, זיינען ערטערווייז אויף דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט געווען קאָנטיק. — ס׳האָבן די פאַסטיכער געצונדן פייערן און געווען אין דער נאַכט.

נתן האָט גערעדט:

— מיר וואָגלען זיך שוין אַ פּאָר חדשים. און וואָס איז דער תכלית? אין ירושלים איז הונגער און נויט. די אָרימע פאַלן ווי זאַנגען אונטער די הענט פון שניטער, און מיר שטייען פון ווייטן... נייק, שאלתיאל, זון פון זבדיה, מיר מוזן ווענדן אונזערע פנים׳ער נאָך ירושלים. מיר מוזן אויפהויבן דאָס פאָלק קעגן די רייכע. מיר מוזן פאַרכאַפּן דעם היכל, אַרויסטרייבן די מוכסים — איבערנעמען אַלץ אין אונזערע הענט.

—נתן, דיינע רייד זיינען פון האַרצן און דאַריבער קעגן שכל... נתן, אויב אַ מרידה, מוזן מיר געווינען; אויב ניט, וועט זיך בלוט גיסן אין די גאַסן. בלוט פון די אָרימע, פון די אומשולדיקע. אונזער אַרבעט פון היינט אָן דאַרף זיין פאַר זייער אומצופרידנקייט, וואו מיר זאָלן ניט קומען. די אומצופרידנקייט מוז אָנגרייפן אַלע־מענס הערצער, מוז זיך איינוואָרצלען אין אַ גרויסער שנאה קעגן אַלץ וואָס איז פויל, קעגן דער גרויסער אומגערעכטיגקייט, אַ גרויסע אומצופרידנקייט מוז אין אַלע הערצער אויסוואַקסן, — דעמאָלט קאָנען מיר האָפן אויף נצחון.

— מיין האַרץ גייט אויס. כ׳וואָלט שוין וועלן זיין אין ירושלים... כ׳וויל וויסן, וואָס ס׳איז געוואָרן מיט יוסי׳ס ווייב, צי זי לעבט נאָך... זי איז געווען זייער קראַנק, ווען כ׳האָב לעצטן מאָל פאַרלאָזן דאָס הויז.

שאלתיאל איז געווען אָנגעשטרענגט און וואכיק צו יעדן שאָרך, און ביי יעדן מינדסטן גערויש אָנגעשטעלט נאָז און אויערן.

— הערסט, נתן?

נתן האָט אויסגעגלייכט דעם אויבערשטן טייל פון קערפּער, צוגעצויגן צו זיך דעם שטעקן, געוואָרן אויפמערקזאַם און אַריינ־געטיפט די אויגן אין פינסטערן טוש פון דער נאַכט.

— הערסט?

— דוכט זיך — טריט.

שאלתיאל האָט זיך צוגעהערט.

— יע, איך הער טריט.

— פיל טריט.

— ווער קען עס זיין?

וואָס ווייטער זיינען פאַרשטיקטע טריט פון אָנקומענדיקע געוואָרן מער אויסגעצייכנט. דער אָפּקלאַנג פון מענטשלאַכע שטימען האָט זיך גענומען דערטראָגן. באַלד האָבן זיך, ווי פון אַ פאַנאַנדער־גענומענעם שוואַרצן פאָרהאַנג, גענומען אַרויסרוקן נאַכט אויפגע־גאָסענע פיגורן. דאָס העל פלאַקערדיקע פייער פון שייטער האָט דערגרייכט זייערע פנים׳ער און קליידער.

— פרידן.

— געבענטשט זייט צו גאָט.

און די אָנקומענדיקע האָבן זיך געבוקט.

די פיגורן, עטלאַכע מנינים אין צאָל, האָבן זיך אויסגעשטעלט אין האַלבן צירקל אַרום שייטער, און אַ גערייִדעריי האָט זיך אָנגע־הויבן. זיי האָבן געמאַכט מיט די הענט, גערעדט אין האַלבע טענער, זיך אַזוי ווי גע׳עצה׳ט וועגן עפּעס. אַלע האָבן זיך געווענדט צו אַ קליין דאַר מענטשל, מיט גרויסע, אויף איין אָרט שטייענדיקע אויגן, ווי ביי אַ בלינדן. פרויען, געוויקלט אין זייערע געווענטער, האָבן אַן אנטייל געקוקט אין פייער.

שאלתיאל האָט דערקענט מרים פון מגדלה צווישן זיי און זיין האַרץ האָט געזונקען.

איינער, אַ ספּריטנער מענטשל, מיט גיך פינטלדיקע אויגן, וועמען אַלע האָבן אָן צערעמאָניעס גערופן שמעון, האָט זיך געווענדט צו שאלתיאל׳ן און נתנ׳ען:

— אונזער גאַנג איז געווען אַ לאַנגער. מיר ווילן האָבן אָפּרו און וואַרימקייט ביי אייער פייער. מיר ווילן אונטערלענען אונזער האַרץ — וואָרים דער וועג איז אַ ווייטער.

שאלתיאל האָט זיך געבוקט:

— אונזער פייער וועט וואַרימען און לייכטן, — זייט געשיצט.

שמעון האָט געפרעגט:

— וועלכע שעה איז איצט?

— נאָך דער ערשטער אשמורה.

— ס׳האָבן די הענער שוין לאַנג געקרייט.

— וואוהין זיינען אייערע פנים׳ער געווענדט?

— נאָך ירושלים.

נתן האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף די אַרומשטייענדיקע און גערעדט:

— איר גייט אין ירושלים?... איר זאָלט וויסן, אַז אין ירושלים הערשט נויט און הונגער. שריפות ברעכן אויס יעדן טאָג. די רוימישע וואַך איז פאַרשטאַרקט, פון קסריה איז אָנגעקומען נאָך אַ לעגיאָן... די נויט־ליידנדיקע זיינען פאַרצווייפלט. ס׳הערשט דער גייסט פון מרידה... אויב איר וועט העלפן פאַרשטאַרקן דעם גייסט פון מרידה — גייט, אויב ניט, וועט איר דאָרטן זיין איבעריקע...

אַלע האָבן זיך באַדייטנד איבערגעקוקט.

שמעון האָט זיך געווענדט צום קליין דאַר מענטשל:

— האָסט געהערט די רייד פון אומבאַקאַנטן?

דער, צו וועמען אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט, האָט זיך אַרויסגערוקט, צוגעקומען נענטער צו שאַלתיאל׳ן און נתנ׳ען. דאָס פייער האָט געוואָרפן אַ רויטלאָך שיין אויף זיין שוואַכן קערפּער און אויסגעצערטן פּנים מיט די גרויסע, אויף איין אָרט שטייענדיקע אויגן, ווי ביי אַ בלינדן. ער האָט ווייך גערעדט:

— ווער איר זאָלט ניט זיין, קומט מיט אונז. אייער גלויבן וועט באַלייכטן אייער וועג.

שאַלתיאל האָט גערעדט:

— אונזער וועג איז ניט אייערער.

און די שטים פון קליין דאַר מענטשן איז געווען גלאַט און זיס:

—אַלע וועגן זיינען גלייך, אויב זיי פירן צו מלכות האלהים.

— אָבער מיר ווילן צוערשט אָפּשאַפן די ממלכת הרומים.

נתן האָט אונטערגעכאַפּט:

— און פאַרטיליקן די רייכע.

דער מאַן פון גליל האָט גערעדט:

— שטייט צו צו אונז, — און איר זאָלט וויסן: וואו רוים דאָרט איז הונגער, וואו גוואַלט דאָרט איז טויט און מגפה.

שמעון האָט געפרעגט:

— רבי, זאָלן מיר אַהין וועגדן אונזערע פּנים׳ער?

— האָסט גערעדט, שמעון: וואו טרויער און נויט דאָרט איז אונזער אָרט. איך וועל געבן אַ משל מיט אַ דינסט פון אַ רייכן מאַן:

אַ דינסט פון אַ רייכן איז געגאַנגען צום ברונעם נאָך וואַסער מיט אַ ליימענעם קרוג. דער קרוג איז אַריינגעפאַלן אין ברונים, איז זי אַוועק אין הויז, גענומען אַ גאָלדענעם קרוג און אים אַריינגעוואָרפן אין ברונים. ווייל אויב מען וואָלט פריער זיך ניט גע׳עסק׳ט אַרויסצונע־מען דעם ליימענעם קרוג, וועט מען איצט שוין צוליבן גאָלדענעם אויך אַרויסנעמען דעם ליימענעם. — דעריבער, קומט אַלע אין ירושלים.

שמעון האָט געפרעגט:

— רבי, זאָלן מיר שלאָגן געצעלט איבער נאַכט?

— מיר וועלן נאָך היינט גיין אין וועג. די טעג זיינען הייס... לענט אונטער אייערע הערצער.

שאַלתיאל׳ן איז געווען פינסטער אויפן געמיט. מרים׳ס געפינען זיך דאָ האָט אים צערודערט. ס׳האָט אים אויך צערייצט די פאַר־גליווערטע ווייכקייט פון פרעדיגערס פנים, ווי אויך די זיסע רייד, וואָס האָט געטריפט פון זיין מויל. ס׳האָט אים דערהויפּט געערגערט, דאָס, וואָס מרים האָט איינמאָל די אויגן ניט אויפגעהויבן אין זיין זייט, און האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז נאָך היינט מוז ער צו איר ריידן — זאָל זיין וואָס ס׳זאָל זיין!

די געקומענע האָבן זיך איינגעזעצט אַרום שייטער. זעק מיט שפּייז האָבן זיך געעפנט, לאָגלען זיינען אַראָפּגענומען געוואָרן פון די פּלייצעס. דער מאָלצייט האָט זיך אָנגעהויבן.

ס׳האָט דער מאַן פון גליל געמאַכט ברכה אויפן ברויט, און די תלמידים האָבן אויף אים פרום און געטריי געקוקט, פאַרשלונגען זיינע רייד. שפּעטער האָט זיך אויפגעהויבן אַ פראַגע צי קאָן אַ מאַן גט׳ן זיין ווייב, און דער מאַן פון גליל האָט גע׳פסק׳נט, אַז דאָס, וואָס גאָט באַהעפט, קאָן אַ מענטש ניט שיידן, און דאָס פאָרן זיך פון מענטשן איז באַשטימט פון אויבן. אַ מענטש קאָן זיך ניט שיידן מיט זיינעם אַן אבר, וואו ער זאָל ניט שטעלן אין סכנה דעם גאַנצן גוף.

דערנאָך האָט אים שמעון געפרעגט, אויב אַלע וואָס גלויבן אין אים וועלן גלייך טיילן דאָס גליק אין דער וועלט, וואָס דאַרף קומען, און דער מאַן פון גליל האָט גערעדט:

— איך בין דאָס ליכט פון דער וועלט, און דער וואָס פאָלגט מיינע טריט וועט ניט גיין אין דער פינסטער, ווייל ער גענימט פון דאָס ליכט פון לעבן. אַלע, וואָס גלויבן אין מיר, גלויבן אין פאָטער.

וואָס האָט מיר אַהער געשיקט. צייט וועט קומען, ווען איך וועל פון אייך אוועק, — אבער איר אַלע וועט דאַרפן דערפילן מיין שליחות, ווי די קינדער פון נדיב, וואָס זעצן פּאָר אַ גוטע אַרבעט נאָך זיין טויט.

בעת אַלע זיינען געווען פאַרטאָן אין די רייד פון ישו, זון פון יוסף, האָט שאלתיאל זיך דערנענטערט צו מרים פון מגדלה, וואָס איז געזעסן, אַריינגעטאָן אין זיך,ביים ברעג.

ער האָט גערעדט:

— זיי געגריסט, מרים פון מגדלה.

זי איז געבליבן ווי פריער פאַרטראַכט.

— וואָס שווייגסטו?

קיין ענטפער.

— מרים, ווארום מיידסטו אויס מיינע אויגן?

אַ שטים, ווייך און פרום, איז איידל געקומען:

— מיין גורל איז פאַרבונדן מיט די מענטשן. — גיי פון דאַנען.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, זי גענומען ביי דער האַנט.

— ריר מיך ניט אָן!

— וועסט גיין מיט מיר.

— ניין!

ער האָט פעסטער געדריקט איר אָרעם:

— וועסט ווערן מיין ווייב.

— איך בין פאַר'קנס'ט צו גאָט'ס זון.

— וועסט טיילן מיין געלעגער.

זי האָט זיך פון אים מיט אָפּשיי אָפּגעצויגן. אירע אויגן האָבן באַקומען לעבן.

— ריר מיך ניט אָן! איך בין געריייניקט. ער האָט פון מיר די זיבן רוחות אַרויסגעטריבן. — גיי דיין וועג.

— וועסט זיין מיין ווייב!...

זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן — אויגן גרויסע, פול מיט טרויער און געדולד. פון זיי האָט איצט זיך אַ גאַס געטאָן ליכט און צאַרן. זי האָט העפטיק גערעדט:

— אומזיסט דיינע רייד... דיין ליבע וועט קיינמאָל ניט באַרירן מיין ליב. איך וועל מזנה זיין מיט אַלעמען, נאָר ניט מיט דיר!... איך וועל פאַרקערן מיט אַ הירש, מיט אַן אייזל, אָבער ניט מיט דיר!

און די דעקלאַך פון די אויגן האָבן זיך ווי אַ פאָרהאַנג אַראָפּ־געלאָזן, און אָפּגעשלאָסן דאָס פליסנדיקע ליכט.

שאלתיאל איז געבליבן פאַרגליווערט. אַלץ האָט זיך ווי אָפּגע־שטעלט. אַ טיפער טרויער, אַ שאַרפע קעלט, און אַ שאַרפער קלע־מענדיקער ווייטאָק איז אַדורך האַרץ און זעל, — און פון מיטען די פאַרזאַמלטע האָט פון עמיצנס מויל געטריפט רייד שטיל און מילד:

— און די וואָס גלויבן אין מיינע רייד וועלן זיין פרייע מענטשן, וואָרים איך זאָג אייך, אַז דער מענטש וואָס זינדיקט איז אַ קנעכט צו די זינד. גרויס איז די זינד פון חתונה־ברוך, פון זנות, אָבער דערפאַר איז אויך גרויס די ריייניקונג. און דער, וואָס גייט אויפן וועג פון זינד, איז אַ געפּענטעטער אין קייטן, וואָס זעט דאָס ליכט פון ווייטן און קאָן אָבער אַהין ניט צוקומען, ווי דער דורשטיקער אין מדבר, וואָס זעט אין אויפגערייצטן דמיון קוועלנדיק וואַסער און קאָן מיט דעם זיין דורשט ניט שטילן. דער וועג פון לעבן איז אַמאָל אַ לאַנגער, אַמאָל אַ קורצער, ס׳ווענדט זיך מיט וואָס מען איז באַשעפטיקט גייענדיק צו דאָס אייביקע ליכט... פאַר אונז שטייט פאַר אַ שווערער וועג. מיר דאַרפן גיין אין ירושלים רייניקן דעם היכל... גרייט זיך אין וועג.

און די אַרומיקע האָבן געבענטשט די ברכת־המזון.

פון ערגעץ — פון דער געדיכטער שוואַרצקייט זייַנען געקומען רופן. די נאַכט אַ פינסטערע, אַ פּראָסטיקע האָט געשאַפן פאַרשיי־דענעם גערויש. דאָס פייער האָט געפלאַקערט לוסטיק: — אַ ליכטיקער אינזל אין אַ געדיכטער מאַסע טוש. אַרום איז די פינ־סטערניש געווען ביסטרער און שוואַרצער, ווי אויף אַ ים. ווייט אין ערגעץ האָבן שאַקאַלן געיאָמערט.

די ארומזיצנדיקע האָבן זיך געגרייט אין וועג. — די צווייטע אשמורה.

די געדיכטע שוואַרצקייט פון דער נאַכט האָט זיך געעפנט, פאַרשלונגען די באַוועגנדיקע פיגורן: — אַ לײדיגקייט און אומעט.

נתן האָט צוגעלייגט פרישע האָלץ, עס אויפגעטשוכעט מיטן שטעקן. צונגען פלאַמען האָבן זיך אַרויפגעריסן, אויפעשפּרונגען שלאַנגיק. אַ קאָמפּאַניע פונקען האָט זיך צעשפּרייט, — אין ערגעץ האָבן הענער געקרייעט.

שאלתיאל איז געזעסן פאַרפרוירן: קיין פונק פון לעבן האָט זיך

אין אים ניט גערירט. ס׳האָט נאָר געלעבט דאָס שטומע באַוואוסט־
זיין פון טיפן ווייטיק און צער. ער האָט נאָכאַנאַנד געקוקט אין דער
ריכטונג, וואו די פיגורן זיינען פאַרפאַלן געוואָרן.

נתן האָט גערעדט:

— מיר לייגן זיך שלאָפן.

— נתן, האָסט געזען דעם מאַן?

— דעם פרעדיגער?

— גלויבסט, אַז מרים פון מגדלה באַהעפט זיך מיט אים?

— ניין, איך גלויב ניט. דער פרעדיגער איז קיין מאַן ניט...

— נתן! און אויך מיר הויבן אונזער געצעלט. מאַך זיך גרייט
אין וועג. די צייט איז געקומען, אַז מיר זאָלן אויך זיין אין ירושלים.

ביום ההוא

פון פעלד און שטאָט

שמעון איש קוריני האָט זיך צוריקגעקערט פון פעלד אין שטאָט אַריין. ער האָט געפירט דעם אייזל פאַרן שטריקל, צייטנווייז אים נאָך געדאַרפט מיט גוואַלד שלעפן גיי שוין "נשר" — ווייל די חיה איז גראַד היינט, פון אַלע טעג אין יאָר, איינגעפאַלן זיך צו סאָר־עקשנ'ען מער ווי תמיד און פלעצערווייס זיך ניט געוואָלט רירן פון אָרט, און שמעון האָט זי מיטן גאַנצן כוח נאָך זיך געמוזט ציען.

ער איז געווען אויפגערעגט און דערשעפט, זיך געשאָלטן, געהאַט אויף זיך אַליין פאַרדרוס, וואָס ער איז גאָר ערב־פסח אַרויס אין פעלד. זיין ווייב, חגורה, האָט אים מיט האַרבע רייד געראָטן בעסער אַרויסגיין און קריגן לייען עטלאַכע דברים אויף אַריינצו־ברייגנען דעם יום־טוב אין שטוב. אָבער אין פעלד איז דאָ ניט אַזוי פיל צוטאָן, קיין פועלים פאַרמאָגט ער ניט צו דינגען, האָט ער געטראַכט אַז ס'איז בויטיקער צו אַרויס אין פעלד, און איצט האָט ער מיט חרטה געטראַכט, אַז דאָס מאָל וועט דאָס ווייב זיין גערעכט ווען זי וועט אים נאָגן פאַרוואָס ביי זייער שכן נתן דער סנדלר איז שוין אַזוי פסח'דיק און ביי זיי איז נאָך קיין סימן פון יום־טוב ניטאָ.

ער איז געבליבן שטיין גלייך מיטן אייזל. — אָט ווידער — זיך אָפגעזיפצט, געווישט דעם שווייס פון פנים, פאַרזיך געמורמלט: אַ שווער לעבן, אַ שווער לעבן.

די זון איז נאָך געשטאַנען הויך אין הימל. פריש־פרילינגדיק געלויכטן, געוואַרמט, און ער האָט זיך משער געווען, אַז ס'מוז איצט זיין אַרום דער דריטער שעה און וועט האָבן גענוג צייט אַרויסצוגיין אין מאַרק. דער שכן וועט אים לייען עטלאַכע דברים. — אָבער וואָס איז היינט געוואָרן מיטן אייזל? וואָס פאַראַ חלאת איז אין אים אַריין? ווידער זיך אָפגעשטעלט און וויל זיך ניט רירן.

ער איז אַרומגעגאַנגען, אים באַקוקט, באַטאַפּט, אויפגעהויבן

איין פוס, אַ צווייטע. אין דער רעכטער פֿאָדערשטער פוס האָט ער געפֿונען אַ קליין שטיינדל אַריינגערוקט טיף אין טראָט. ער האָט מיט פֿאַרזיכט אַרויסבאַקומען דעם שטיינדל, געטראַכט, אַז דאָס האָט געמוזט זיין די סיבה. — אָרימער „נשר״ — און איצט וועט ער שוין גיין. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אָפּגעאָטעמט, ליבלאָך געגלעט דער חיה ביים האַלז און ווייך גערעדט: — איצט „נשר״ וועסטו שוין פֿליען ווי אַ „נשר״.

און איז געווען צופֿרידן פֿון גלייכוואַרט.

דער אייזל איז געוואָרן לעבעדיקער, גענומען מיט צופֿרידנקייט ברייען, אויסגעשטעלט די גרויסע, געלע ציין און גענומען שטעלן אַ שנעלערן טראָט.

שמעון האָט גוטמוטיק גערעדט:

— באַלד „נשר״, וועלן מיר זיין אין דערהיים, וועסט קריגן אַביסל גערשטן. ס׳קומט יום־טוב, וועסט זיך גוט אָפּרוען. דערווייל מוזן מיר זיך איילן. נו, „נשר״, לעבעדיק!

ער האָט זיך אַרויפֿגעזעצט אויפֿן אייזל, אַ דריק געטאָן מיט די באָרוועסע פֿיס אין די זייטן, און דער אייזל איז מונטער געלאָפֿן.

ביים טויער פֿון דוד האָט ער אָראָפּגענידערט פֿון אייזל אָנגעטאָן די שיך און איז אַריינגעפֿאָרן אין שטאָט.

אין שטאָט האָט זיך געטומלט מיטן אָנקום פֿון פּסח. די גאַסן זיינען געווען פֿול מיט אויפֿגעלעבטע דורכגייער: אַלע האָבן זיך אין ערגעץ געצויגן. די מערק זיינען געווען איבערפֿילט מיט קונים. דער ערב־פּסח האָט זיך אַרום געלאָזט שטאַרק שפּירן: ס׳האָט געשמעקט מיט וויין און פֿיש. די קאָשיקעס און וועגענער זיינען געווען פֿול מיט זאַפֿטיק, אויגנגלעטנדיקע גרינס. די קרעמער און די גרינס־פֿאַרקויפֿער האָבן זיגנדיק אָנגעבאָטן צו די קויפֿער זייער סחורה, און זייערע שטימען האָבן אַזוי אָנגענעם פֿאַרן אויער געקלונגען אין דער טרוקענער פֿרילינג־לופֿט, אַז שמעונ׳ען האָט אָנגעכאַפּט אַ חשק צו אַלץ, וואָס איז געווען צו קויפֿן אין מאַרק. געהאַט אַ פֿאַרלאַנג צו אויסזינגען מיט די פֿאַרקויפֿער צוגלייך די נעמען און מקחים פֿון די פֿאַרשיידענע גרינסן און מטעמים. ער איז געוואָרן מוטיקער, געדריקט דעם אייזל שטאַרקער אין די זייטן: — „נשר״, לעבעדיק! מיר׳ן באַלד זיין אין דערהיים.

וואָס ווייטער ער איז אַריינגעקומען אין שטאָט, אַלץ מער האָט

די אויפגעלעבטקייט פון די אייבוואוינער געשטיגן, ס׳האָט גענומען ווערן געדיכטער, און ס׳איז פאַר אים געווען שווער זיך גיכער צו באַוועגן. ער איז אַראָפּ פון אייזל, אים גענומען ביים צאַם און פּאַמעלאַך געפירט צווישן די אַהער־און־אַהין גייענדיקע. פון אַלע זייטן האָבן אַריינגעשטראָמט אין שטאָט מחנות עולה־רגל פון די אַרומיקע געגנטן.

מענטשן האָבן וועגן עפּעס העפטיק גערעדט, זיך געהיצט, געמאַכט מיט די הענט, ס׳האָבן זיך געזאַמלט רעדלאַך אין די ראָגן פון די גאַסן.

ס׳איז שמעונ׳ען אייגעפאַלן: — אַ מרידה, — און האָט זיך גענומען שרעקן. ער האָט פיינט געהאַט מרידות און געשלעגן.

אין טייל שטאָט, וואו ס׳האָט זיך געפונען דאָס רוימישע געריכטס־הויז איז דער געדרענג געוואָרן געדיכטער, און ס׳האָט זיך געמערקט אַ צעוואָרפענע אויפגערעגטקייט צווישן די אויפגערודערטע בירגער. די אַרומיקע גאַסן זיינען געוואָרן פול מיט ניי אָנקומענ־דיקע. ס׳איז געוואָרן אַ שטיקעניש. באַלאָדענע קעמלען און מויל־אייזלען, זיינען געבליבן שטעקן אין מיטן, ניט געקאָנט ווייטער גיין. די טרייבער האָבן זיך געזידלט און געשאָלטן. געשלאָגן די חיות, און אָנגערופן איינע די אַנדערע מיט פאַרביקע צונעמען. די קעמלען, האָבן איבער די קעפּ פון די שפּאַרנדיקע מענטשן, געהויבן הויך די העלזער, געקוקט גלייכגילטיק און כסדר געקייט. די מויל־אייזלען האָבן געברי־קעט מיט די הינטערשטע פיס, אויסגעשטעלט די ציין און געברייעט.

שמעון האָט אַרום זיך געקוקט, געהאַט אַ מינע פון געפינען זיך אין אַ פרעמדע סביבה. ער האָט ניט געוואוסט וואָס ס׳איז עפּעס היינט אַנדערש ווי אַלע טאָג. זיינע אויערן האָבן אויפגעכאַפּט דעם נאָמען, בר־אבא, אַרויסגערעדט פון אַ סך מיילער, און אים איז עפּעס מיטאָמאָל קלאָר געוואָרן, ס׳איז אים אַרויף אויפן זינען אַ בר־אַבאַ, וואָס איז געווען באַשולדיקט אין טויטן אַ רוימישן וואַכמאַן אין אַ געשלעג צווישן רוימישן פּאַטראָל און שטאָטיונגען, ווען בר־אַבאַ האָט אויפגעהעצט דעם המון צו מורד זיין אין רוימישן קייסער. שמעון האָט געטראַכט, אַז ס׳מוז זיין דערזעלביקער בר־אַבאַ. — אָבער, וואָס איז היינט מיט בר־אַבאַ׳ן? ער האָט זיך דערמאָנט אָן מנהג פון רוימישן פּחה צו באַפרייען יעדן ערב־פּסח אַ געפאַנגענעם אויפן פאַרלאַנג פון פאָלק. — אָט־אָ דאָס מוז׳ס זיין דער טומל.

דאָס פאָלק פאַדערט בר־אַבאַ'ס באַפרייאונג... אָבער, וואָס האָט'ס אַ שייכות מיט אים?... ער דאַרף זיך איילן אַהיים העלפן אַריינ־ברענגען דעם יום־טוב. — אוי, "נשר", גיכער, שטעל אַ טראָט!...

ער האָט בדעה געהאַט זיך פאַרנעמען אין אַ זייטיקע גאַס, כדי אויסצומיידן דעם געדראַנג, אָבער ווי ער האָט געווענדט זיין פּנים אַהין, אַזוי האָט פון דאָרט אַרויסגעשטראָמט אַ ליאַרמדיקע מחנה יונגען און אים מיטן אייזל מיטגעשלעפּט. אין דער שפּאַרעניש האָט זיך דער אייזל פון אים אָפּגעריסן, און איז געבליבן מיט אַ שטיק פון צאָם אין האַנט.

ער האָט געשריען:

— מיין אייזל! מיין אייזל!

אומעטום זיינען געווען אויפגערעגטע און הויכשרייענדיקע בירגער: אויף די דעכער, גאַניקעס, אין די טירן, אויף די פּאַרקאַנס, און די גאַס איז געווען געפּאַקט פון וואַנט צו וואַנט.

אַ יונג מיידל מיט ווינטאויפגעבלאָזענע האָר און בליציקע אויגן איז געשטאַנען אויף אַ גאַנאַק און געפלאַמט אירע רייד צו די פאַרזאַמלטע:

— הערט צו מיין שטים, בירגער פון ירושלים. מאַנט אַלע אין איין קול פון פּחה בר־אַבאַ'ן. דער פּחה האָט ניט קיין חשק צו באַפרייען בר־אבאַ'ן. ער האָט מורא פאַר אים. אָבער איר פאָדערט די באַפרייאונג פון בר־אַבאַ'ן! בר־אַבאַ, דער גבור, וואָס איז גרייט זיין בלוט צו פאַרגיסן פאַרן כבוד פון פאָלק ישראל.

— מיין אייזל, מיין אייזל, — האָט שמעון שטיל געיאָמערט.

מחנות קינדער האָבן געפּאַכעט הילצערנע שווערדן, געטרומיי־טערט און געשריען:

בר־אבאַ, בר־אַבאַ! מיר ווילן בר־אַבאַ'ן!

אַ פרעמדע תליה

ביים טורם פון אַנטאָניא איז די ענגשאַפט געוואָרן סכנות'דיק. מ'איז געשטאַנען קעפּ צו קעפּ. פון אַלע זייטן האָבן זיך געטראָגן אויסרופן: באַפריי בר־אַבאַ'ן! גיב אונז בר־אַבאַ'ן!

שמעון איז צוגעשפּאַרט געוואָרן אין אַ וואַנט און האָט גאַרנישט געקאָנט זען. ער האָט זיך געצויגן אין דער הויך אויף די

שפּיץ פינגער, געוואַלט כאַפּן אַ קוק, אָבער מער ווי די האָריקע קעפּ פון זיינע שכנים האָט ער ניט געקאָנט זען. ער האָט געהערט אַ הוזשעדיקן טומל, ווי דער טומל פון אַ שטורמדיקן ים, געהערט אויסרופן און געשרייען און ס'האָט אים מיטאַמאָל אָנגעכאַפּט אַ חשק מיטצושרייען, און האָט גענומען רופן: בר־אַבאַ! בר־אַבאַ! אָבער זיין קול האָט זיך ווייט ניט געטראָגן, געבליבן וואו ער איז געשטאַנען, זיך אָנגעשטויסן אָן עמיצנס אַ פּאַטילניצע. ס'איז אים געוואָרן הייס, און האָט גענומען שפּאַרן מיט די עלנבויגן אין די זייטן: גוואַלד, גוטע מענטשן, איך ווער דערשטיקט, עפנט אַ וועג פאַר מיר!

מיטאַמאָל האָט זיך אַרום אים דערפילט אַ באַוועגונג: דער געדיכטער געזעמל האָט זיך גענומען פאַנאַנדערשיטן ווי ניס פון אַן אויסשיטנדיקן זאַק. אַרום איז געוואָרן שיטערער: מענטשן האָבן גענומען לויפן אין אַלע זייטן. דער פּלאַץ האָט זיך אָפּגעראַמט און האָט געזען אַרויסקומען פון געפּלאַסטערטן געריכט־הויף אַ קאָמפּאַניע באַוואפנטע רוימישע קריגער, וועלכע האָבן גענומען צוטרייבן דעם עולם.

אַלע זיינען געלאָפן, און ער איז אויך געלאָפן. אַ מורא איז אים באַפאַלן.

אַזוי לויפנדיק האָט ער זיך אָן וואָס האַרטס אָנגעשטויסן, געזען אַ פיגור טורעמען איבער אים, געהערט אַ רוי שטים:

— האַלט! וואוהין לויפסטו?...

שטאַרקע הענט האָבן געדריקט זיין אָרעם.

די ערשטע זאַך וואָס ס'איז אים איינגעפאַלן איז געווען, אַז מ'קאָן נאָך אים אָננעמען פאַר אַ מורד במלכות. און זיין האַרץ האָט גענומען זינקען. ער האָט זיך גענומען פאַרענטפערן:

— איך בין ניט שולדיק... איך קום פון פעלד.

די רויע שטים האָט געדונערט:

— קומסט פון פעלד — טראָג!

און צוויי קריגער האָבן עפּעס אַרויפגעלייגט אויף זיין רוקן אַ שווערן ברוש האָלץ.

לעם אים איז געשטאַנען אַ רוימישער עלטסטער, אָן אַ זייט זיינען געשטאַנען נאָך קריגער, און מענטשן אַרום האָבן זיך געשטויסן, געלאָפן. ער האָט געהערט ריידן: ס'איז דער משוגענער

פריידיקער... די אַנדערע צוויי זיינען גנבים... וואָס האָט ער געטאָן ?... מורד געווען אין קעסאַד... מ׳פירט זיי עס צלמ׳ען... וואו איז בר־אבאָ ?.. בר־אַבאָ באַפרייט... דאָס פאָלק האָט אים אַוועקגעטראָגן אויף די הענט...

די זון איז נאָך הויך געשטאַנען אין הימל, שאַרף געלויכטן און ליבלאַך געוואַרמט. שמעון האָט כסדר געפינטלט די אויגן, אויפגע־כאַפּט דעם שיינענדיקן טורם פון געריכטס־הויז, אָפּגעשטעלט אַ ווײַלע זיין קוק דאָרטן, און ס׳אים אויסגעקומען עפּעס אַזוי מאָדנע: וואָס איז׳ס, — אַ חלום ?... ער האָט געזען רוימישע דיגניטאַרן אויפן גאַנאָק, און פון אַלע זייטן זיינען געקומען פרייליכע אויסרופן: בר־אבאָ באַפרייט! בר־אַבאָ ווידער מיט אונז! אַ יונגער מאַן האָט אויפן קול גערעדט צו אַרעדל מענטשן: ביךגער פון ירושלים, בר־אבאָ, דער שרעק פון די געצנדינער איז ווידער מיט אונז. לאָמיר זיך פאַראייניקן און אַרויסטרייבן די אומריינע פון גאָטס־הויז און לאַנד... אינגלאַך האָבן זיך מיט טרומייטעריי געדרייט אונטער די פיס. רוימישע וואַכלייט האָבן געטריבן דעם עולם. אידישע אָנ־געזעענע, כהנים, לויים, עלטסטע פון סנהדרין זיינען אַרויס פון געריכטס־הויף. — און וואָס איז׳ס אַלץ? ווען וועט ער קומען אַהיים? און ווי פריער: דער פסח איז נאָך אינגאַנצן ניט אַריינ־געבראַכט אין הויז, דער אייזל האָט זיך אָפּגעריסן און דאָס ווייב וועט נאָגן און שילטן. דערצו דריקט אַ משא זיין רוקן, — אַ פרעמדע תליה.

אַ רוי שטים האָט אים באַפוילן צו גיין, — און איז געגאַנגען. פריער פאַר אים איז אין דער קרים געגאַנגען אַ מאָדנער שאָטן: דער שאָטן פון אַ מענטש מיט פאַנאַנדערגעשפּרייטע הענט.

דער וועג איז געווען אַ שווערער, אַ שטיינער און דערנערדיקער, אַרויף באַרג. ער איז געגאַנגען צווישן רוימישע קריגער און דריי פאַר׳משפּט׳ע, — דריי אומגליקלאַכע, שווער טרעטנדיקע. צוויי, מער שטאַרקערע האָבן אויף זייערע רוקנס געטראָגן זייערע אייגענע תליות. איינער ווּעמענס תליה ער האָט אויף זיך געשלעפּט האָט זיך קאָם אויף די פיס געהאַלטן געווען נידערשלאָגן, אָפּגעשוואַכט פון די ריטערשמיץ, וואָס ער האָט באַקומען. די קליידער אינגאַנצן צעריסן און שטיקער לייב האָבן זיך אַרויסגעזען. אויפן מאָגערן נאַקן און ברוסט זיינען געווען קאָנטיק רויטע פאַסן. די ליפּן זיינען געווען

האַרט פון פאַרטריקנט בלוט. די האָר, פון זון אָפּגעקראָכן, האָבן אין טרוקענע, קאַלטונעוואַטע פּרענזן איינגעפראַמט אַ צעקיילטן און צעביילטן פּנים, זיך געקלעפּט אַרום קאַלטשווייסיקן שטערן. די אויגן אַנטצונדענע ווי פון ניט שלאָפן, האָבן געשמאַרצט, געקוקט פאַר זיך, געזשמורעט. און ס'איז געווען: געזען און ניט געזען, — און דער טאָג איז עפּעס אַזאַ לאַנגער, אַזוי פול מיט שאַרפ'ס ליכט, און ס'זשומעט עפּעס כסדר, און די שאָטנס לאַנגלאַכע ציען זיך באַלכסון...

שמעון איש־קוריני האָט פון אונטן אַרויף געקוקט אויפן מאַן, וועמעס תליה ער האָט אויף זיין רוקן געטראָגן און אַ געפיל פון רחמנות האָט גענומען ווייך מאַכן זיין האַרץ: מ'פירט דאָך זיי צו דער תליה. פאַר זיי וועט שוין מער קיין פסח ניט זיין.

ער האָט זיך דערנענטערט צום מאַן:

— גוטער מענטש, וואָס פאַראַ שולד האָט מען אויף דיר געפונען?

דער, וועמען ער האָט'ס געפרעגט, האָט ניט צוגענומען זיינע אויגן פון אָרט וואוהין זיי האָבן געקוקט: — דאָרטן אַזאַ פינטלדיקע בלויקייט, געשטערט פון איינצעלנע, שטילוויגנדיקע פאַלמען. עפּעס אַזאַ זשומעניש, און דער טאָג אַזאַ לאַנגער... ווען איז ער הייַנט אויפגעשטאַנען?... אימעצער פרעגט אים וואָס פאַראַ שולד מ'האָט אויף אים געפונען"... שולד, שולד, שולד. — וואָס איז שולד? און ס'איז אים געווען אַזוי פרעמד און וייט.

— האָסט געמאָרדעט אַ מענטשן?

דאָרטן אַן איינזאַמע פאַלמע, — אַזוי איינזאַם און פאַרלאָזן... שטייט און שטייט, אייביק הימל איבער זיך. — „געמאָרדעט אַ מענטשן". זיינע ליפּן האָבן זיך קאָם באַוועגט.

— געמאָרדעט אַ מענטשן. ס'שטייט געשריבן: לא תרצח...

— טאָ וואָרום האָט מען דיך פאַר'משפּט?

און פאַרוואָס האָט מען אים פאַר'משפּט? ער האָט געקוקט פאַר זיך, געזשמורעט די אויגן. — און די אויגנדעקלאָך זיינען אַזוי קלעפּיק־שווער, און ס'שמאַרצט. ס'איז אים געווען, ווי ער וואָלט גאָר קיינמאָל ניט געשלאָפן... רוען...

שמעונ'ען איז איינגעפאַלן, אַז ער מוז זיין אַן איש־הרוח: — די אויגן זיינע זיינען אַזוינע ליידיקע, ער האָט געפרעגט:

— ווער ביזטו, גוטער מענטש?

ווער איז ער? ווער איז ער?... און אַן ענטפער איז געקומען ווי פון אַ טיפן הייל:

— איך בין ישוע, יוסף דעם סטאָלער׳ס זון פון נצרת, — קעניג פון די אידן...

ביי שמעון׳ען איז איצט גאָר קיין ספק ניט געווען, אַז דער אומגליקלאַכער מוז זיין גערירט פון זינען, און האָט אויף אים נאָך מער רחמנות געהאַט. ער האָט געפרעגט:

— ווער זיינען די אַנדערע צוויי?

— כ׳ווייס ניט.

— רויבער? און דו ביזט ניט קיין רויבער?

— איך בין קעגן די רויבער פון פאָלק.

שמעון האָט אים פון אונטער זיין משא אָנגעקוקט: — וואָס רעדט ער? איינגעזען, אַז ס׳איז קיין פעולה ניט. דער פאַר׳משפט׳ער איז משוגע.

און דער, וועמעס תליה ער האָט אויף זיין רוקן געטראָגן, האָט קאָם געשלעפּט די צעוואונדעטע פיס, געקוקט פאַר זיך: געזען און ניט געזען, געפילט און ניט געפילט: — אַ פאַלמע, אַן איינזאַמע פאַלמע, און דאָס ליכט איז עפּעס אַזאַ שאַרפס, דער טאָג אַזאַ לאַנגער...

די תליה האָט שווער געדריקט שמעון׳ס רוקן. דער וועג איז געווען אַ שטיינער און דער־נערדיקער. יעדע עטלאַכע טריט האָבן זיך זיינע פיס אָנגעשלאָגן אָן שטיינער, זיך פאַרטשעפּעט אָן דערנער און האָט אויף זיך אַליין געגנומען רחמנות האָבן: אַזאַ שווער לעבן. שטענדיק אַרבעט ער ווי אַן אייזל אין הויז און אין פעלד און צום סוף דאַרף ער נאָך אויף זיך שלעפּן אַ פרעמדע תליה... און גאָד ערב־פּסח דאַרף זיכ׳ס מיט אים טרעפן... און וואו איז איצט „בשר״? גאָט ווייסט צי ער וועט זיך גאָר אָפּזוכן? און דער פּסח איז נאָך אין הויז ניט אַריינגעבראַכט. ס׳ווערט שפּעט. די זון רוקט זיך אַלץ מער צו מערב, און דאָס ווייב וועט נאָגן און שילטן...

אין דער ווייט האָט זיך אויפגעהויבן די קאַלטע הויכקייט פון גלגלתא. ווייסע קאַלכדיקע לאַטעס ווי די פליאַמעס פון אַ מצורע האָבן זיך העסלאַך געוויסט אַנטקעגן דער מערב־נויגנדיקער זון. די פיס פון דער רוימישער וואַך האָבן ריטמיש געטראָטן איבער האַרטן

וועג. זייערע שטימען האָבן פרעך און רוי געקלונגען. זיי האָבן גערעדט וועגן זונות און וויין.

אָוונט — דריי תּליות

די פּראָצעסיע האָט דערגרייכט דעם הינריכטס־פּלאַץ.

שמעון האָט קוים דערלעבט אַראָפּצואוואַרפן פון זיך די משא. ער איז געווען מיד און צעבראָכן. געהאַט אַ בּרענענדיקן פאַרלאַנג צו לויפן פון דעם פאַרפלוכטן אָרט, אָבער זיין האַרץ איז געווען שוואַך, די פיס שווער. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטיין אָפּצורוען.

ער האָט געווישט דעם שווייס פון פּנים, געווען אין גאַנצן געליימט. ס׳איז אים פונדעסטוועגן איינגעפאַלן, אַז אים איז דאָך בעסער פון די פאַר׳משפּט׳ע און געדאַנקט גאָט.

די רוימישע וואַך האָט געטריבן די עטלאַכע נייגעריקע, זיך גענומען איינגראָבן די תּליות, דערביי געלאַכט, געשפּאַט און געזונקען לאַגער־לידער.

אָן אַזייט פון דער וויטן איז געשטאַנען אַ פאַרהילטע פרוי, דער קאָפּ אַראָפּגעהאנגען, ווי אין געבעט, און געטרויערט.

שמעון האָט אויף איר געקוקט, געטראַכט: אַ מאַמע, אַ שוועס־טער, אַ געליבטע.

ס׳איז אים אַרויף אויפן זינען דער אייזל, דאָס ווייב און דער אַנקומענדיקער סדר. און ער איז אָבער אַזוי וויט פון דעם אַלעם: זיצט אויף אַ קאַלכיקן באַרג... חלום...

די זון האָט זיך מיטאַמאָל אין ערגעץ אַראָפּגעלאָזן, פאַרפאַלן געוואָרן היגטער די בערג. ס׳איז געוואָרן טונקל און קאַלט.

שאָטנדיקע פיגורן האָבן זיך גע׳עסק׳ט אַרום די דריי אויפגע־שטעלטע תּליות, — און די פאַרהילטע פרוי אָן דער זייט האָט שטיל געוויינט.

די דריי פאַר׳משפּט׳ע זיינען געווען גענאַגלט צו די תּליות און דאָס יסורים׳דיקע קרעכטשן האָט אוממענטשלאַך געהילכט אין דער בערגיקער ליידיגקייט.

די פרוי האָט שטיל געיאָמערט:

— דאָס ליכט פון די אויגן אויסגעלאָשן. די זון פון טאָג פאַרשוואונדן. וויי צו דער מוטער וואָס האָט דיר געבאָרן, וויי צו דער געליבטער, וואָס האָט דיינע פיס געשוואָשן.

און דער וואָס איז געווען געגאָגלט צו דער תליה איז געווען אויפגעשרימפּן פון טויזנטע ווייטאָקן. זיינע אויגן, בלוט פאַרלאָפן, האָבן געקוקט, זיך געשפּאַרט אַרויס, געזען אַ גרויסע קיילאָכדיקע ראָד — די לבנה... אָך, אָך, מיין גאָט!...

שמעון האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח, זיך אויסגעדרייט, אויסגעגלייכט דעם רוקן, אַ קוק געטאָן אַרום.

דריי תליות: — שוואַרצע סילועטן קעגן אַ פאַרנאַכטיקן הינטערגרונט.

און אַרום איז געווען טויט און וויסט. די קאַלכיקע לאַטעס פון גלגלתאָ׳ס הויכקייט, האָבן ווי די פלאַמעס פון מצורע זיך געווייסט מיט טויטער בלייכקייט אין דער פרומער פרידלאַכקייט פון פרילינג אָוונט. דער זוים ביים מערב־הימל האָט נאָך געגלימערט אין אַ פאַרצערנדיקער רויטקייט. צו מזרח האָט די פולע געלבלאַכע לבנה זיך פלאַך געקלעפּט צו דער סאַמעט גלאַטקייט פון בלייכוועדנדיקן הימל, געהאַנגען מיט דער גלייכגילטיקייט פון שטומער באַשטענדיקייט: — און וואָס דרייען זיך אונטן אַרום די מילבן?... אין דער הויך איבער די קעפּ האָבן זיך געדרייט שוואַרצע פויגל, זיך געדרייט און געדרייט, געקוקט אַראָפּ: — און עפּעס גרייטן זיי פאַר אונז אונטן צו.

די איינגעהילטע פרוי האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פון דער הויכקייט, דער קאָפּ געניידערט אויף דער ברוסט. זי איז געגאַנגען ווי אין שלאָף, צו זיך וואָס געגעדט, און שמעונ׳ען האָט זיך נאָך אַלץ געטראַכט: אַ מאַמע, אַ שוועסטער, אַ געליבטע.

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פון באַרג. געגומען גיכער גיין. די פיס זיינען נאָך אַלץ געווען שווער. דער רוקן האָט געווייטאָגט, דערצו נאָך האָט אַ שווערע דאגה געדריקט זיין האַרץ: אין הויז איז נאָך דער פסח ניט אַריינגעבראַכט, דער אייזל האָט זיך פאַרלאָרן, און דאָס ווייב וועט נאָגן און שילטן.

די גאַסן פון ירושלים זיינען געווען פאַרלאָזן. אַלע זיינען געזעסן ביי די סדרים.

PIETA

1

אָפט: — דער געדאַנק וועגן טויט
ווי אַ פליג אין האַרבסט
טשעפּעט זיך אָן און לאָזט ניט אָפּ.

אין מיטען פון כסדר׳דיקן אויפגערעגטן טומל אין קאַפע־הויז, האָט דער זשורנאַליסט גאָרדאָן, אַ מאַן ביי די ברעגן פון די פערציקער, באַטראַכט מיט אַ אומצופרידענע מינע דעם לאַנגן זייל אויסגערעכנטע מאכלים אויף דער שפּייזקאַרט, געקוקט מיט ליידיקע אויגן און זיך ניט געקאָנט באַשליסן וואָס אויסצוקלייבן: ווי ס׳איז תמיד דער פאַל ווען ס׳איז דאָ פון וואָס צו קלייבן. צום סוף האָבן אויג און ווילן זיך גלייך אָפּגעשטעלט אויף אַ מאכל און ער האָט אין מחשבה אַ וואָרטשע געטאָן: זאָל שוין זיין דאָס. וואָס קאָן מען העלפן? און פונדעסטוועגן מיט דערעסלאַכקייט געטראַכט, אַז אַלץ דאָ אין דעם רעסטאָראַן איז ווי אין אַ צייטונג: שטענדיק דיזעלביקע שטאָף. טאָג איין, טאָג אויס דיזעלביקע פּאָטראַוועס, — ס׳איז גאָר קיין סוף ניטאָ! ער האָט מיט ברוגז׳ער מינע אַוועקגערוקט די שפּייזקאַרט און מיט די אויגן גענומען זוכן דעם קעלנער:

— אַדאָלף!

דערווייל האָט ער אויפגעכאַפּט שטיקלאַך געשפּרעכן פון די אַרומיקע טישלאַך. אַ הייזעריקע שטים פון זשורנאַליסט ב. האָט העפטיק גערעדט עפּעס וועגן אַ ״קאָלאָסאַלן״ פּאַראַט. און די שטים האָט זיך געקאָכט, געריסן אומאנגענעם אין אַלע ריכטונגען. גאָרדאָן האָט אַ שמייכל געטאָן: ער קאָכט זיך שוין ווידער. אויב ס׳וועט אַזוי אָנהאַלטן וועט ער זיך אין גאַנצן אויסקאָכן. דערווייל האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף שרייבן אַן אַרטיקל וועגן די סיבות פון איצטיקער מלחמה, און ס׳איז אים געוואָרן אַזוי קאַלעמוטנע אויפן האַרצן.

מיטאַמאָל האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ביים טישל, הינטער

אים, האָט עמיצער געזאָגט „געשטאָרבן” און דערביי דערמאָנט אַ באַקאַנטן נאָמען. באַלד האָט ער דייטלאַך געהערט, ווי אַ צווייטער האָט זיך גע׳חידוש׳ט: געשטאָרבן: און גאָרדאָן האָט געהאַט אַן איינדרוק, אַז ער זעט יענעמס פּנים, — אַ פּנים, וואָס מערסטע מענטשן קריגן, ווען זיי הערן, אַז אַ באַקאַנטער איז פּלוצים געשטאָרבן. ער האָט זיך אַ קער געטאָן צום צווייטן טישל:

— ווער זאָגסטו איז געשטאָרבן?

אַ איינגערער קאָלעגע מיט אַן אומעטיקן פּנים האָט ווי ניט ווילנדיק אַ זאָג געטאָן:

— גרישאָוו דער מאָלער.

— גרישאָוו? וואָס איז אים געווען?!

— אַ קראַנק האַרץ.

— אַ קראַנק האַרץ? — און ס׳האָט אים עפּעס אין ערגעץ אַ צי געטאָן, די ליפּן האָבן גענומען טריקענען און די אויגן האָבן צעמישט געקוקט, ווייל לעצטנס האָט זיך אים גענומען אויסדאַכטן, אַז זיין האַרץ איז עפּעס ניט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, כאָטש זיין פּריינט דער דאָקטאָר האָט זיך פון אים אויסגעלאַכט און זיך געוואונטשן צו האָבן אַזאַ האַרץ. ער האָט אַ צעטומלטער זיך צוגעהערט, וואָס מ׳האָט וועגן דעם פאַל דערציילט, דערנאָך אַרויסגעזאָגט אַ פּאָר פּלאַכע באַמערקונגען, וואָס מענטשן פאַרגינען זיך צו פריי לאָזן אין אַזאַ פאַל און זיך געווענדט צום קומענדיקן קעלנער:

— קאָלבס־בראָטן!

— פאַרשפּייז, מיסטער גאָרדאָן?

— נאָ! — האָט ער אַ זאָג געטאָן, און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער „נאָ” איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן צו האַרט און שטרענג.

— אַ שאָד, אַ שאָד, נאָך אַ יונגער מענטש געווען — האָט ער דערנאָך געהאַלטן אין איין טענה׳ן.

אין דער צייט, וואָס ער האָט זיך ברייטלאַך מכין געווען פאַר דעם פאַרשטייענדיקן מאָלצייט האָט עפּעס אַן אומצופרידנקייט אין אים גענומען זיך אַנטוויקלען. דער פריערדיקער שאַרפער אַפּעטיט האָט גענומען שוואַכער ווערן, און איז צום סוף געבליבן זיצן אַ ליידיקער און זויערער. ס׳איז אים וואָס אָפּגעגאַנגען, און זיין אומצופרידנקייט איז געשטיגן אויף אַזוי ווייט, אַז ס׳איז אים ניט

געפעלן געוואָרן דער חלק פלייש און האָט צערייצט געוואָרטשעט: וואָס פאַרא חלקים זיי גיבן — אַ חרפּה! דערביי איז זיין קוק געפאַלן אויפן באַלעבאָס ביים רעגיסטער, און דערפילט אַ ווידערווילן צום טעמפּקוקנדיקן. דערהויפּט האָט אים גערייצט ביז שלונג אין מויל, די גלאַטע, פריש־ראַזירטע מאָרדע. ער האָט געוואָרטשעט: אַזאַ ממזר. מקחים נעמט ער גוטע און עסן גיט ער קדחת. דערנאָך איז אים ניט געפעלן געוואָרן דער טעם פון די פלייש: צופיל געפעפערט, צופיל פּאַפּריקאַ, און ס'איז אים איינגעפאַלן אַז ס'מוז זיין ניט קיין פרישע פלייש. ער האָט דערנענטערט די נאָז צום חלק.

— אַדאָלף!

דער קעלנער איז צוגעקומען.

— עס, מיסטער גאָרדאָן.

— נעם צו די פלייש!

— וואָס איז דער מער מיט די פלייש?

— אַזוינע פלייש גיט מען ניט קיין מענטשן — סם! נעם צו, וואָס קוקסטו?!

נאָכדעם, ווי אַדאָלף האָט צוגענומען דעם חלק פלייש האָט אים גענומען פאַרדריסן, וואָס ער האָט זיך אַזוי אויפגערעגט און געמאַכט אַ סצענע. — ס'איז וואולגאַר. דער סימן פון העכערער אינטעליגענץ איז אַ באַלאַנסירטער געמיט — האָט זיך ביי אים אין קאָפּ אויסגעשמידט אַ פּסוק. — אין דער אמת'ן, וואָס האָט ער זיך גע'כעס'ט? און וואָס איז אַדאָלף שולדיק? און אגב קאָן גאָר זיין, אַז דאָס פלייש איז זייער גוט. ס'האָט אויסגעזען גאַנץ שיין און באַ'טעמ'ט. וואָס טאַקע אין דער אמת'ן? וואָס האָט ער זיך אַזוי אויפגערעגט? און ביי אים איז געבליבן צו באַגעגענען אַדאָלפ'ן מיט אַ פריינטלאַכן שמייכל, מאַכן אַ וויץ פון גאַנצן עסק און עסן וואָס ער וועט געבן... און טאַקע, וואָס פאַרא ווערן מ'מאַכט'ס פון אַזוינע זאַכן?!... סיי־ווי סיי שטאַרבט מען. אַט דער מאָלער, — אַ שאָד, אַ שאָד, נאָך אַ גאַנץ יונגער מענטש געווען.

דאָס טאָגליכט, געמישט מיט די פייערן, געקומען פון די ווייספאַרצעלייענע בעקנס פון די הענגלאַמפּן, איז געווען אַ בלייכס, אַ מילכיקס, דערמאָנט אָן ליכט וואָס שלאָגט זיך דורך פאַרפראָרענע שויבן. ס'האָט זיך אים, גאָט ווייסט פאַרוואָס, דערמאָנט דער בראָם פון אַלטהיימישן בית־עולם, דערשפּירט דעם נאָזיקצלדיקן ריח פון

געטריקנטן גראָז און ס׳איז אים געוואָרן ענג. אָן אומעט האָט אים אַרומגעכאַפּט, אים אַריינגעבראַכט אין אַ קלעפּיקער, כמורנער שטימונג. ער האָט פֿאַרטראַכט געקוקט דורכן פענצטער אין דרויסן, געזען מענטשן פֿאַרבייגיין, געזען די ברודיגע ווענט פֿון דער אַנדער זייט גאַס, און ס׳איז אים אויסגעקומען אַזוי פרעמד און ווייט, — און פֿאַרסט און פֿאַרסט אין געדיכטער גרויקייט. וואוהין?...

און אום צו פֿאַרטרייבן אָן אַנטשעפּנדיקע מרה־שחורה האָט ער גענומען טראַכטן וועגן פרייליכע און אויסגעלאַסענע זאַכן, — און וואָס איז דער אונטערשיד?! — האָט ער וואוילעריש אַ טראַכט געטאָן, — סיי־ווי־סיי שטאַרבט מען!...

און ווידער איז אים אַרויף אויפֿן געדאַנק דער מאָלער און ס׳איז אים באַפאַלן אַזאַ ניט ניחא׳דיקע אַפּאַטיע, און ס׳איז אים געווען ווי צו פרעגן: צו וואָס דאַרפֿן באַקאַנטע שטאַרבן? ער׳ט נאָך דאַרפֿן גיין צו דער לויה. געוועזן אַן עלנטער מענטש. — אַ געפיל פֿון רחמנות האָט אים געשטיקט, זיך דערפון געשעמט: וואָס איז מיט אים היינט?! ער האָט זיך מיטאַמאָל אַ הויב געטאָן, גערופן:

— אַדאָלף, וואָס צאָל איך?! — און האָט גדלות׳דיק פֿאַרטיפט די האַנט אין הויזן טאַש.

.2

אַדרעסן: יעדער אַדרעס
ווי יעדע גאַס האָט תמיד
וואָס באַזונדערס צו דערציילן.

פֿאַרנאַכט איז אים באַפאַלן אַ נאָגנדיקע אומעט. אַלץ האָט פֿאַר אים געשיינט צו זיין גרוי און ליידיק. און נאָך מער איז דער העס־לאַכער אומעט געוואָרן בולט׳ער דערמיט, וואָס דער אָוונט האָט פֿאַרשפּראָכן צו זיין אַ שיינער: דער הימל קלאָר, מיט פרומע בורשטינענע ברעגן. אָן אנגענעמער אומשולד האָט זיך אַרום דעם פֿאַרנאַכט געפילט, ס׳איז געווען ווי אַלע פֿאַרליבטע פּאָול און ווירגיניאַס וואָלטן זיך אָט אין דעם אָוונט־דעמער געטוליעט איינע צו די אַנדערע. — אָבער ער?

ער האָט געקוקט פֿאַרטראַכט פֿונם פענצטער אין פּערל־גרוי פֿון דרויסן און פֿאַר קיין פֿאַל ניט געקאָנט אויפֿכאַפּן די תמימות־

דיקע זויבערקייט פון פרידלאַכן פאַרנאַכט. אין אים האָט זיך באַזעצט אַ נאָגנדיקער באַגער. ס׳האָט אים געצויגן, געמאָנט. ער האָט געבענקט נאָך דער קעצישער ביוגיגקייט און ווייכקייט פון פרוי, און ס׳איז אים אויסגעקומען ווי רעזעגנירט צו פרעגן: און וואָס טאַקע איז דאָס גאַנצע לעבן אויב ניט אַ שפּאַציר פון איין פרוי צו אַ צווייטער? און מיט אַ וואונק אויף מזרח־ווייזהייט ווייטער געטריבן: און איז ניט יעדע פרוי ווי מיילשטיין, וואָס צייגט, אין אַ געוויסן זין, וויפיל מ׳איז אָפּגעגאַנגען און וויפיל מ׳האָט נאָך צו גיין? און ביים סוף? — גרויע ליידיגקייט! אַט דער מאָלער...

ס׳איז אים געוואָרן טרויעריק אויפן האַרצן און געזוכט אין געדאַנק אַ פּסוק וואָס זאָל שטימען מיט זיין געמיט, געפונען אַ לאַטייניש, וואָס אַלע באַנוצן זיך מיט דעם אין אַ נויטפאַל און האָט דעקלאַמאַטאָריש אַרויסגעזאָגט: „וויטא ברעוויס, לאָנגאַ אַרס"... יע, יע אַזוי איז׳ס: דאָס לעבן איז קורץ, אָבער די קונסט — אייביק... מלחמה, ווען אָבער קונסט וואָלט די וועלט רעגירט וואָלט דאָך קיינמאָל קיין מלחמה ניט געווען... די פאַרפלוכטע פּאָליטישנס!...

און איז געוואָרן אויף אימעצן אָנגעשטויסן.

און דער סוף זומער פאַרנאַכט? — און וואָס טוט מען אין אַזאַ אָוונט?

גראָד האָט ער געהאַט פיל ערטער וואוהין צו גיין: עטלאַכע באַלעבאַטישע הייזער, אַ פּאָר מיידלשע צימערן, זען פריינט, אָבער ס׳איז אַלץ ניט דאָ נאָך וואָס ער האָט מיט לייב און זעל געבענקט. ער האָט געוואוסט, אַז אין די באַלעבאַטישע הייזער וועט ער דאַרפן היטן שטאַט און דערצו זיך לאַנגווייליקן: מ׳וועט דאָרט מיט פלאַכן אָנשטעל באַטרייבן הויך־פּאָליטיק, מ׳וועט מיט די אַלגעמיינסטע פראַזן פאַרדאַמען היטלער און סטאַלינ׳ען. די מיטליאָריקע געפאַרבטע ווייבער וועלן זיין אפעקטירט ווי אַ זונפאַרגאַנג אויף די געפאַרבטע פּאָסטקאַרטן פון דער שווייץ, וועלן מיט פאַלשן שמייכל און ציין פאַרקונדיקן און אויך פאַרדעקן זייער געשלעכט באַגער, וועלן ריידן אַזוי גלח׳יש וועגן יושר און שלום, און מאַדאַם גרינוואַלד וועט אַזוי אָנגעגריפן אַ זאָג טאָן: „איזנט וואָר טעריבל?"... און וואָס איז אייגנטלאַך קריג? מ׳שטאַרבט „האָלסייל" פאַר דער צייט. אָבער אין דער אמת׳ן שטאַרבט מען דאָך איינציקווייס: יעדער איינער

שטאַרבט פאַר זיך. — אַט דער מאָלער! פאַר אים האָט זיך שוין די מלחמה געענדיקט... אָבער וואָס האָט׳ס זיך אָן אים אָנגעטשעפּעט?! און טאַקע וואוהין זאָל ער גיין? זען אַ פּאָר מיידלאַך... אָבער ס׳איז ניט דאָס. אַ טייל איז פונ׳ם מין, וואָס לויפט מיט אימפּעט צו אַלע סימפאָנישע קאָנצערטן, דערהויפּט ווען טאָסקאניני דיריגירט. אַנדערע לויפן צו לעקציעס וועגן פּסיכאָ־אַנאַליז און אין קינאָ נאָר דעמאָלט ווען ס׳ווערט געשפּילט אַ „פּראָדוקציע” מיט אַן אָנצוהערעניש אויף יודזשין אָ׳ניעלס סעקס־פּסיכאָלאָגיע. אַנדערע זיינען פון סאָרט וואָס בענקען נאָך ציגיינערשן ראָמאַנטיזם: גרייט צו פאַרליבן זיך אין יעדן מאַנדאָלין־שפּילער, שוך־פּוצער אויב ער איז אַ טיפער ברונעט. און גאָר אַנדערע: טרינקען, רויכערן און זידלען זיך ווי דריט־טערמיניקע פעלדפעבלס... ניין, ניט דאָס וויל ער... אפשר גיין זען אַ „פּאַיט”?

ער האָט גענומען די אָוונט־צייטונג, אויפגעמישט די ספּאָרט־אָפּטיילונג, געקוקט און ס׳איז אים ניט געפעלן געוואָרן דער „ביל”: דריטקלאַסיקע באָקסער, — און אגב גלוסט זיך אים וואָס אַנדערש.

ער האָט אַרויסגענומען פון די קעשענעס אַלע קאַרטלאַך, שטיקלאַך פּאַפּיר, אויף וועלכע ס׳זיינען געווען פאַרשריבן אַדרעסן, טעלעפאָן־נומערן. ס׳איז געווען אַ טשיקאַווע זאַמלונג. אויף די שטיקלאַך פּאַפּיר זיינען געווען פאַרשריבן אַדרעסן פון וועלכע ער האָט גאָרניט געוואוסט, זיך פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט דערמאָנען ווער ס׳האָט אים זיי געגעבן. דורכגייענדיק מיט די אויגן די פאַרשיידענע נעמען האָט ער געהאַט איין צוועק, און דאָס איז געווען צו געפינען אַ געוויסן אַדרעס, כאָטש ער איז מער ווי דריי חלקים געווען זיכער, אַז ער וועט אים ניט אָפּזוכן, — ווייל דאָס רוב געפינט מ׳ניט וואָס מ׳זוכט. ער איז צוגעקומען צום אַלמער, אַרויסגענומען די פּאַפּירלאַך פון אַן אַנדער אָנצוג, אַזוינס וועלכן ער האָט שוין לאַנג ניט געטראָגן, און גענומען זיי דורכקוקן. מיטאַמאָל זיינען זיינע אויגן גרעסער געוואָרן: קאָן ס׳זיין? ער האָט געלייענט: נעלי פּאַרקער. און דער נאָמען איז געווען באַגלייט מיט אַ נומער פון אַ גאַס, ערגעץ אין מערב זייט פון שטאָט. ער האָט זיך דערפרייט.

באַלד אָבער איז זיין געמיט געפאַלן. ער איז שוין דאָרטן ניט געווען אַזאַ לאַנגע צייט און ווער ווייסט צי זי איז נאָך דאָרטן. זיי זיינען דאָך ווי די בושאָלס: פון צפון צו דרום און צוריק. ס׳האָט אים באַנג געטאָן, וואָס ער האָט דעם טעלעפאָן נומער ניט פאַרשריבן,

זיך פֿאַרוואורף געמאַכט, וואָס ער טוט קיינמאָל אַ זאַך ניט ווי געהער־ריק. אַלע לײַטישע מענטשן האָבן ביכלאַך, וואו אַלץ איז אַזוי פּינקט־לאַך און געגוי פֿאַרצייכנט — און ער? ער האָט געזיפֿצט: איך וועל שוין אַזוי פֿאַרבלײַבן אַ שלים־מזל!...

דערנאָך האָט ער זיך אײַנגעוואַשן, פֿאַרפּוצט, געקוקט אין שפּיגל, געווען מיטזיך צופֿרידן און אַזוינער איז ער אַרויס פֿון צימער.

ציילנדיק די טרעפּ ווי זיין שטייגער, איז ער דאָס מאָל געבליבן ביי דרייצן, ווייל אין דער רגע איז אים אַרויף אויפֿ'ן זינען וואָס דער מאָלער איז געשטאָרבן. ס'איז אים געוואָרן קאַלעמוטנע אויפֿ'ן האַרצן און ביי אים אין קאָפּ האָט זיך צונויפגעקניפּט די צאָל דרייצן מיט טויט, און איז געוואָרן סתם אין דער וועלט אַריין אין כעס: — ווהאָט אַ העל! געשטאָרבן, געשטאָרבן! נו, איז וואָס? ווער שטאַרבט דען ניט?!...

אין דרויסן האָט ער געקוקט אויף דער לענג פֿון דער עוועניו און ס'האָט אים געשווינדלט אין די אויגן, געהאַט אַן אײַנדרוק פֿון אַ כסדר אין לופֿטן שוועבנדיקן רויטס, געהערט אַ הוזשעריי, געזען אַ סך דורכגייער, שוואַרצע, גלאַנציקע אויטאָמאָבילן און אַ טונקל בלויען פּאַס הימל איבער דעם אַלעם. ער האָט געקוקט אויף די אויפֿגעלעבטע מענטשן, געהאַט אַ געפֿיל פֿון ווייטס און פֿרעמדס, — און באַלד וועט ער זיך אַרײַנוואַרפֿן אין פֿליסנדיקן שטראָם און ווערן אַן אומבאַדייטנדער דורכגייער.

ער האָט מיט קינדערשן נײַגער געקוקט אויף די זאַפֿטיק רויטע נעאָן־פֿײַערן פֿון די שילדן, אויפֿגעכאַפּט אויפֿן מערבֿ־הימל דעם לעצטן גלימער פֿון בלײַכוועררנדיקן פּפֿור, אַ טראַכט געטאָן, אַז אין קאַליפֿאָרניע איז נאָך פֿיר שטונדע צו אָוונט און זיך געלאָזט גיין מיט דער עוועניו.

3.

אָפּט: — טיען, אַלטע הײַזער
טיפֿע סודות, פֿאַרגעסענע
בילדער ברענגען דערמאָנונגען.

ער איז אַרײַן אין אַ בלאָק דורך פֿון ברוינשטיין הײַזער: — אַלע פֿון איין שניט, אַלע פֿאַרזאָרגט מיט הויכע שטײַנערנע גאַניקעס, אויסגעשטעלט ווי צו אַ פּאַראַד. ביים אַרויפֿגאַנג צו די מערסטע פֿון

גאַניקעס האָבן אַזוי פרידלאַך געררוט ברוינע לייבן ומיט די פאָדערשטע לאַפּעס אַרויסגעשטעקט אויף פראַנט, די מײַלער ברייט געעפנט ווי צו כאַפּן פליגן, און אַזוי אַרום מיט זייער פאַרשלאָפענער געמיטלאַכקייט געלונגען פאַרגעשטעלט דעם נביא׳ס וויזיע. ביי אַנדערע גאַניקעס האָבן גאַסלאָמפּן, שאַרף אונטערגעשטראָכן די אומהאַרמאָנישקייט. אינם בלאָק האָט זיך שטאַרק געשפּירט דער גייסט פון שטרענג־פּריוואַט: קיין דורכגייער און קינדער. די שטילקייט איז געווען אַן אויפאַלנדיקע, אַרויפגעבראַכט אויפן זינען אַזוינס, וואָס אָטעמט מיט קאָנספּיראַציע און געזעץ־איבערטרעט. וואו ניט וואו האָבן אייזערנע טויערלאַך פון די גרונט־וואוינונגען געסקריפּעט, זיך געעפנט, פאַרמאַכט און ווידער שטיל. דורכן לענג פון בלאָק האָט מען געקאָנט זען ווי דאָ־און־דאָרט פירט אָ פרוי מיט צעפּודלטע בלאָנדע האָר אַ הינטל אויף אַ רימען.

ער איז צוגעקומען צו אַ הויז, באַטראַכט אַ פּריער מיט אַ שמייכל דעם פאַרשלאָפענעם, געגנצדיקן לייב, באַקומען אַ פאַרלאַנג אַרײַנצוטאָן די האַנט אין געעפנטן מויל, דערביי אַ טראַכט געטאָן: ווען ס׳געשעט, אַז דער לייב ווערט פּלוצים לעבעדיק און... טשי־קאַווע, וואָס קאָן זיך אַמאָל טראַכטן. דערנאָך האָט ער פאַרגליכן דעם נומער איבערן טיר מיט דעם אויפן פּאַפּירל. ס׳האָט געשטימט. ער האָט אַזוי פאַמעלאַכדיק באַשטיגן די טרעפּ און ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז מענטשן קאָנען זיין ווערדעדיקער און אַפילו גראַציעזער ביים אַראָפּגיין ווי ביים אַרויפגיין. ער איז אַריין אין פאַרשטיבל, גענומען זוכן די נעמען אונטער די בריוועקסטלאַך. זיין האַרץ האָט זיך אַ ריר געטאָן: — נעלי פאַרקער.

ער האָט העפּטיק געדריקט דעם קנעפּל אונטער איר נאָמען, באַלד געהערט דאָס טיקן פון טיר־שלאָס, אַ טראַכט געטאָן, אַז ער האָט נאָך מזל, געעפנט די שווערע טיר און זיך געלאָזט גיין איבער די ווייכגעבעטע און שלעכטע באַלויכטענע טרעפּ.

דער אַלטער, גוטבאַקאַנטער, ריח פון שטויביקן קאַרפּעט האָט געקיצלט די נאָז צו ניסן, און אַ ווייכע, סענטימענטאַלע שטימונג האָט אים אַרומגעכאַפּט, זיך דערמאָנט אָן אַנדערע טעג און נעכט — מיט יאָרן צוריק, און ס׳האָט אים פאַר עפּעס באַנג געטאָן... און דער מאָלער גרישאָוו...

אויפן דריטן גאָרן האָט זיך אַ טיר אָביסל געעפנט. ער איז

געבליבן שטיין, געזאָגט וואוילעריש: גוד איווינינג, נעלי, צו דער, וואָס האָט געהאַלטן אַרויסגעשטעלט די נאָז אין דער שמאָלער עפענונג.

די אויגן, וואָס האָבן אויף אים פאַרשנדיק געקוקט דורכן שפּאַלט זיינען מיטאַמאָל געוואָרן טעטיק, און באַלד האָט זיך געהערט אַ צופרידענע שטים: — איט איז יו, מיסטער גאָרדאָן!

די טיר האָט זיך פול געעפנט און ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ האַלב טונקעלן קאָרידאָר און אין אַ פּאָר ווייכע, לייב שמעקנדיקע אָרעמס.

— אָ יו ליטל נעלי! — און האָט אויף זיך געפילט דעם ריח פון פעפערמינט און האָר. אירע הענט האָבן אַרומגעקרייזט זיין נאַקן.

זיי זיינען אַריין אין געראַמען פראָנט צימער און ער איז געוואָרן פאַרבינדלאַך.

— איך האָב געמיינט, נעלי, אַז איך וועל דיר דאָ זיכער ניט טרעפן. גענומען אַ שאַנס... און דו, נעלי, ביזט נאָך אַלץ ווי געווען. ניט עלטער געוואָרן. דיזעלביקע נעלי: שיין, יונג, אַי עם גלעד... ווי גייטס?

— לאָאוזי, וואו ביזטו געווען די גאַנצע צייט?

ער האָט זיך געקראַצט אַרום אויער:

— איך וייס... אין ערגעץ ניט. געוואָרן אַן אָנשטענדיקער מאַן.

— אָזוי גאָר! עט, זאָג׳ס דעם פּאָליסמאַן אויפן קאָרנער. איך גלויב ניט. איך קען דיך.

זיי האָבן זיך געזעצט אויפן דיוואַן. ער, ווי זיין שטייגער, האָט זיך אַרומגעקוקט.

דאָס פאַרשטיקטע ליכט, געקומען פון שטיילאָמפּ מיט אַן אָראַנזש פאַרביקן אבאזשור, האָט געשפּרייט אנגענעמע וואַרימקייט, אָבער האָט אין גאַנצן ניט גוט געשטימט מיט זיין געמיט. ער האָט פון שטענדיק פיינט האַלבן טאָן, דערהויפּט ווען אויסגענוצט פון אַזוינע, וואָס מיינען, אַז זיי זיינען צו העכערס באַשטימט.

— נעלי, מאַכט ליכטיקער.

זי האָט אויפגעדרייט נאָך אַ פּאָר פּייערן.

— אָט אַזוי האָב איך ליב. — ער האָט זיך אַרומגעקוקט, געהאָט אַ מינע ווי ער וואָלט דערוואַרטן, אַז אימיצער זאָל פון אַן אַנדער צימער אַריינקומען. ער האָט געפרעגט: וואו איז פּאָלין?

— פאַלין ? שוין לאַנג ניטאָ. זי האָט חתונה געהאַט. — און זי האָט לוסטיק געלאַכט.

— חתונה געהאַט ?! וואָס רעדסטו, נעלי ?

— בעליוו מי. האָט שוין אַ קינד . . . אַ שיין מיידעלע — אַ דאַרלינג.

— אַזוי גאָר ? טסאָ, סטאָ. — און ער האָט געשנעלט די צונג און זיך גע׳חידוש׳ט. — וואָס ס׳קאָן פּאַסירן.

— ביזטו גאָר אַליין ?

— אַליין, ווי דו זעסט מיך.

ער האָט איצט מיט פאַרגעניגן געשפּירט דעם אויפרעגנדיקן ריח פון פּאַרפום, וואָס הייסט „קריסטמעס נייט״, געפילט אנגענעם די נאָכגיביקע שטייפקייט פון איר קערפּער און זיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט פיינלאַכן באַגער.

ס׳איז געווען אַ צייט, ווען ער איז געווען האַלב פאַרליבט אין איר. פון די אַלע פרויען איז זי געווען די איינציקע, וואָס האָט געשטימט מיט זיין דעמאָלטדיקער פאַרשטעלונג וועגן אַן אמת ווייבלאַכער פרוי, ווייל אַרום איר האָט זיך תמיד געדרייט אַן אַטמאָספערע פון געהויבענער זינלאַכקייט און פיינע נאַטירלאַכקייט. געווען אַ גאַנץ גוטע, און מיט עטלאַכע יאָרן צוריק, ווען ער איז געווען אויף צרות, האָט זי אים פאַרגעשלאָגן צו לייען געלט. איר הויז איז פאַר אים געווען אָפן. זי איז דעמאָלט געווען אַ באַלעבאָסטע, געהאַלטן אַ פּאָר מיידלאַך, און ווי דער שטייגער אין אַזוינע פאַלן, ווייל זי איז געווען די באַלעבאָסטע האָבן די מערסטע געגלוסט נאָך איר, אָבער זי איז געווען לויט דער מאָראַל פון דער פּראָפעסיע אויסגעהאַלטן, געזאָגט, אַז זי האָט אַ געליבטן, און די מערסטע האָבן עס פאַרשטאַנען און איר צו רו געלאָזן. — און איצט ? . . .

און איצט, ווייל ער איז געווען זיכער מיט איר, האָט ער מיט גוואַלד איינגעהאַלטן דעם מאַנענדיקן באַגער, דערביי פאַראויס געפילט דעם גרויסן פאַרשטייענדיקן גענוס, וואָס ראַפינירטע נאַשער באַקומען דערמיט, וואָס זיי לאָזן דעם געשמאַקסטן ביסן אויף שפּעטער.

נעלי, אַ פולבאַרעכטיקטע בלאָנדע מיט אַ שטייפן בויגיקן קערפּער, געזונטע שיינע, לאַנגע פיס, האָט לויסטיק געפלוידערט, אויסדערציילט וועגן אַלץ: וואו זי איז געווען, וואָס פאַרא קינאָ־

בילדער זי האָט געזען, וואָס פאַרא נאָוועלן זי האָט געלייענט. איר געשמאַק איז געווען אַ דורכשניטלאַכער.

ער האָט זיך צעשטרייט צוגעהערט צו איר לייכטזיניקער פּלוידעריי, געקוקט אויף די ווענט, אויסגעצויגן די האַנט, מעכאַניש אַרויסגענומען פון נאָענטער עטאַזשערקע אַ ביכל, אויפגעעפנט, אויפגעכאַפּט דעם טיטל: „טריאומף פון טויט".

פון אָנהויב האָט ער ניט גוט באַגריפן דעם ריכטיקן באַדייט פון די ווערטער. ס'האָט זיך אים אַ טראַכט געטאָן: אָן אַלט ביכל, ווי קומט'ס אַהער? און האָט זיך גאָר צוגעקליבן אַ שמייכל טאָן אויפן אויטאָרס רעכענונג, וועלכן ער האָט, אַפילו אין יענע יאָרן, ווען ער איז געווען אין מאָדע, ניט געקענט פאַרטראָגן, אָבער ער איז געבליבן אין מיטן, ס'איז אים אַרויף אויפן זינען דער פאַרשטאָר־בענער מאָלער.

ער האָט זיך אויפגעהויבן, זיך דורכגעגאַנגען איבערן צימער, געבליבן שטיין ביי דער וואַנט, געקוקט אויף אַ געקאָלירט גראַוויור, וואו אַ מאַן, אין פּראָפיל, איז געלעגן אויסגעצויגן פאַרגליווערט אין טויט, און מיטן קאָפּ צוגעפּאַלן צו זיין ביינערדיקן קערפּער, האָט געקניט אַ פרוי, געהילט אין שוואַרצן מאַנטל, און זיך פאַרגאַנגען אין טיפן וויי. די אונטערשריפט האָט זיך געלייענט: פּ י ע ט א.

— נעלי, ווי קומט צו דיר דאָס בילד?

— גרישאָוו דער מאָלער האָט'ס געבראַכט.

— גרישאָוו דער מאָלער?

זי האָט געלאַכט.

— איט'ז פאַני. ער האָט געבראַכט דאָס בילד, עס אַליין אויפגעהאַנגען, געזאָגט אַז אין אַזאַ הויז פּאַסט זיך גוט אַזאַ בילד... איך ווייס ניט וואָס ער האָט געמיינט... הי איז א קוויר דאַק...

ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז ער איז שוין מער ניט „קוויר", אָבער האָט זיך אָפּגעהאַלטן. צו וואָס? ס'וועט זיך אָנהויבן אַ סדרה: וועט מאַכן אַן אָנשטעל פון זיין איבעראַשט, און ער וועט דאַרפן דערציילן פון וואָס ער איז געשטאָרבן, און זי, קאָן זיין, וועט נאָך באַמערקן, אַז די צייטן שטאַרבן אַ סך מענטשן פון האַרץ־קראַנקהייט, וועט נאָך דאַרפן זען וואָס פאַר אַ מינע זי וועט דערביי מאַכן, און אַלע פּנים'ער ווערן אַזוי ליידיק־נאַריש, ווען זיי הערן אַז אַ באַקאַנטער איז געשטאָרבן... זי זאָגט גרישאָוו האָט געבראַכט דאָס בילד...

מ׳קאָן ניט זאָגן. ער האָטווירקלאַך געהאַט אַ חוש פאַר הומאָר. — ער איז געוואָרן אויפגערעגט, געפרעגט:

— האָסט ליקער, נעלי?

זי האָט געבראַכט אַ פלאַש „זיגראַם" און גלעזלאַך. ער האָט אויסגעטרונקען איין גלעזל, אַ צווייטע און איז געוואָרן אויפגעלעבטער. דער שנאַפּס האָט זיך אַ טראַג געטאָן צום קאָפּ. ער איז געוואָרן מוטיקער, און געזאָגט:

— איצט, נעלי, פיל איך בעסער.

זי האָט אים נאָכגעטאָן און אויך געוואָרן פריילאַכער, און ער האָט זיך מיט אַמאָל אויפגעשטעלט, אַ זאָג געטאָן: יע, אַזוי איז׳ס, צוגעגאַנגען צום בילד, זיך איינגעקוקט און דערנאָך זיך געווענדט צו נעלי׳ן:

— זאָג דעם אמת, נעלי, איז דיר ווען איינגעפאַלן אַז דו וועסט שטאַרבן? איך מאַך אַ וועט אַז קיינמאָל ניט! קוקסט מיך אָן, מיינסט, אַז איך בין פון זינען אַראָפּ? אָבער הער זיך איין וואָס איך וועל דיר זאָגן, נעלי, — וועסט שטאַרבן!... זעסט דאָס בילד אויף דער וואַנט? יאָ, ווייסט ניט וואָס פאַראַ בילד ס׳איז? ס׳איז אַ טשיקאַווס בילד?! איך וועל דיר זאָגן: דאָרטן ליגט אויסגעצויגן אַ מאַן, ווען מען מער ווי אַ האַלבע וועלט האַלט פאַר לעבעדיק, אָבער ס׳איז ניט אמת, נעלי, ער איז טויט ווי אַ פאַראַיאָריקער לוח, ווייל די וואָס שטאַרבן זיינען טויט, — טויט פאַר אַלע צייטן... הערסט, נעלי? — טויט פאַר אַלע צייטן... אָבער גענוג, דריי בעסער אָן די ראַדיאָ...

זי האָט אים אָנגעקוקט און געזאָגט:

— יו אַר קוויר טו בייט. וואַטס איז דהי מעטער וויט יו? — און האָט אָנגעשטעלט די ראַדיאָ.

באַלד איז פון ערגעץ געקומען אַ פּאָלאָרקעסטערדיקער שטראָם פון טענער: ערגעץ וואו האָט אַ סימפאָנישער אָרקעסטער געשפּילט דעם טרויער מאַרש פון "געטערדעמערונג". ער האָט אויסגערופן:

— נעלי, פאַרדריי די ראַדיאָ. אי׳ל גאָ אינסיין!...

4.

דאָס לעבן: —אַן אויסציענדיקער
„מעמענטאָ מאָרי".

ער האָט געקוקט אויף דער בלענדנדיקער ווייסקייט פון איר לייב

און ס'איז אים עפּעס געוואָרן אַזוי אומהיימיש: ס'איז ניט געווען אַ ווייסקייט פון לייב אין וועלכן ס'פליסט לעבן און וואַרימקייט, — נאָר אַ ווייסקייט פון מאַרמאָר: די פריקרע ווייסקייט פון טויט. ביי אים אין קאָפּ האָט זיך אָט דער פאַל פאַרבונדן מיט אַ צווייטן, — אַזוינס, וואָס ס'איז געשען מיט יאָרן צוריק: ס'איז געשטאָרבן דעמאָלט זיין חבר'ס פרוי. זי איז געלעגן אויפן בעט. אין שטוב איז געשטאַנען אַ שטאַרקער ריח פון רפואות און דאָס ליכט פון טאָג איז געווען אַ פלאַכס: אין דרויסן האָט געדעגנט. מענטשן פרעמדע, מיט אַזוינע האַרטע, אויסדרוקלאָזע פּנים'ער האָבן וועגן עפּעס רוי און הייזעריק גערעדט, זי אַראָפּגענומען פון בעט, און אַזוי אַרום האָט זיך אומגעלומפּערט פון איר אַראָפּגערוקט דאָס צודעק, און ס'האָט זיך אַ ווייס געטאָן די אומנאַטירלאַכע קלאָרקייט פון פאַרגליווערטער פוס, און זיין לייב האָט זיך דעמאָלט אויפגעבלעזלט. איצט, ווי דעמאָלט, האָט אַ קלעפּיקער שוידער געפּויזעט איבער זיין רוקן, און זיין הויט האָט זיך אויפגעצויגן. זיינע אויגן האָבן געקוקט פרעמד און פיינטלאַך. ס'האָט אים אַ שלאָג געטאָן: איז ער דאָ ערשט געווען מיט אַ טויטער?

ער האָט זיך אויפגעהויבן, אָנגעגאָסן אַ גלעזל שנאַפּס, מיטאַמאָל אויסגעטרונקען, געהאַט אַ געפיל פון אַ טעמפּער ליידיגקייט, — אַזאַ געפיל, וואָס פלעגט אים אין קינדהייט מאַטערן בין־הזמנים, ווען די יום־טובים זיינען אַריבער און דער אָסיענדיקער חשון און חדר פלעגן זיך אָנהויבן. ער איז ווידער צוגעקומען צום בילד מיטן אונטערשריפט פּ י ע ט א און איינגעשפּאַרט אויף אים געקוקט.

— און דאָרט?

מיטן קאָפּ צוגעפאַלן צום בייניקן פאַרגליווערטן קערפּער האָט אַ פרוי, געהילט אין שוואַרצן, געקניט, זיך פאַרגאַנגען אין טיפן וויי; — דאָס לעבן און לייב פאַרגליווערט, יעדע פונק אויסגעלאָשן, קעלט און טויט וויקלט אַלץ איין. אָפּגעמעקט איז דער טאָג פון געבוירן. נאַכט הילט אַלץ איין... און די פרוי, מיטן קאָפּ צוגעפאַלן צום בייניקן, פאַרגליווערטן קערפּער, האָט געקניט, זיך פאַרגאַנגען אין טיפן וויי, אָפּגעשטעלט אין זיך דעם וואַרימען לעבנספלוס, געהאַנגען צווישן יע און ניין. — די איינציקע פרוי, וואָס האָט מיט אומענדלאַכן וויטאָק און פּיין געליבט, טיף געפילט דעם אמת'ן זין פון ניטזיין, דורכגעדרונגען געוואָרן מיטן העסלאַכן באַטייט פון

טויט און געוואָרזיין, אַז די, וואָס ליגן אַזוי פּאַרגליווערט קומען קיינמאָל ניט צוריק, — קיינמאָל...

אָבער וואָס איז היינט מיט אים דער מער?

ער האָט פאַרויכערט אַ ציגאַרעט, געבלאָזן פון זיך הויפנס רויך, פאַרטראַכט געקוקט דורכן אָפענעם פענצטער אין סייבל־געוועב פון דער נאַכט, געזען צו מערב די פּאַליסאַדן פלאַך געקלעפּט אין שוואַרצן טוש אויפן לייכטערן גרונט פון הימל, און זיי צו פוסן דער האָדסאָן — אַ פּאַלוטירטער שטרייף פאַרגליווערט אין אומטעטיגקייט.

און פון דיוואַן, אויף וועלכן ס׳איז אין פּאָנאָגראַפישער פּאָזע געלעגן אַ פרוי אין בלענדנדיקער נאַקעטקייט איז געקומען:

— בלייבסט מיט מיר די נאַכט, גאָרדאָן?

PASSING SHOW

נאַכט. — קאַזאַנאָווא און קאַליאָסטרא

זשיאָוואַני, זשיאַקאָמאָ ד׳סינגאַל קאַזאַנאָווא פון ווענעציע, רייזנדער און אַוואַנטוריסט, האָט איינמאָל שפּעט אין דער נאַכט מיטאַמאָל דערפילט די געוויכט פון די יאָרן, און נאָר צוליב דעם, וואָס ער האָט אַזוי שנעל ניט געקאָנט לויפן ווי מיט צען, פופצן יאָר צוריק, — און לויפן האָט ער אין דעם פאַל געמוזט,אויב ניט איז געווען אַ סכנה, אַז דער, וואָס זאָל אים האָבן נאָכגעפאָלגט, זאָל אים אָניאָגן,— און דער איז געווען אַ זייער אייפערזיכטיקער מאַן מיט אויגן פול רציחה.

און ס׳איז געווען: — ווי זי האָט דערקענט דעם מאַנ׳ס טריט האָט זי היסטעריש גענומען שרייען „אַ גנב, אַ גנב״ (פרויען פאַרלירן זיך קיינמאָל ניט — האָט ער אַ טראַכט געטאָן אין קלאַמערן. — אָבער אַזוי צי אַזוי, ער האָט זיך געראַטעוועט.) ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף הינטן, און ס׳איז אים אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן: די גאַס איז געווען ליידיק, קיין סימן פון אַ דורכגייער. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט געוויסער הנאה אָפּגעצויגן דעם אָטעם.

דאָס געפיל פון געפאַר האָט אים נאָך אין גאַנצן ניט אָפּגעלאָזט, ס׳איז אויסגעקומען ווי צו זאָגן: האָסטו זיך, זשיאָוואַני, גערעכנט אויף דעם? נאָך איין האָר און אַ סוף — אַ שרעק.

ס׳האָט זיך נאָך אַרום געשפּירט די קלעפּיקע און אומאַנגענע־נעמלאַכקייט, זיין בלוטדרוק איז נאָך געשטאַנען הויך: ניט קיין וואונדער. ער האָט אַזוי לייכט געקאָנט אַריינפאַלן: — גראַף אַרמאַן ד׳נאָעל איז אָנגעקומען אומגעריכטערהייט, און אַ גליק נאָך, וואָס דאָס איינציקע פענצטער פון בודואַר איז אַרויס אויף אַ באַלקאָן.

ער האָט זיך געהאַלטן ביים זייט: אַ שאַרפע שטעכעניש האָט אים געמאַטערט. ער האָט דעם אָטעם ניט געקאָנט גוט כאַפּן, און ס׳האָט זיך אים מיט טרויער אַ טראַכט געטאָן, אַז ער איז מער ניט יונג.

ער האָט צו זיך אַליין גערעדט, ווי ס'איז געווען זיין טבע צו ריידן אין פאַלן פון אויפרעגונג און פאַרלעגנהייט: — „קאַנסט קיינמאָל ניט זיין זיכער מיט מענער פון שיינע ווייבער, אַז זיי זאָלן ניט אָנקומען דעמאָלט, ווען זיי זיינען אַמווינציקסטן דערוואַרטעט". — אַן אָנהויב פון אַ שפּיציקן שמייכל האָט זיך גענומען קאַנטיק מאַכן אויף זיינע פולע ליפּן.

ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז ווען ער איז אַראָפּגעהאַנגען פון באַלקאָן און טיכטיק געזוכט מיט די פיס אַ וואַסערן ס'איז אינהאַלט, האָט ער געמוזט אויסזען זייער לעכערלאַך: ווי אַ פאַר'עסק'טער שפּין... און אַ געליבטער, וואָס זעט אויס לעכערלאַך...

ער האָט זיך געפוילט צו פאַרענדיקן.

פאַר אים איז די גאַס געלעגן אַ שטילע אַן אומעטיקע, שוואַך באַלויכטן פון די שיטערע און קלעקעדיקע גאַס־לאָמפּן. ער האָט גענומען גיין פאַמעלאַך, ווי איינער, וואָס האָט שוין מער ניט וואָס מורא צו האָבן: דאָס ערגסטע איבערגעקומען. ס'איז אים אַרויף אויפן זינען ניט צו פאַרגעסן די אַלע איינצלהייטן פון דער נאַכט פאַסירונג. כדי ער זאָל שפּעטער געדענקען וואָס צו פאַרשרייבן, און דערהויפּט געענוי צו שילדערן די אויסברוכן און קאַפּריזן פון דער גריפין ווען זי איז אויפגערעגט.

די גאַנצע פאַנטאַסטישע אומגעבונג: דער שוואַרצטיפער היג־טערגרונט, די יונגע גאָלדהאַריקע גרעפין, אַרומגערינגלט פון שוואַרצן, וואויל־גלעטנדיקן אַטלעס, די נאָז אָנגרייפנדיקע און אָטעם־פאַרכאַפּנ־דיקע ריחות, און זי, — אַ האַלדזבאַנד ראַזעווע פּערל אויף שוואַרצן סאַמעט. איר אויפפירן זיך — טשיקאַווע: קאַלט און האַרט ביז גרויזאַמקייט ווען ניט אויפגערעגט. נעמט צייט ביז זי ווערט וואַרם און מענטשלאַך. דערנאָך אַ ציקלאָן: אומלאַגיש אין זיין לויף, מ'ווייסט ניט וואו ער וועט טרעפן. האָט אַ ווילדע הנאה צו בייסן דעם מוסקול פון אויבערשטן טייל האַנט. רעדט דעמאָלט וואָס פאַלט אַריין אין מויל. האָט אַ טבע נאָכאַנאַנד איבערצו'חזר'ן געוויסע אויסדרוקן.

דאָס בילד פאַרגאַנצט אין זיין געדעכעניש האָט ער זיך גענומען באַטראַכטן: צורעכט געמאַכט אויפן קאָפּ די הוט מיטן רייכן שטרויס־פעדער, אַרומגעצויגן דעם דאַבלעט, אָפּגערייניקט מיט דער האַנט די קני־הויזן, אויסגעגלייכט די שפּאַנגען פון די שיך און זיך דערנאָך דערפילט פרייער און זיכערער. נון האָט זיך זיין האַלטונג איינגע־

שטעלט אויפן פונקט פון גלייכגעוויכט באַקומען פול קאָנטראָל איבער זיין אָטעם. אַ טראַכט געטאָן: אָפּגעשפּילט מיט גליק, און ס׳איז אים, גאָט ווייס פאַרוואָס, אַרויף אויפן זינען דער גרעפינס קאַמער־מיידל, אַ פול־ברוסטיקע ברונעטין מיט רויטע זאַפטיקע ליפּן און איינלאַדנדיקע אויגן.

ביים פאַרנעמען זיך אין אַ צווייטער גאַס האָט ער באַמערקט ביים בלייכן שיין פון גאַס־לאָמפּ דאָס אָנקומען פון אַן עלעגאַנטן מאַן מיט אַ פּאָר אומגעווייַנלאַך לייכטנדיקע אויגן.

ווען זיי זיינען געווען פּנים־לפּנים, איז דער פרעמדער געבליבן שטיין, זיך פאַרנויגט און אין וואוילקלינגענדיקער שטים אַרויסגעזאָגט:

— גוט־נאַכט, זשיאָוואַני, זשיקאָקאָמאָ ד׳סינגאָל קאַזאַנאָווא!

קאַזאַנאָווא איז געבליבן שטיין מיט פאַר׳חידוש׳טע אויגן. דאָס איינציקע, וואָס ער האָט אין פרעמדן דערקענט איז געווען, אַז ער איז אַ לאַנדסמאַן, אַזוי איז ער אים אין גאַנצן געווען אומבאַקאַנט. ער האָט זיך העפלאַך פאַרנויגט און געזאָגט:

— אומבאַקאַנט. ווער איז דער הער?

דער מאַן פאַר אים האָט געשמייכלט, און דאָס מערקווירדיקע מיטן פרעמנדנס שמייכל איז געווען דאָס וואָס ער האָט בלויז באַרירט די ליפּן. די אויגן זיינען געבליבן שטיין אויף איין אָרט, — אַזוינע גרויסע און אומעטיקע, ער האָט האָט געלאַסן גערעדט:

— ווער איך בין? — און האָט דערלאַנגט אַ צי די אַקסלען, ווי ער וואָלט מיט דעם זשעסט לאָזן אָנצוהערן, אַז ס׳איז קיין אונטער־שייד ניט. ער האָט דערנאָך מיט אַ מינע פון אַ קאָנספּירירנדיקן געזאָגט:

— איך בין דער וואָס איך בין — פריימאַסאָן. און מיין פאַרצוג אין דעם פאַל איז וואָס איך ווייס ווער דו ביזט און דו ווייסט ניט ווער איך בין.

קאַזאַנאָווא האָט׳ס גראַד געשמייכלט, געטראַכט: ווייט און ברייט באַוואוסט. דאָס מיינט צו זיין באַרימט!

דער פרעמדער האָט אין זעלביקן טאָן ווייטער געטריבן:

— איך ווייס אַפילו, אַז דו קומסט איצט פון דער יונגער גרעפין ד׳נאָעל׳ס שלאָף־צימער, וואו דער גראַף האָט אייך ביידן איבערראַשט, האָסט אָפּגעשפּילט מיט גליק. דער גראַף איז דער בעסטער פעכטער אין קעניגרייך.

קאַזאַנאָוואַ איז געווען דערשטוינט. אַ פּאָר בידעריקע אויגן זיינען געווען אַנגעשטעלט אויפן פרעמדן און:

מעג איך וויסן וועמען איך האָב דאָס פאַרגעניגן צו זען אַנט־קעגן זיך?

דער פרעמדער האָט זיך מיט אָנשטעל פאַרנויגט:

— מיין נאָמען: גראַף קאַליאָסטראָ, צו אַנדערע באַקאַנט אַלס יאָזעף באַלזאַמאָ.

קאַזאַנאָוואַ האָט ניט געוואוסט מער ווי פריער: ביידע נעמען אומבאַקאַנט. ער האָט גערעדט:

— מיין נאָמען, גראַף, איז פאַרשפּאָרט אָנצוגעבן. איר ווייסט אים שוין. אָבער ווער פּאָרט איז מיין הער?

דער פרעמדער האָט באַקומען אַן אויסדרוק פון וועלן וואָס וויכטיקס צו דערציילן, ער האָט אָנגעהויבן:

— ווי איך האָב פריער געזאָגט איז מיין איצטיקער נאָמען קאַליאָסטראָ. ווער איך בין אין דער אמת'ן? — אַ פריימאַסאָן. מיר קומען איצט ביידע פון פאַרשיידענע ערטער: איך פון אַ פאַרזאַמלונג פון ברידער, דו — פון אַ קאָפּ־צו־קאָפּ צוזאַמענזיין מיט אַ עראָטאָ־מאַנטישע גרעפין. איך בין פאַרנומען מיט דער אַרבעט צו ברענגען וואָס גיכער די רעוואָלוציע אין פראַנקרייך און דו ביזט פאַרנומען מיטן געדאַנק ווי צו פאַרפירן דער גרעפינ'ס קאַמערמיידל...

קאַזאַנאָוואַ האָט אויסגערופן:

— גראַף, איך בין געפּלעפט! גלייך ווי איר וואָלט מיר נאָכגע־פאָלגט טראָט ביי טראָט אויך געדאַנקלאַך... ווי איז'ס מעגלאַך?...

קאַליאָסטראָ האָט געשמייכלט:

אַלץ איז מעגלאַך. דאָס וואָס איז ניט געווען מעגלאַך מיט טויזנט יאָר צוריק איז היינט מעגלאַך און אַזוי ווייטער און ווייטער ביז וואַנען מירן אויסשעפּן אַלע מעגלאַכקייטן און דעמאָלט — דער סוף... גראַד האָט געטראָפן וואָס מיין באַרוף איז אַזאַ, וואָס נעמט אין זיך אַריין דאָס וויסן פון אַלע און אַלעמענס סודות. מ'רופט מיך פאַרשיידענע צונעמען: מאַגיער, נעקראמאַנצער, אַלכעמיקער און שאַרלאַטאַן... איך ביןווירקלאַך איינגעווייעט אין די געהיימניש־ פון דער שוואַרצערקונסט. פאַר מיר איז קיין פאַרבאָרגנס ניטאָ. דער אויסזען פון יעדן מענטשן פאַראָט אים, און יעדער איינער טראָגט זיין גורל פון פאָרנט ווי ס'טראָגט אַ הערבערג אַ שילד.

אָבער דאָס אויג וואָס קאַנ׳ס אַנטדעקן מוז זיין זייער געפיינערט, מוז האָבן פיל געזיכטער געלייענט. מיין שול פון דערפאַרונג איז זייער אַ לאַנגצייטיקע — טויזנטע יאָרן. איך בין אַ מענטש אָן אַן עלטער . . .

קאַזאַנאָוואַ, וועלכער האָט שטענדיק געמיט אויף זיך צו אָנ־טשעפען די מאַסקע פון וואָלטער, און אין אַ סך פרטים אים קאָפירט, האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די אָנגעבלאָזענע באַרימערייי פון פרעמדן, ער איז געוואָרן אומגעדולדיק, געמאַכט אַן אָנשטעל צו גיין זיין וועג. קאַליאַסטראַ האָט אים אָפגעהאַלטן : — ניט געאיילט, זשיאָוואַני, איך האָב דיר וואָס מיטצוטיילן.

קאַזאַנאָוואַ האָט אויסגעשטעלט אַ פאָר אויגן :

— איך בין נייגעריק.

קאַליאָסטראָ האָט גערעדט :

— מאָרגן נאַכט פייערט דאָס געדולדיקע, האָראָפאַשנע פראַנ־צויזישע פאָלק די חתונה־צערעמאָניע פון יונגן פרינץ לואי, באַשטימט פאַר אַ צייט צו זיין לואי דער זעכצנטער. מאָרגן ביינאַכט וועט מען מאַכן אַ פאַרזוך אַ ביסל אַ חנפ׳ע טאָן דעם פאָלק מיט פייערווערק . . . איצט איז אַזוי : די פאַרבינדונג פון דאָס פאָרל איז זייער ניט קיין געלונגענע. ער : — אַ שלעכט־דערצויגענער, ווילנלאָזער יונג אָן וועלכע ס׳איז אויסצייכנדיקע ליידנשאַפטן אויסער יאַגד און עסן. זי :
— אייגנזיניק, עקסטראַוואַגאַנט, עמאָציאָנעל, איינגעשפאַרט מיט אַ שאַרפן חוש און עכטפרויאישע פאַרשטענדניש פאַר פאָליטישע אינ־טריגן. האָט ליב צו דאָמינירן. קורץ : — אַ טרייע טאָכטער פון מאַריע טערעזאַ . . . צווישן אָט דיביידע וועט דאָס פראַנצויזישע פאָלק צעדריקט ווערן . . . אָבער דאָ, זשיאָוואַני, קומט דאָס אומגע־ריכטע, ווייל דאָס מערקווירדיקע מיטן פאָלק איז, וואָס זייענדיק געדריקט, פאַרניכטעט ער דערווייל די ווענט וואָס דריקט אים . . . פאָלק קאָן ניט אונטערגיין, אָבער מאָנאַרכיע און דינאַסטיע — יע ! מאָרגנדיקע נאַכט וועט בלייבן איינגעקריצט אין די הערצער פון אַלע פרייהייטליבנדיקע בירגער. דער אונטערגאַנג פון דער מאָנאַרכיע הויבט זיך אָן מיט מאָרגנדיקער נאַכט.

נון האָט געטראָפן וואָס קאַזאַנאָוואַ איז אַצינד געווען ווייט פון געדאַנק וועגן רעוואָלוציעס און אונטערגאַנג פון מאָנאַרכיעס. און ווען אַפילו ניט ווייט, וואָס גייען אים אָן די אינטערעסן פון פראָפאַגנום וואולגוס, אָדער דער אונטערגאַנג פון מאָנאַרכיע ? ! אַפילו אין אַ

געדאַכטן שמועס מיט וואָלטער׳ן האָט ער יע העפטיק גערעדט וועגן פרייהייט פון גייסט. אָבער אין דער אמת׳ן האָט ער גאָר קיינמאָל מיט וואָלטער׳ן וועגן דעם ניט גערעדט. אין זיינע טאָג־נאָטיצן האָט ער פאַרצייכנט, אַז וואָלטער איז געווען אַנטציקט פון זיין רייכן, לאָגישן אַרט דענקען. אָבער דעם ריינעם אמת ווייסט ער דאָך, — און דאַרום:

— גראַף, צו וואָס דערציילן זיי עס מיר? און מיט וואָס האָב איך, אומבאַקאַנטער, געהאַט דאָס גליק צו געווינען אייער באַריי־דעווודיקן צוטרוי?

אַן ענטפער איז געקומען:

— איך האָב אַ באַזונדערע נויגונג צו אַוואַנטוריסטן: — ברידער אין גייסט. נו, איז אַזוי: מיין הויפּט צוועק איז צושטערן מאָנאַרכיעס און איך גילט פאַר אַ שאַרלאַטאַן. אָבער ס׳איז באַקאַנט, אַז אַלץ, וואָס שטייט אין שכנה׳שאַפט מיטן הויכן גייסט און דערהויבענער אידייע איז אין געפאַר שלעכט פאַרשטאַנען צו ווערן פון די ווינציקער פייאיקע. איך האָב געפונען דעם „פילאָזאָפישן שטיין". מיין אַלכעמיע האָט אָבער צו טאָן דערהויפּט מיט דער אוניווערזאַלער אידייע פון אייביקער פרייהייט: — גאָלד ערשטע פּראָבע.

קאַזאַנאָוואַ האָט געטראַכט, אַז דער וואָס שטייט אַנטקעגן אים איז ניט גענוג באַוואוסט און אינטערעסאַנט, אַז ער זאָל אים אַריינ־נעמען אין זיינע נאָטיצן: ער זאָגט אַלץ אויס. לאָזט גאָרניט פאַר דער פאַנטאַזיע, ער האָט געזאָגט:

— איך באַוואונדער די אומגעוויינלאַכע געשיקטלאַכקייט פון גראַף, אָבער איך זע פאַר קיין פאַל ניט איין וואָס דאָס אַלץ האָט צו טאָן מיט מיר?

קאַליאָסטראָ האָט רואיק גערעדט:

— זייער פיל. ערשטנס וויל איך, אַז דו זאָלסט ווערן אַ ברודער. צווייטנס וויל איך, אַז דו זאָלסט מיר פאַרשאַפן דורך דער גרעפין ד׳נאָעל אַן אוידיענץ מיט דער יונגער צוקונפטיקער קעניגין מאַריע אַנטאָנעט.

קאַזאַנאָוואַ האָט ציניש געלאַכט:

— איך האָב ביז אַהער אַליין ניט געוואוסט ווי ווייט מיין איינפלוס קאָן גרייכן.

קאַליאָסטראָ האָט באַקומען אַן ערנסטן פּנים און געזאָגט:

— פּאַר מיר ליגט נאָך די נאַכט יונג און פריש. איך דאַרף נאָך זיין ביי מנשה דעם יואַוועליר. ער איז איינער פון די בעסטע גאָלדשמידן אין לאַנד און ווייס אַליין ניט פון דעם. ער איז איינער פון אַן אַלטן פאָלק, וואָס באַשפּרינקלט די ערד מיט אומרו. ער לעבט ווי אַ נזיר פאַרטאָן אין זיין אַרבעט, ער האָט אַן אייניקל, אַ יונג מיידל פון אַ יאָר אַכצן, — אַ שיינהייט, אַ מזרח־טיפּ... קום מיט מיר, זשיאַוואַני, וועסט האָבן וואָס צו פאַרצייכענען.

קאַזאַנאָוואַ איז שטענדיק געווען וואַך ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן פרוי. ס'האָט אים אַ שלאָג געטאָן: „אַ יונג מיידל, אַ מזרח־טיפּ", און באַשלאָסן צו גיין.

און האָבן זיך אַוועקגעלאָזן איבער דער פאַראומערטער גאַס.

נאַכט. — מנשה דער יואַוועליר

אַן אַלטער מאַן. האָר און באָרד זילבערוויס מיט אַ פּנים קלאָר און ליכטיק פון ריין לעבן, איז געזעסן ביים ווערקשטאַט אַנגעבויגן און גערודלדיק זיך געעסק'ט אַרום די איינפאַסונג פון אַ רינג. געווען פאַרטאָן אין באַפעסטיקן מיט אַ זייער איידל צוויינגל די פיינע קלאַמערן אַרום אַ העלבלויען דימענט פון ריינסטן וואַסער. דערביי האָט ער די גאַנצע צייט געברומט אַ ניגון פון יום־כיפּור תפילה.

דאָס צימער אַ דאַך־שטיבל איז אין גאַנצן געווען געוויקלט אין געדיכטן שאָטן. נאָר אַרום ווערקשטאַט, איבער וועלכן מנשה אין יאַרמולקע און שפּאַקולן איז געווען אַנגעבויגן, האָט אַ רחמנות'דיקער, רויכערנדיקער אויל־לאָמפּ געשפּרייט אַ ברודיק רויטלאַכן קרייז־ליכט. אַרום האָט זיך געשפּירט אַ פאַרשטיקט קלויסטערשע לופט און דער־מאָנט אָן די קאַמערן פון איינגעשלאָסענע, פאַרשנדיקע גייסטער.

דער רינג אַרום וועלכן מנשה האָט זיך אַזוי שטאַרק, שפּעט אין דער נאַכט געעסק'ט, האָט באַלאַנגט צו דער פאַוואָריטין מאַדאַם דובאַרי, געווען בלויז איין שטיק פון דער זאַמלונג, וועלכע ער האָט געדאַרפט צושטעלן אינדערפרי.

פאַרטיק געוואָרן מיטן רינג האָט זיך ביי אים אין קאָפּ געמאַכט אַ סך־הכל וואָס ער האָט צו טאָן. ער האָט גענומען רופן:

— אסתר!

פון אַן אַלקער, איצט אין גאַנצן אין שאָטן, האָט זיך אַרויס־

גערוקט אַ שוואַרץ סאַמעטענער קאָפּ און אַ וואוילקלינגנדיק שטים האָט געזאָגט:

— רופסט מיך, זיידע.

— קום אַהער, מיין קינד.

אסתר איז געשווינדט און לייכט צוגעקומען צום טיש.

— וואָס זיידע?

מנשה האָט גערעדט:

— געפין דאָס ווייכע בערשטל און פוץ אַרום דאָס גאָלד פון דער קאַמטעסעס האַלזבאַנד. אָבער זיי פאָרזיכטיק, מיין קינד. טו׳ס פּאַוואָלע. אייל זיך ניט.

אסתר האָט גענומען זוכן צווישן די געצייג אויפן ווערקשטאַט, געפונען דאָס בערשטל.

— וואו איז דער האַלזבאַנד?

מנשה האָט פון טישל אַרויסגעצויגן אַ שופלאַד, פון דאָרט אַרויסגענומען אַ לעדערנע, לאַנגלאַכע שאַכטל מיט דער גרעפינס קרוין און גאָלד געשטיקט. ער האָט׳ס פּאַמעלאַך געעפנט און מיט די צוויי פאָדערשטע פינגער אַרויסגעצויגן פונם בלוטרויטן סאַמעט אַ לאַנגע קייט: — אַן אָנגעצונדן בייטש, וואָס האָט זיך שלאַנגיש באַוועגט דורך און דורך איינגעטונקט אין מונטער שפּילנדיקער, פילפאַרביקע פייערן.

אסתר האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוואונדערטע אויגן:

— ריידנדיק פייער!

מנשה האָט געקוקט מיט טרייען, וואַרמען קוק אויפן אייניקל, ווען עפּעס אַ טראַכט געטאָן און מוסר׳דיק געזאָגט:

—דאָס ריידנדיקע פייער פון האַלזבאַנד ברענט אַמאָל דאָס לייב. ס׳איז אַ פייער פון זינד. וואָס דער האַלזבאַנד האָט געקאָסט האָט מען געקאָנט שטילן פּאַר אַ וואָך דעם הונגער פון טויזנטע.

— איז די גרעפין זייער אַ שיינע?

מנשה האָט געצויגן די אַקסלען:

— אַ שיינע? מיין קינד, מיינע אויגן זיינען ניט פאַר ווייבערשע שיינקייט. נאָר דער שכל איז מתחייב, אַז אַ מלך׳ס קעמפּסווייב מוז זיין אַ שיינע.

אסתר האָט גענומען פּוצן דעם האַלזבאַנד.

מנשה האָט ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— באַלד דאַרף קומען יאָסעף באַלזאַמאָ. ער קומט שפּעט. שלאָפט ניט קיין נעכט.

אסתר האָט באַמערקט:

— אַ טשיקאַווער מענטש.

— אַ גוטער מענטש. מיר אַ סך טובות געטאָן: נאַראַיעט אַ סך קונדן: פּרינץ ראָאַן, די גרעפין, די מאַרקיזע און מאַרשאַל רישעליע.

— זיידע, פון וואַנען קאָנסטו אים?

— ס'איז טשיקאַווע ווי איך האָב אים באַגעגנט, — האָט מנשה אַנגעהויבן. — איך האָב אים צוערשט באַגעגנט מיט אַ צייט צוריק נעבן אונזער שול, אַרויסגייענדיק פון מערב. איך שטיי אַזוי און קוק אויף דער לבנה, טראַכט צי ס'איז שוין צייט מקדש זיין, ערשט ס'קומט צו מיר צו אַ פיינער הער, הויבט אָן גלייך ריידן, זאָגט אַז ער קאָן מיר און ווייסט, אַז איך בין אַ גאָלדשמיד און גאָר פון די גוטע און ער וועט מיר נאַראַיען אַ סך רייכע קונדן... אַזוי איז טאַקע געווען. ער האָט געשיקט פּרינץ ראָאַן און פיל אַנדערע...

אימיצער האָט געקלאַפּט אין טיר.

— ס'מוז זיין ער, — און איז געגאַנגען צום טיר.

— באַלזאַמאָ?

פון דער אַנדער זייט טיר איז געקומען אַ ווייכע, מעלאָדישע שטים:

— באַלזאַמאָ, עפן, מנשה!

מנשה האָט פּאַמעלאַך געעפנט די טיר און קאַליאָסטרא און קאַזאַנאָוואַ זיינען אַריין.

אסתר האָט מיט גרויסע, נייגעריקע אויגן געקוקט אויף די צוויי אַריינקומענדיקע.

קאַליאָסטראָ האָט זייער פריינטלאַך אָנגעהויבן.

— גוט נאַכט, מנשה, איך האָב געבראַכט אַ גאַסט.

מנשה האָט אָנגעשטריינגט דורך די שפּאַקולן געקוקט אויף קאַזאַנאָוועך און געזאָגט:

— געבענטשט זיינען די קומענדיקע. באַלזאַמאָס אַ גאַסט איז מיינער אַ גאַסט.

אסתר האָט פאַר'גנב'עטערהייט געקוקט פון אונטער איר אַרבעט אויפן עלעגאַנטן גאַסט, און ס'האָט אויף איר אַ ווייע געטאָן מיט אַ לופט פון אַ זומער־דרויסן און ווייטע וועלט.

קאַזאַנאָוואַ פון זיין זייט האָט נאָכאַנאַנד געקוקט אויפן אַראָפּ־געלאָזענעם קאָפּ פון מיידל, וואָס איז ווי געווען פאַרטאָן אין איר אַרבעט, און האָט צו זיין באַדויערן גוט ניט געקאָנט אָפּשאַצן איר שיינקייט. ער האָט אַפילו יאָ געכאַפּט אַ קוק ביים אַריינגאַנג און געהאַט אַן איינדרוק פון אַ קלאָרקייט און שוואַרצע ברעמען און טיפע אויגן. אָבער ס׳האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער קאָן זי איצט ניט אָנקוקן. ס׳האָט אָבער געטראָפן, אַז זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיטן אבזיכט עפּעס אויפן טיש צו געפינען, און האָט פאַר זיך דערזען אַ שטריכיק געצייכנטן אָוואַל מיט צוויי לייכטנדיקע אויגן איינגעפורמט אין שאָטן. ס׳האָט אַ בלענד געטאָן אַ שטייפע בלייכקייט געזעצט אין געדיכטן האָר פון רייכן טונקלרובין. דער קאָפּ איז געזעסן פריי אויף אַ לאַנגן, ווייסן האַלז, פון וועלכן ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ יוגנטלאַכער שטייפער בוזעם.

ס׳האָט אים פאַר עפּעס באַנג געטאָן: — זי איז אַזוי יונג און פריש.

קאַליאָסטראָ האָט געפרעגט:

— פרינץ ראָאַן איז דאָ היינט געווען?

— פאַרנאַכט.

— וואָס האָט ער געוואָלט?

— געבראַכט אַ שטאַג גאָלד צו פּרואוון.

— נו?

— גאָלד פון ריינסטער פּראָבע.

קאַליאָסטראָ האָט געשמייכלט:

— ער מיינט, אַז דאָס איז דאָס גאָלד, וואָס איך האָב געמאַכט.

— אין דער אמת׳ן.

— ריינער גאָלד, ניט קיין אַלכעמישער.

קאַזאַנאָוואַ האָט זיך צוגערוקט צו אסתר׳ן און גענומען לפנים באַוואונדערן דעם פייערשפּילנדיקן האַלזבאַנד, אָבער אין דער אמת׳ן האָט ער מיט קנאה׳דיקע און פייכטע אויגן געשלונגען די שטילע, אָבער בלוטאויפרעגנדיקע, אומשולד־שיינקייט פון יונגן מיידל. אין האַרצן האָט זיך עפּעס גענומען רירן, זיך אַנטוויקלט אין אַ נאָגנדיקער בענקעניש נאָך אַלץ וואָס איז יונג און שמעקט מיט פרימאָרגן. אַ באַגער צו זיין ליב און פרידלאַך, צו זיין אין גאַנצן פריין פון לייבפאַרצענדיקער לוסט. און אַזוי זיין שטענדיק אַרום איר, איז

אויף אים ווי אַ גליטנדיקער ווינטל אַנגעפּאַרן. ער האָט זייער ווייך גערעדט:

— ס׳איז שווער, שיין קינד, פעסטצושטעלן וועלכעס פייער פאַרטונקלט איינס דעם צווייטן: צי דאָס פייער פון די איידלשטיינער, צי דאָס פייער פון דיינע אויגן... איך בין זיכער, אַז דאָס פייער פון דיינע אויגן פאַרשעמט דעם פייער פון די בריליאַנטן.

דאָס מיידל האָט זיך דערפילט אומבאַקוועם. זי האָט קיינמאָל פון אַ מאַן ניט געהערט אַזוינע רייד, און ס׳איז איר איינגעפאַלן, אַז מסתמא ריידן אַזוי די מענער צו פרויען אין הויכע געזעלשאַפט, און ס׳האָט איר הנאה געטאָן. זי האָט געוואוסט, אַז זי דאַרף עפּעס אויף דעם זאָגן, ס׳איז איר געווען שווער און האָט צעטומלט אַ זאָג געטאָן:

— דער גרעפין דובאַרי׳ס האַלזבאַנד.

קאַליאָסטראָ האָט דערווייל אָנגעהאַלטן זיין שמועס מיט מנשה׳ן:

— דער פּרינץ האָט וואָס אַנדערש געבראַכט?

— אַ מעדאַליאָן.

— קאָן איכ׳ס זען?

מנשה האָט אים דערלאַנגט אַ קליין שאַכטל, און קאַליאָסטראָ האָט פון אינווייניק אַרויסגענומען אַ מעדאַליאָן און עס גענומען באַטראַכטן מיט דער פאַרטראַכטער מינע פון אַ מבין. ער האָט געזאָגט:

— ס׳מוז זיין די אַרבעט פון אַ ווינער גאָלדשמיד מיטן נאָמען אַלפרעד. ער איז פון די בעסטע גאָלדשמידן אין דער וועלט. איך דערקען די איידעלע אויספירונג פון צייכנונגען און די קונציקע שמיד־אַרבעט. וואָס האָט ער געוואָלט זאָלסט מאַכן אויפן מעדאַליאָן?

מנשה האָט אים דערלאַנגט אַ שטיקל פּאַפּיר, אויף וועלכן ס׳איז געווען געשיקט אָנגעצייכנט דער העראַלדישער־דעוויז פון פראַנק־רייכ׳ס קעניגלאַכער פאַמיליע: „פלער דע לי״ און געזאָגט:

— דער פּרינץ וויל, אַז איך זאָל אויסקריצן אָט די צייכנונגען אין דעם פּלאַץ און עס אָנזעצן מיט רובינען. — און האָט מיטן פינגער אָנגעוויזן אויף אַ ליידיק שטיקל פּלאַץ אינמיטן.

קאַליאָסטראָ האָט גענומען אַ פעדער פון טיש, און אויף דער צייכנונג פאַרזיכטיק אָנגעפינטלט ביי יעדן שפּיץ פון די דריי בלע־טער אַ באַזונדער בוכשטאַב און געזאָגט:

— מנשה, זעסט די בוכשטאַבן ל. פּ. ד. קריץ אין סוף פון

יעדעס בלאַט אַ בוכשטאַב אין דער אָרדנונג, ווי זיי זיינען דאָ אָנגעצייכנט. אָבער מאַכ'ס אַז דאָס נאַקעטע אויג זאָל'ס ניט באַמערקן.

מנשה האָט פאַרלאָרן געקוקט אויף קאַליאָסטראָ'ן:

— שטעקט דאָ עפּעס אַן אומערלאַכקייט?

— זיי רואיק, מנשה.

— טאָמער וועט דער פּרינץ זיך כאַפּן?

— ער וועט'ס ניט באַמערקן.

— וואָס באַדייטן די בוכשטאַבן?

קאַליאָסטראָ האָט זיי אויסגעלייענט:

Lilia Pedibus Destrue

מנשה האָט אויף אים געקוקט מיט אַן אומפאַרשטענדלאַך מינע:

ס'מיינט: צוטרעט די ליליע מיט די פיס.

מנשה האָט געצויגן די אַקסלען. וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז ער ווייסט נאָך אַלץ ניט.

קאַליאָסטראָ האָט אים געפרעגט:

— מנשה וואָס וועט זיין דער סוף פון דער מאָנאַרכיע?

מנשה האָט זיך געקווייקלט, ניט געהאַט קיין חשק זיך אויס־צודריקן. ער האָט פאַרזיכטיק אָנגעהויבן:

— אונז אידן איז פאַרבאָטן צו ריידן אויף מלכים. מ'ר האָבן אַפילו באַזונדערע תפילות פאַר דער דערהאַלטונג פון מלכים. מיר האָבן אַמאָל אויך געהאַט אַ לאַנד, און ס'ווערט דערציילט אין די היי־ליקע שריפטן פון די זינדיקע מלכים וואָס האָבן געדריקט דאָס פאָלק און אָנגעפילט זייערע הויפן מיט זנות, אַז זיי האָבן דערוועקט דעם צאָרן פון גאָט.

קאַליאָסטראָ האָט זיך געווענדט צו קאַזאַנאָוואַ'ן:

האָסט געהערט?

אָבער קאַזאַנאָוואַ האָט גאָרנישט געהערט. ער האָט גאָר געזען — געזען פאַר זיך איינע, וועמעס אויגן זיינען שעמעוודיק אַראָפּ־געלאָזן, און פון וועלכער ס'ווייעט אַזאַ רואיגקייט און היילזאַמקייט, און דער אָטעם פון פעלד און וואַלד, וואָס פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ וואוילגלעטנדיקן נחת־רוח. און ס'האָט זיך פאַר אים אַ שפּרייט געטאָן דער לאַזור הימל פון ווענעציע און: קאַנאַלן, גאָנדאָלן. ס'איז נאַכט, און ס'גליטשט זיך אַ גאָנדאָלאַ, און אַ יונגער טענאָר פייסט

אין געזאַנג, — און אַלץ וואָס ס׳איז ביז אַהער געווען איז ווי ניט געווען. אַלע פּרויען, וואָס האָבן אָנגעפּילט די לײדיגקייט פון זיין לעבן, זײנען איצט דערשינען אין זיין גערעכעניש אַזוי בלור, ווי דער שריפט פון אַן אַלטן מאַנוסקריפּט, ביי אים איר קאָפּ האָבן זיך גענומען שמידן שורות פון אַ מאַדריגאַל:

האָסט מיר אָנגעקוקט, בלום פון שרון.
געבראַכט אָטעם פון וואַלד און פעלד...

קאַליאַסטראָ האָט מיט טאָן פול סודות׳דיגקייט גערעדט:
מאָרגן נאַכט וועט פּאַסירן אַזוינס, וואָס וועט זיך שטאַרק אָפּרופן אויף דער קומענדיקער רעגירונג פון לואי דעם זעכצענטן. מאָרגן וועט דער יונגער פּרינץ זען די אויפשריפט אויפן וואַנט:

Lilia Pedibus Destrue

קאַזאַנאָווא האָט פאַרטראַכט געקוקט אומרואיק: — וואָס רעדט ער דאָרט? וואָס וויל ער?... און: —

האָסט מיך אָנגעקוקט, בלום פון שרון,
געבראַכט אָטעם פון וואַלד און פעלד,
די זון פון די וואָלקנס איז אַרויס...

קאַליאַסטראָ האָט געמאַכט אַן אָנשטעל צו גיין.

קאַזאַנאָוואַ האָט מיט ווייכע, אומעטיקע אויגן געקוקט אויף אסתר׳ן, און ס׳האָט אים פאַר עפּעס פאַרדראָסן: — אַדיע יוגנט!

אין דרויסן ביים פאַנאַנדערגיין האָט צו אים קאַליאַסטרא געזאָגט:

— מאָרגן אָוונט, זשיאָוואַני, אויפן פּלאַץ לואי דער פופצענטער.

נאַכט. — אומעט נאַכט

אין פאָרצימער פון יונגן פּרינצ׳ס פליגל אין קעניגלאַכן פּאַלאַץ איז אָנגעגאַנגען אַ לוסטיקער, אויסגעלאַסענער שמועס צווישן די הויף לייט. ס׳איז געווען נאָכן גרויסן חתונה־מאָלצייט און די פאַר־זאַמלטע זיינען געווען אויפגעלעבט פון אַ סך טרינקען און גוטער פאַרדייאונג. דער הויפּט פון געשפּרעך און אַלגעמיינעם אינטערעס האָט פאַרנומען דער עלטערלאַכער לעביונג באַראָן ד׳אַגלאָן. ער האָט איצט, זייענדיק אין געהויבענער שטימונג, מיט גוסט דערציילט פון די פילע שאַרפע אַנעקדאָטן וואָס ער האָט געדיינקט. באַראָן ד׳אַגלאָן, צוליבן ראַפינירטן ציניזם און גרויסע זאַמלונג פון פאָרנאָגראַפישע

בילדער, וויצן, מעשיות פון אַלטע צייטן, איז געווען אַ זייער געוואונטשענער קאָמפּאַניאָן אין די עקסטראוואַגאַנדע אָרגיעס פון אוממאָראַלישן לואי דעם פופצענטן. אויפן באַראָן איז געזאָגט געוואָרן, אַז ער איז דער באַזיצער פון דער פולסטער זאַמלונג גראַווירן, צייכנונגען און אוילפּאַרב בילדער פון עראָטישן אינהאַלט, אין דער וועלט. דערהויפּט האָבן צווישן די אויסגעקליבענע גע׳שמ׳ט די בילדער פון דעקאַדענטישן רוים און די פון די מאָנאַסטירן.

דער באַראָן, צערויטלט און צעוואַרעמט, האָט פאַר די גאָר נאָענטע דערציילט בסוד, אַז ער האָט אויפן אויפטראָג פון זיין מאַיעסטעט איבערגעלאָזן אַן אַלבאָם מיט פּאָרנאָגראַפישע בילדער, כדי דער נאָר וואָס פאַרהייראַטער פּרינץ, זאָל׳ס איבערקוקן איידער ער וועט גיין אין מאַדאַמס אַפּאַרטמענט. ער האָט׳ס איבערגעלאָזן ביי אים אין סטודיאָ אויפן טיש. דערביי האָט ער אין פאַרברייכער שפּראַך און נאַשערישע הנאה איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פון אייניקע גראַווירן, און דערהויפּט געווען אַנטציקט פון אַ בילד, וועלכן ער האָט באַצייכנט מיטן טיטל: "וועסטאַל, הערמאַפראָדיט און צענטאַוור".

ער האָט ווייך אין האַלב טאָן פאַרטרויט זיין פריינט ד׳שעוואַל, אָפיצער אין דער קעניגלאַכער גוואַרדיע:

— זיין מאַיעסטעט פאַרדעכטיקט, אַז דער יונגער פּרינץ איז שוואַך אַלס מאַן: ער ווייזט ניט אַרויס קיין אינטערעס אין פרויען. און איז דערפון זייער באַאומרואיקט. איז אים איינגעפאַלן אַרויפצולייגן דעם אַלבאָם ביי אים אויפן טיש, און ווען ער וועט׳ס נעמען בלעטערן, וועט פּילייכט זיין פאַרשלאָפענע מענלאַכקייט אויפגעוועקט ווערן.

און האָבןביידע לוסטיק געלאַכט. דער אָפיצער האָט באַמערקט:

— זיינען דאָ ווינציק געזונטע מענער אין קעניגרייך?

דער אַלטער לעביונג האָט מיט שפּאָטישן ערנסט גערעדט:

— די דינאַסטיע איז דאָס העכסטע. ס׳טאָר ניט אויסגעלאָשן ווערן דאָס געשלעכט פון די בורבאָנען. און אויב דער פּרינץ איז ניט מאַן גענוג, — זיינען דאָ ווינציק גוואַרדיע אָפיצערן?!...

און האָט שעלמיש געוואונקען מיט אַן אויג און געלאַכט אויפן קול.

אַ לוטענאַנט פון די מושקאַטערן האָט מיט שיכור׳ער באַרעדעוו-

דיגקייט קריטיקירט די שיינקייט פון דער נאַר־וואָס געהייראַטער פרינצעסין מאַריאַ אנטואנעט. ער האָט אָנגעגעבן אייניקע אורזאַכן פאַר וואָס זי קאָן ניט גילטן פאַר אַן עכטע שיינקייט. ער האָט אויף די פינגער רעגיסטרירט יעדן אָנגעגעבענעם חסרון מיט דעם וואָס ער האָט אים פאַרבויגן, ווי נאָר ער האָט דעם חסרון אָפּגעז׳־פּטר׳ט. און ס׳האָט געהייסן, אַז זי האָט אַ צו פלאַכע ברוסט, אַ צו לאַנגע האַלז, אַ ביסל געבויגענע נאָז, אַן אַראָפּהענגיקע אונטערשטע ליפּ, אַ שוואַכן קין און אין אַלגעמיין — צו מאָגער.

אַ צווייטער איז נאָך געגאַנגען ווייטער און דערקלערט, אַז די פרינצעסין איז פון יענעם טיפּ פרוי, וועמעס לייב איז צו ווייס, און די בלויקייט פון די אָדערן איז צופיל קאָנטיק.

אין דער צייט, וואָס די הויפלייט האָבן אַזוי פריי און אויס־געלאַסן אַרומגערעדט די פאַרשטייענדיקע אינטימע פאַרהעלטענישע פון פאַרהייראַטן פּאָרל איז דער יונגער פּרינץ געווען ביי זיך אין צימער, אַרומגעשפּאַצירט מיט פאַרלייגטע הענט אויף הינטן און ס׳איז אים געווען לאַנגווייליק.

אַרום איז געווען אומאַנגענעם שטיל: אַ שטילקייט צווישן ווענט, וואָס ווערן פון דרויסן באַוואַכט. די טריט האָבן ליידיק געהילכט און געווירקט, אַז ער זאָל זיך יעדעס מאָל אָפּשטעלן און זיין אויסדרוק פון געזיכט זאָל זיין, ווי ער וואָלט זיך צו וואָס צעהערן. די הויכע ווענט פון זאַל זיינען פאַרפאַלן געוואָרן אין די נאַכט שאָטנס, און פון זיי האָט געווייעט אַן אומבאַגרייפלאַכע, הויט־איפּנעמעדיקע אימה, ווי אין וואַלד פאַר אַ שטורעם.

דער יונגער בורבאָן האָט געשפּאַנט פון איין עק זאַל צום צווייטן, געציילט די טריט און יעדעס מאָל זיך פאַרטומלט און אויפסניי געגומען ציילן פון אָנהויב. אויפן האַרצן האָט זיך אויס־געלייגט אַ שווערקייט און איז געווען געוואָר, אַז עפּעס האָט מיט אים היינט בייגאַכט פּאַסירט, און אַז היינט איז עפּעס געווען אַנדערש ווי יעדער טאָג, עפּעס איז אים אָפּגעגאַנגען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער איז היינט ניט געווען אויף יאַגד, און ער האָט אויף מאָרגן אויך ניט באַשטעלט דעם יאַגדמייסטער צוצוגרייטן, און דאָס האָט אים געמאָנט, געבויערט און זיך דערפילט אומגליקלאַך.

ס׳איז אים אַרויף אויפן זינען, וואָס ער האָט געהערט וועגן אַ מכשף, איינער אַ זשוזעפּע באַלזאַמאָ, אַ איטאַליענער, וועלכער

קאָן אָפּהילן די צוקונפט, — און וואָלט ניט געווען אין פּלאַץ צו באַשטעלן אַ סעאַנס? אַ שוידער איז געקראָכן איבערן לייב.

די ליכט אין די קרישטאָלענע קאַנדעלאַברען האָבן געברענט ווי אין אַ נעפּל. די געלבע מאַנדלפאָרמיקע פייערלאַך האָבן זיך געקלעקט און פון זיך אויסגעאָטעמט פלאַכע מעלאַנכאָליע און אַנגעשטעקט דעם שטרוי און דעם אומצופרידענעם יונג, וואָס האָט נאָך געליטן איצט פון אומפאַרדייאונג.

ער האָט ביי זיך געוואוסט, אַז ער האָט צופיל געגעסן, אָבער די פּאַטראַוועס זיינען געווען אַזוי באַ׳טעמ׳ט, און וויפיל מאָל ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט ניט אָנצועסן זיך, אָבער ס׳העלפט ניט — און דערנאָך ליידט ער.

דער גרויסער זייגער אין ווינקל האָט גלייכגילטיק און טרוקן געהאַלטן טאַקט, אָנגעפילט דעם הילכיקן חלל מיט פאַרשלעפערנדיקע איינטאָניגקייט. שאָטנס האָבן זיך געצויגן, פּאַמעלאַך געהוידעט, — און פון די געעפנטע פענצטער איז אַריינגעקומען אַ וואויל־שמעקנדיקע לופט.

אַ ליכט האָט אויפגעפלאַמט און זיך פאַרלאָשן, די טונקלקייט איז געוואָרן געדיכטער. דער יונגער בורבאָן האָט זיך אַרומגעקוקט, געזען דעם העלבלוילאַכן רויך ווי אַ שטענגע פלאַטערן, געהאַט אין זינען עפּעס צו טאָן, — און זיך אָבער געפוילט. אַ שאָטן פון מורא איז אים אַריבער. — און דער בויך טוט אים אַזוי וויי. ער האָט זיך פאַרקרימט.

ער איז געבליבן שטיין ביים טיש, געזען אַן אַלבום, גענומען גלאָט אַזוי זיך בלעטערן, געזען עפּעס צייכענונגען פאַרשיידענע, געשלאָסענע אַראַבעסקן, מיט פאַרב און אָן פאַרב, אָבער ער האָט זיך ניט צוגעקוקט, ס׳איז אים אין קאָפּ ניט געלעגן: דער בויך האָט אים שרעקלאַך וויי געטאָן.

ער האָט אויך פון טיש אויפגעהויבן אַ קאָרט מיט אַ פיין געצייכנטע "פלער ד׳לי" און אונטן האָבן זיך אין גאָטישן שריפט געשוואַרצט דריי ווערטער:

Lilia Pedibus Destrue

ער האָט זיך פאַרטראַכט, געוואוסט דעם טייטש, אָבער ניט געכאַפּט דעם מיין. — וואָס באַטייט׳ס?

אַ צווייט ליכט האָט אויפגעפלאַמט און זיך פאַרלאָשן, און אין

זאָל איז געוואָרן נאָך טונקעלער. די שאָטנס זיינען געוואָרן פולער און שווער געגומען פויזן איבער די ווענט.

און וואָס איז דער מער מיט די ליכט ? פיליכט אָ צו שטאַרקער צוג ? ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער.

אין דרויסן איז געווען שטיל און פרידלאַך. קיין זאַך האָט זיך ניט באַוועגט : — טויט און פאַרגליווערט, און איז מיט אַ מאָל געוואויר געוואָרן, אַז עפּעס פעלט אינם זאַל. ער האָט זיך געכאַפּט : דער זייגער האָט זיך אָפּגעשטעלט : — טשיקאַווע, ער האָט אים היינט אַליין אָנגעדרייט.

אַ שווערער געפיל האָט אים געדריקט.

די שווערע טיר פון צימער האָט זיך שטיל און פּאַמעלאַך געעפנט, און דער גרויסער ווייסגעפּודערטער קאָפּ פון לואי דעם פופצענטן האָט זיך אַריינגעשטעקט. אַ זיסלאַך קול, באַרירט פון חוזק האָט זיך ליידיק געהילכט :

— ביזט גאָר דאָ אין דער פינצטער ? ניט געגאַנגען זען מאַדאַם אין איר אַפּאַרטמענט ?

אין קאָרידאָר האָט דער אַלטער מאַנאַרך אָנגעטראָפן דעם דינסט־פּאַרטיקן באַראָן ד'דאַגלאָן, וואָס האָט אויף אים געקוקט מיט פרעגנדיקע אויגן. לואי דער פופצנטער האָט געשמייכלט און געזאָגט :

— איך האָב מורא, אַז די דינאַסטיע פון די בורבאָנס ענדיקט זיך מיט מיר.

נאַכט. — די קאַטאַסטראָפע

קאַזאַנאָוואַ, געוויקלט אין ברייטן, פאַלדיקן מאַנטל, האָט געמיטלאַך שפּאַצירט צום פּלאַץ לואי דעם פופצנטן. דער אָוונט איז געווען אַן אָנגענעמער און צייט האָט ער געהאַט גענוג, און איז מיט אַ לייכטן געמיט געגאַנגען באַגעגענען קאַליאָסטראָן. אַזוי גייענדיק האָט ער דערוויל ספּעקולירט צי איז קאַליאָסטראָ וויכטיק גענוג, אַז ער זאָל אים אַריינגעמען אין זיינע נאָטיצן, און ביי אים אין דמיון האָט זיך ביסלאַכווייס געגומען פאָרמירן די געשטאַלט פון אַ „באַרימטן שאַרלאַטאַן" פּאַרטיק צו איבערגעבן דער נאָכוועלט.

איז ער אַ שאַרלאַטאַן ? — און איז אַליין ניט געווען קלאָר אין דעם. — אום צו זיין אַזוינער פעלט אים הומאָר און ספק. די אָפּוועזנהייט פון די צווייי שטריכן רויבן אים פון אמת'ער גרויס־

קייט. אָבער צוריק גערעדט, איז׳ס אפשר קיין באַוויז ניט. דאָס בעסטע איז דער גאָלדענער מיטען, און די וואָס געפינען זיך אין דעם מיטען זיינען געבענטשט מיט דער פולער רייכקייט פון לעבן. אַלע חושים אין פּראָפּאָרציע אַנטוויקלט. — און ער?

וואָס נעענטער ער איז צוגעקומען צום באַשטימטן פּלאַץ אַלץ מער זיינען געוואָרן די גאַסן באַלעבאַט און געדיכט מיט אָנקומענדיקע מענטשן, אַלע האָבן זיך אין ערגעץ געצויגן, אַלע זיינען עפּעס געווען אויפגערעגט, געמאַכט מיט די הענט און הויך גערעדט.

אין איין פּלאַץ האָט אַ מיטליאַריקע פרוי אָנגעטאָן אין שמאַטעס, זיך שטאַרק אָנגעהאַלטן אָן אַ שווערוואַגיקן האַלב שיכור׳ן מאַן, אים מיט געוואַלד געצויגן אין הויף, דערביי שריל געשריען.

— דיר ווילט זיך גיין זען ווי מ׳פאַרברענט געלט, און אין שטוב איז קיין ברויט ניטאָ!... ועסט ניט גיין...

דער מאַן האָט זיך געריסן:

— לאָז, שאַרלאָטע, מיר פייערן היינט די „עסטרייכערין״... ס׳לעבט די נאַציאָן!

אין אַ ווינקל גאַס האָט אויסגעבראָכן אַ טומל, ס׳איז געוואָרן אַן אויפגעלאָף. אַ הויפן מענער און פרויען זיינען באַפאַלן אַ בעקער־קראָם, און ס׳איז געוואָרן אַ געשלעג.

אַן עלטערע פרוי, שיכור און צעשויבערט, האָט אויפגעעפנט איר יאַקל פון פראַנט, און יעדן וואָס זי האָט באַגעגנט געוויזן איר איינגעדאַרט ברוסט, און מיט שוימיקע ליפן אונטערן נאָז געפלוכט:

— איינגעדאַרט פון הונגער און קעלט. זי איז יונג, האָט פולע בריסט — די יונגע בולערין...

קאַזאַנאָוואַ האָט אויף דעם אַלץ געקוקט אָן שום אָנטייל, ס׳איז אים אויף אַ ווײַלע ניט איינגעפאַלן צו פאַרטראַכטן זיך אויף די ליידן פון פאַראָרמטן פאָלק. פאַר אים איז׳ס געווען אַ פאַרשטעלונג, אויף וועלכער ס׳קומט אַמאָל אויס צו קוקן.

אַ מיטליאַריקע פרוי, אַ בלייכע, אַן אויסגעדאַרטע, האָט אים אָנגענומען ביים אָרעם און געבעטן:

— קום זיי מיט מיר, איך בין הונגעריק פאַר אַ מאָלצייט וועל איך מיט דיר שטיין די גאַנצע נאַכט.

קאַזאַנאָוואַ האָט זיך באַפרייט פון איר. עפּעס האָט זיך ביי אים אין האַרצן אַ ריר געטאָן. זיין קוק איז געפאַלן אויף אירע

צעדרייטע שיך, וועגן עפעס אַ טראַכט געטאָן און ווייטער געגאַנגען.

ער איז געוואָרן פילאָזאָפיש: — ער האָט פון תמיד באַהויפּט, אַז דעם אמת׳ן צושטאַנד פון אַ לאַנד איז צו אורטיילן פון דער ווילַיגקייט פון די האַרלאָטס צו פאַרקויפן זיך פאַר יעדן פרייז, — און אויב אַזוי האַלט מיט פראַנקרייך ווירקלאַך שמאָל.

ביים ראָג פון אַ שענקל האָט ער אָנגעטראָפן קאַליאָסטראָן, וועלכער האָט אים באַגעגנט מיט די ווערטער:

— זשיאָוואַני, האָסט באַמערקט די אויפרעגונג אין די גאַסן? ס׳הויבט זיך אָן רירן. דאָס פאָלק ווי אַ בער הויבט זיך אָן פאַנאַנדער־וועקן. קוק זיך, קאַזאַנאָוואַ גוט צו צום שילד אין דרויסן. פון דעם קאַבאַרע הויבט זיך אָן די רעוואָלוציע... געדענק מיינע רייד — קום אַריין אינווייניק.

אין שענקל איז געווען טומלדיק. ס׳האָט זיך ביים אַריינקומען אינעווייניק געפילט אַ גערויש ווי פון אַ וואַסערפאַל.

קאַליאָסטראָ האָט אים צוגעפירט צו אַ ווינקל טישל, באַפוילן דעם ווירט צו שיקן אַ פלאַש וויין.

דערנאָך האָט ער גערעדט:

אָט די אַלע יונגע לייט, וואָס געפינען זיך דאָ אין קאַבאַרע, טראָגן אויף זייערע אַקסלען פראַנקרייכ׳ס גורל. זעסט דאָרט דעם קליינעם מיט די שאַרפע געזיכטצוגן, דיקע ליפּן און פייערפלאַנדיקע באָזפליגלען, וואָס זעט אין אַלגעמיין אויס ווי אַ פּאָרטוגעזער פיראַט? קוק זיך גוט צו אים. זיין נאָמען איז מאַראַט, אַן אַרצט, פאַרביסע־נער פיינט פון דער מאָנאַרכיע, אַ פריינט פון רוסאָ און פאָלק. פאַרצייכן אין קאָפּ, זשיאָוואַני, דיין באַגעגעניש מיט מאַראַט... ער איז פול מיט האַס און פאַראַכטונג צו די אַדעליגע. ער איז גרויזאַם, ווי אַן אַרצט האָט ער זיך פאַרהיימישט מיט די פולע אומ־דערשראָקנקייט פון שניידן, ווייל דאָס איז דער וועג פון רעוואָלוציע. דערפאַר איז אָבער זיין האַרץ ברייט און וואַרעם וואָס איז שייך די אינטערעסן פון פאָלק, דערהויפּט אַרבעטער. ער איז זייער קלאָר אין זיין אופן פון גרויזאַמקייט, און פאַר אים עקזיסטירט נאָר איין קלאַס — דער אַרבעטער־קלאַס, פאַר אים קעמפט ער מיט זיין גאַנצן פייער... זעסט דאָרט דעם אינגל מיט די אומרואיקע, ברענענדיקע אויגן, וואָס דרייט זיך אַרום מאַראַט׳ס טישל, — זיין נאָמען איז קעמיל דעמולין, אַ צוקונפטיקער פירער פון דער רעוואָלוציע...

די אויפגעלעבטע טרינקער האָבן זיך געהיצט, אַרגומענטירט, און דער טומל איז געשטיגן. אימיצער האָט מיט אַמאָל הויך אויסגע־שריען: — ס'לעבט די נאַציאָן!

פילע שטימען האָבן אונטערגעהאַלטן:

— ס'לעבט די נאַציאָן!

פון אַ טישל האָט זיך אויפגעהויבן אַ יונגער מאַן מיט אַ שטאַרקן, אָבער געפּאַקטן, געזיכט, און אַננעמענדיק דאָס געשטעל פון אַן אַקטיאָר אין דער „קאָמעדיע פראַנסע" האָט דראַמאַטיש אַדרעסירט די אַלע אַנוועזנדיקע:

— בירגער, מ'גייט היינט בײנאַכט געבן דעם הונגעריקן פּאַריזער פייערווערק, ניט קיין ברויט. נידער מיט די פּאָלק אונטערדריקער!

אימיצער האָט צום רעדנער גערופן:

— רואיק, גאַסטאָן, ווילסט לאַנדן אין באַסטיל?!

אָבער דער רעדנער האָט אָנגעהאַלטן זיין פּאָזע און ווייטער געטריבן:

— בירגער, לאָמיר גיין אַהין וואו ס'ווערט געפייערט דער בונד פון צוויי מינדערזיניקע... קומט פּראָטעסטירן!...

— קומט פּראָטעסטירן! — האָבן פילע געשריען און זיך אויפגעהויבן פון זייערע ערטער.

באַלד האָט זיך דאָס שענקל געגומען אויסליידיקן. דער ווירט האָט אַלעמען געבעטן צוריקקומען נאָך די פייער־ווערק.

קאַליאָסטראָ און קאַזאַנאָוואָ האָבן זיך אָוועקגעלאָזט מיטן שטראָם צום פּלאַץ, וואו ס'האָט געדאַרפט פאַרקומען די האַכצייט־פייערונג. די ענגשאַפט אַרום האָט זיך שטאַרק געלאָזט פילן.

מענטשן פון אַלע שטאַנדן האָבן זיך געצויגן און אָנגעפילט די דערבייאיקע גאַסן. די אַדעליקע און רייכע זיינען געקומען אין שיי־נענדיקע עקיפּאַזשן מיט זייער גוט געכאָוועטע פערד אין שפּאַן. די פעל פון די פערד האָבן געגלאַנצט, כאָטש צו שפּיגלען זיך אין זיי, און פילע פון די פוסגייער האָבע קנאה'דיק געקוקט אויף די גוט געשטימטע פערד און אַרויסגעלאָזט גאַר ניט קיין שמייכלהאַפטע באַמערקונגען אויפן חשבון פון די פאַרער. די אַלע סאָרטן פורן האָבן פאַרשטעלט דעם צוטריט צום אַריינגאַנג אין סקווער, און דאָס פּאָלק האָט זיך געשפּאַרט און דער געדרענג איז געוואַקסן.

דער הימל איז מיטאַמאָל באַלעבט געוואָרן מיט אַ בלענדנדיקע ליכטיגקייט, באַלד האָט עפּעס עקספּלאָדירט, און טויזנטע שטערן האָבן זיך פאַנאַנדערגעשאָטן אין חלל. טויזנטע קעפּ האָבן געקוקט אַרויף.

— ס׳האָט זיך שוין אָנגעהויבן.

דער סקווער איז געווען אָנגעפּילט פון ברעג צו ברעג. מ׳איז געשטאַנען געדריקט איינער אין איינעם, און אַלע פּנים׳ער זיינען געווען געווענדט צום הימל. ס׳האָט זיך ערגעץ אין דער געדיכטער מאַסע געשפּירט אַ נערוועזע אומרואיקייט, און טויזנטע קעפּ, ווי זאַנגען אונטער דרוק פון ווינט, האָבן זיך פלעצערווייס באַוועגט. פלוצים האָט זיך דערהערט אַ פאַרטויבנדיקער אויפרייס, און דער הימל און אַלע קעפּ זיינען אָפּגעגאָסן מיט אַ פאַרבלענדיקע ליכטיגקייט. פאַרשיידנפאַרביקע פלאַמען, געמישט מיט געלבלאַך־ווייסן רויך, האָבן מיט אימפּעט און ווינט זיך גענומען רייסן אין דער הויך. מיטאַמאָל אַן אומגעוויינלאַכע שטילקייט, אַן איינהאַלט פון אָטעם, און באַלד אַ ווילדער אויסברוך.

עמיצער האָט אין טויטשרעק אויסגעשריען:

— דאָס פייער־ווערק האָט זיך אָנגעצונדן!

— ראַטעוועט זיך!

פון די זייטן האָבן מענטשן, ווי ביסלאַך פון אַן אויפגעעפנטן זאַק, זיך גענומען פאַנאַנדערשיטן, און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדער אוממענטשלאַכער געלאַף. אין מיטן סקווער איז די שטיקעניש געוואָרן אומדערטרעגלאַך, און וואָס מער יעדער באַזונדער האָט זיך געוואָלט פון דעם קנויל אַרויסדרייען אַלץ מער האָבן זיי זיך איינגעפלאָנטערט, און זיך באַוועגט ווי איין גרויסע כוואַליע, געטריבן פון שטורעם. פאַרטויבנדיקע טויטגעשרייען האָבן זיך געריסן פון די מיילער און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַניק: מענטשן זיינען אומגעשליידערט געוואָרן; געטראָטן געוואָרן פון ווילדע, אָן אָטעם שפּאַרנדיקע, מענער און פרויען. אַלע, דערשראָקענע, האָבן זיך איינע אויף די אַנדערע געשפּאַרט ווי שעפּסן אין אַ שטורם, און פאַרצווייפלט געשריען מיט באַנומענע קולות. פון אַ גאַס האָט זיך געטראָגן אַ באַריטענער סקאַדראָן און באַלד זיך צונויפגעמישט מיט די לויפנדיקע אין איין קנויל. איינציקע רייטער האָבן זיך גאָר געטראָגן און צוגעגעבן מער שרעק. פערד האָבן זיך געריסן פון

די שפּאַנען, אומגעקערט די וועגן און מענטשן זיינען געטראָטן געוואָרן פון צעווילדעוועטע פערד.

די וועמען ס׳איז געלונגען זיך אַרויסצורייסן פון געפערלאַכן מיש־מאַש האָבן אָן אָטעם דערציילט פון דער קאַטאַסטראָפע: הונ־דערט צעטראָטן אויף טויט און טויזנטע פאַרוואונדעטע.

קאַליאסטרא האָט אַרויסגעפירט קאַזאַנאָוואַ׳ן פון דער ענגשאַפט. קאַזאַנאָוואַ איז געווען צופּוזשעט, געקוקט מיט גרויסע אויגן אויף די אויפגערעגטע. די רעטונגס אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן. ס׳האָבן זיך געוויזן פּאָליציאַנטן, זשאַנדאַרן מיט טראָגבערעטער.

קאַליאסטרא האָט געצויגן קאַזאַנאָוואַ׳ן פאַרן אַרבל און געזאָגט:
— אַ שלעכטער סימן פאַר דעם פאַרהייראַט פּאָרל.

אין אַ האַלבער שטונדע אַרום איז קאַזאַנאָוואַ געווען צופרידן וואָס ער האָט דורכגעמאַכט די דערפאַרונג, און גענומען געווינען זיין פריערדיקע געמיטלאַכקייט.

זיי זיינען אַריין אין אַ זייטיקער גאַס און קאַליאָסטרא איז אַריינ־געפאַלן אין אַ פּראָפעטישער שטימונג. ער האָט גערעדט:

— די פאָרשטעלונג האָט זיך אָנגעהויבן, פון דעם אָוונט הויבט זיך אָן דער נידערפאַל פון דער אַבסאָלוטער מאַנאַרכיע פון "גראַן מאַנאַרד" לואי דער פערצנטער. די מאַנאַרכיע איז טויט. וואָס נאָכדעם? רעפּובליק נאָך רעפּובליק — אַן אַנדער פאָרם. מעגלאַך אַ פאָרם פון קאָמונאַלן צוזאַמעלעבן... ס׳האָט גענומען טויזנטע יאָרן צוצוקומען צו אַ ברעכפּונקט. איינמאָל צוגעקומען וועט שוין אַלץ לויפן ווי פון זיך אַליין. פאַרוואָס פראַנקרייך צוערשט? אפשר דער־פאַר, וואָס זי איז מער צעפוילט, אפשר דערפאַר, וואָס הורן האָבן זי רעגירט איבער הונדערט און פופציק יאָר, און אפשר דערפאַר, וואָס אין דער נאַטור ברעכט אַלץ אויס שטעלנווייס. ס׳גייען אָפּט אַוועק גאַנצע יאָרהונדערטע אַזוינע מאָגערע, טרוקענע און מיטאַמאָל אַ יאָר־הונדערט אַזאַ פרוכטיקער: פול ליכט, וואַרהייט און געניע. דער־שיינונגען און גרויסע געשעענישן טראָגן אין זייער וועזן פיל קינדישעס און אומלאָגישעס: איך זשוזעפע באַלזאַמאָ גילט פאַר אַ שאַרלאַטאַן. פאַרוואָס? דערפאַר וואָס מיין גאַנץ לעבן איז געווידמעט צו דערפינדונגען, אַנטדעקונגען, וואָס צילן צו ברענגען די העכסטע פאָרם פון גליק אויף דער ערד. איך בין אַרצט, איך בין אַלכעמיקער. איך זוך אויסצוגעפינען דעם סוד פון פראָצודירן גאָלד דורך אַ געוויסן כעמישן

פראַצעס און דורכדעם אָפּשאַפן דעם ווערט פון געלן מעטאַל און שוין אין איין גאַנג דעם גרויסן איבל, וואָס פאָלגט זיין שפור. איך אַרבעט זייער שווער צו פאַרפערטיקן אַן עלעקסיר וואָס זאָל אָפּשאַפן דאָס גרויזאַמסטע, דאָס העסלאַכסטע פון מענטשנס לעבן — אַלטקייט. און מיט אַנטדעקונגען איז אַזוי: געליגנט׳ס — גרויס. געליגנט׳ס ניט — שאַרלאַטאַן, קיינער גיט ניט קרעדיט פאַרן פאָרשן, קיינער נעמט ניט אין אַכט מיין פאַרשווענדן שטיקער צייט מיט אַן אַלטן קרענקלאַכן מאַן — מיין לערער אַלטהאַטאָס — אין זוכענישן פאַרן יוגנט־עליקסיר. דערפינדונגען פון גרויסן פאַרנעם זיינען שטענדיק פאַרבונדן מיט שאַרלאַטאַניזם, דער דורכשניט מענטש איז נאָך אַלעמען אויפגעשטעלט פון ביליקן מאַטעריאַל. ער האָט קיין כּוח ניט צו גלויבן אין עטוונס גרויסעס... אַזוי איז׳ס, מיין לאַנדסמאַן, מיין מיסיע דאָ אין פראַנקרייך איז געענדיקט, און ס׳איז פאַר מיר די העכסטע צייט צו פאַרשווינדן.

קאַזאַנאָוואַ האָט יע געהערט און ניט געהערט, וואָס קאַליאָסטרא האָט גערעדט, אָבער אין איין פלאַץ איז ער געוואָרן אויפמערקזאַם. דאָס איז געווען, ווען ער האָט גערעדט וועגן יוגנט־עליקסיר. ביי אים אין קאָפּ האָט זיך עפּעס נאָכאַנאַנד געבאָמבלט: אַ רפואה צו אָנהאַלטן די יוגנט — און וויפל פרויען ס׳וועלן נאָך פאַר אים פאַר־בייגיין, זיי וועלן זיך ציען ווי אויף אַ פּאַראַד, און וויפל ער וועט נאָך האָבן צו פאַרשרייבן. ער האָט גערעדט:

— איך האָב טיילווייז געהערט וואָס דו האָסט גערעדט. אַלץ אמת, און אייניקע פלעצער אַפילו פּאַטעטיש. ס׳פּאַסט גאָרניט פאַר אַן אַוואַנטוריסט אַזוי צו ריידן. דאַרום גלויב איך, אַז ביזט אין גרונט אַ סענטימענטאַלער מענטש, אַן אמת־מיינענדיקער טרוימער. און טרוימער זיינען פון אייביק אָן ווייך און פּאַטעטיש, זייער אייגענער לעבן איז שטענדיק אונטער אַ שלייער: קיין זאַך ניט באַשטימט, קיין זאַך ניט קלאָר, קיין תּאווה ניט אונטערגעשטראָכן, זייער עמאָציעס גלייך באַלאַנסירט. איך, קאַליאָסטרא, בין אַן עגאָטיסט: — אָן מיר איז גאָרנישט! אַלץ איז נאָר אויף אַזויפיל גוט, ווי ווייט איך דענק אַז ס׳איז גוט. איך בין דער, וואָס פאַרליי פאַרב און אינהאַלט צו דער ביליקסטע האַרלאָט. איך האָב ליבער וואָלטער׳ן ווי רוסאָ׳ן, כאָטש רוסאָ איז אַ מער וויכטיקער, פּאָזיטיווערער מענטש ווי וואָלטער. פאַר מיר איז סאָקראַטעס אַ דענעגערירטער גריך: — איינער, וואָס

באַשאַפט מיט מאַטערניש אַ פאַרבלאָזן אמת און דערנאָך זוכט ער אים מיט טעאַטראַלן אַנשטעל. איך האָב זייער ליב פראַנציס פון אַסיסי — אָבער דעם אמת׳ן: פראַנסיס פון ערשטן טייל פון זיין לעבן. דער פון צווייטן טייל: אַ לאַנגווייליקע פאַרזעצונג, אַ ליידיקע זאַך, פונקט ווי מ׳וואָלט ביי אים דאָס ריין מענטשלאַכע אַרויסגע־גנב׳עט. אַט האָב איך מער אַכטונג פאַר מאַדאַם דובאַרי ווי פאַר לואיזע לאַוואַליער. ביידע גלייך זיינען געווען דאָס, וואָס מ׳האָט געוואָלט זיי זאָלן זיין. נו, האָט איינע פרום געקרעכצט און געזיפצט און די צווייטע האָט לוסטיק טריי אויסגעפירט איר ראָליע...
אָבער נאָך אַלעמען, קאַליאָסטראָ, קאָן איך דען אַזוי באַשטימט ריידן וועגן זיך? ביין! און ניט שטענדיק בין איך דאָס וואָס איך בין. דאָס אומגעקערטע פון מאַסאָנישן „שלאַגוואָרט״... אַט שוין פון נעכטן ביינאַכט אָן, אַז איך פיל עפּעס אַנדערש: ביי מיר אין קאָפּ שפּאַרן די פערזן, און איך קאָן זיי ניט בייקומען. ווילסט הערן קאַליאָסטראָ? — און האָט גלייך גענומען רעציטירן:

„האָסט מיך אָנגעקוקט, בלום פון שרון״
און ס׳האָט אַ ווייַ געטאָן מיט פעלד און וואַלד.
אויפגעהויבן די אויגן — אַ זון פון וואָלקנס,
אַראָפּגעלאָזט — פאַרהאַנג פאַלט.

קאַליאָסטראָ האָט געצויגן די אַקסלען:

— דיכטעסט ווי אַ נאַר, זשיאַוואַני, טשיקאָווע: איך זשוזעפּע באַלזאַמאָ, לעב אַ לעבן פון אַ נזיר גילט פאַר אַ שאַרלאַטאַן. דו, וואָס האָסט דיין לעבן אָפּגעטאַנצט אין אַ קאַדריל פון הורן און אינטריגן, ווערסט איבערלאָזן בענדער מעמואַרן, און אימפּאָטענטע נאַטורן און דאַרפס־יוגנט וועלן זיך קוויקן מיט דיינע געפאַרבטע דערמאַנונגען.
— שיקזאַל!

ער איז געוואָרן אומעטיק און פאַרטראַכט און מיט אַמאָל אַ זאָג געטאָן:

— גוט נאַכט, זשיאַוואַני!

— גוט נאַכט, באַלזאַמאָ!

קאַזאַנאָוואַ האָט אים נאָכגעקוקט און פאַר זיך שטיל געזאָגט:
— אַ טראַגישער מענטש.

ער האָט זיך לאַנגזאַם אַוועקגעשפּאַצירט, געברומט פֿאַרזיך אַן אויסגעלאסן סאָלדאַטן־ליד, ער האָט זיך אָן עפּעס דערמאָנט און גלייך איבערגעביטן דעם ביגון אויף אַ מער אַנשטענדיקן. די גאַס אין וועלכע ער האָט זיך פֿאַרנומען האָט געזאָדן מיט לעבן און אויפֿרעגונג: אַלע האָבן מיט אַנטריסטונג גערעדט וועגן דער שרעקלאַכער קאַטאַ־סטראָפֿע. אַלע זיינען געווען אויפֿגעבראַכט. ס׳איז פֿאַרבייגעריטן אַ פּאַטראָל, קינדער זיינען נאָכגעלאָפֿן די פֿערד, געשריען און נאָכגע־שיקט קללות און זידלווערטער. מוטערס האָבן גערופֿן די קינדער,

— פּאָטערס האָבר זיך געקאָכט, איינער האָט הויך געשריען:

— ס׳לעבט די נאַציאָן!

— נידער מיט דער „עסטרייכערין״! — האָט אַ צווייטער אָפּגעקלונגען.

קאַזאַנאָוואַ איז געגאַנגען צווישן די אויפֿגערעגטע פֿיגורן ווי צווישן בוימער אין וואַלד אין צייט פֿון אַ ווינט: אויף וויפֿיל די בוימער זאָלן זיך ניט וויגן און רוישן. ער אָבער איז מער־ווייניקער געזיכערט. ס׳האָט זיך אים אַ טראַכט געטאָן: אפשר שפּאַצירט ער טאַקע אין קאָרידאָר פֿון דער רעוואָלוציע? מ׳דאַרף אַזוי פֿאַרשרייבן: אין קאָרידאָר פֿון דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע... יע, יע, ס׳איז אַלץ גוט ווען מ׳איז יונג. — ער האָט אַרויסגערוקט די אונטערשטע ליפּ, אַ הויב געטאָן די ברעמען און גענומען ברומען אַ ווענעציאַנער גאָנדאָלאַ־ליד. אַביסל שפּעטער האָט ער באַטראַכט אַ רינג אויפֿן צווייטן פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט, אַ פּרואוו געטאָן דעם סאַפּיר צי ער האַלט זיך שטייף און געפֿונען אַז דער שטיין איז עטוואָס לויז; מ׳דאַרף אים פֿאַרפֿעסטיקן, און באַלד זיך פֿאַרנומען אין גאַס, וואו מנשה דער יוּוועליר האָט געוואוינט.

אין זומער אָוונטן

.1

אַן אַלטע מעשה : — וואַריאַנט

אידן דערציילן : —

ווען דער קיסער פון רוסלאַנד, ניקאָלאַי דער ערשטער, איז איינמאָל געוואָרן אַזוי שיכורלאַך ווי ס׳געהער צו זיין, און זיין לאַנגער פּנים האָט געפלאַמט פונם ווייַן, וואָס ער האָט אין זיך אַריינגעגאָסן, איז ער פּלוצים באַפאַלן געוואָרן פון אַ שיגעון, באַפוילן אייניקע פון די הויפלייט צו ברענגען אַ אמת׳ן אידן : — מיט באָרד און פּיאות. די הויפלייט זיינען פאַרציטערט געוואָרן, זיך תיכף אַרויסגעלאָזן צו אויספירן דעם קייסערלאַכן באַפעל, גענומען אין דער עיר־הבירה זוכן אַזאַ אידן ווי מיט ליכט, און ס׳איז דאָך ידוע, אַז מ׳זוכט פלייסיק געפינט מען, האָבן זיי טאַקע געפונען אַ אידן אַ הדרת־פּנים מיט אַ באָרד לאַנג און ברייט גענוג צו פאַרדעקן אַלע חסרונות פון דעם גרעסטן קייסער, זיי האָבן אים באַפוילן זיך אויסצופוצן, זיך צוגרייטן און זאָל דערנאָך דערשיינען מיט זיי פאַרן גרויסן קיסער פון רוסלאַנד.

דעם שיינעם אידנס האַרץ האָט געצאַפּלט : עפּעס אַ קלייניגקייט צו זיך ווייזן פאַרן מלך. אַן אימה האָט אים אַרומגעכאַפּט. אָבער וואָס קאָן מען טאָן ? דינא דמלכותא דינא, און דער איד האָט גענומען מאַכן הכנות. מיט גרויס האַרצווייטיק אָפּגעגאָלט דאָס באָרד, אָפּגעשאָרן די געקרייזלטע פּיאות, זיך אַרומגעוואַשן, אָנגעטאָן אַ ווייס העמד און אַ שרעקנדיקער אָנגעקומען אין הויף, און ס׳האָט געטראָפן ווי נאָר דער גרויסער קייסער פון רוסלאַנד האָט דערזען דעם שוואַכקניאיגן אידן האָט ער אויסגעשאָסן אין שיכור׳ן געלעכטער און אויסגערופן :

— נעמט אים צו פון מיינע אויגן, ער איז קיין איד ניט ! . . .

.2

פאַרנאַכט ביים ים

צו וואָס, מיינע טייערע לעזער, איך דערצייל פאַר אייך איבער, און ניט אין גאַנצן גוט, די אַלטע מעשה, און וואָס פאַראַ שייכות זי קאָן האָבן מיט דעם, וואָס איך גיי פאַר אייך באַשרייבן, איז מיר אַליין אויך ניט קלאָר, חוץ אפשר, וואָס אין מיין אונטערבאַוואוסטזיין שאַפט זיך אַ השערה, אַז אַלץ אין אונזער טייערן לעבן בינדט זיך און פאַרט זיך, און דאָרום קאָן מען אַזוי אומשולדיקערהייד דערציילן אין זייער אַ שיינעם, הגם לייכטזיניקן, אופן אַ מעשה וואָס זאָל זיין געראָטן אין אַן אַנדער מעשה, שוין פריער געהערט. — און דאָס וואָס איך טו.

ס'איז באַקאַנט, אַז אין לעבן שפּאַצירן געמיטלאַך אַרום אייניקע שיטות וועגן פרויען נאַקעטקייט און פאַרטשפּען פאַרשיידענע שיכטן פון דער מאַנסבילשאַפט אויף אַזויפיל, אַז ס'ווערן געשאַפן גאַנצע ויכוחים אין דער קונסט וועגן אָט דעם קיצלדיקן ענין. וואָס מיר גופא איז אין דעם פרט שייך האַלט איך זיך פעסט אָן דער שיטה, וואָס באַהויפּט, אַז ניט נאָר איז פרויען נאַקעטקייט ניט געפערלאַך פאַרן מאַראַלן וואוילזיין און גלייכגעוויכט פונם מאַן נאָר פאַרקערט: ס'מאַכט אים גאָר פאַרגעסן, וואָס אין זיינע געראַמע מינוטן איז ער באַזעסן מיט אַ פאַרצערנדיקער תאווה צום מין פרוי, און מחמת אָט דער אנשויאונג זיינען פאַר מיר אַלע פלעצער, וואו פרויען דערלויבן זיך צו מאַכן פון זייער נאַקעטקייט אַן אויסשטעל־לונג אַזאַ סאָרט באַד, אין וועלכער איך האָב קיין חשק ניט צו פאַרשמעקן. — צו וואָס אָפּטויטן אַן אַפּעטיט?

ביי אַ פרוי, וואָס די פיס קומען זיך ענג צוזאַמען אין די קני און רייבן זיך איינע אָן די אַנדערע, אָדער ביי איינער וועמענס ליטקעס זיינען באַדעקט מיט לאַטעס פעטס, ביי אַן אַנדערער אויף וועמעס פיס די בלויע אָדערן אין באַרעלעף צווייגן זיך פאַנאַנדער ווי די רעלסן אויף פענסילוויניע וואָקזאַל, — גלויב איך, אַז אַזאַ אויסגעשטעלטע נאַקעטקייט איז אין גאַנצן אומשעדלאַך, און ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלן, אַז זיי זאָלן זיין אין שטאַנד צו דערוועקן ביים מאַנסביל פאַרנאָגראַפישע מחשבות. ס'איז שווער צו מאַכן שלום מיטן אייגענעם רעיון און געשמאַק, וואָס ס'איז שייך אַ פרוי

ווען מיטלטייל קנייטשט זיך ווי אַ האַרמאָניקע,ווען „באַנ־יאַנס" זיינען כעס׳דיק געשוואָלן און שטעקן אַרויס ווי סוקעס אין ווינטער־פאַר׳יתום׳דיקע בוימער. דאַרום טאַקע איז זיך שווער פאָר־צושטעלן, אַז די אַנטבלויזטקייט פון אַזעלכע נימפן און באַיאַדן זאָלן פון מיין עכט אידישער פערזענלעכקייט מאַכן אַזוינעם, וואָס זאָל גאָר אַן שאלות און מענות קאָנען איבערטרעטן אייניקע געבאָטן פון די עשרת־הדיברות.

אָבער ס׳טרעפט דאָך אָפט וואָס אַ ברכי־נפשי אומעט באַפאַלט מיין בלוטאַרימען דאַזיין און הויב אָן אין זיסלאָך ווינטער־פאַרנאַכ־טיקע מעלאַנכאָליע צו בענקען — נאָך וואָס? איין ליבער גאָט ווייסט. אפשר בענקט זיך מיר, ווי אין די אַמאָליקע ראָמאַנען פון די „מידע זעלען"־שניט: — נאָך דאָס אומבאַשטימטע, נאָך דעם, וואָס איז פאַרהוילן פון אונזער ראיה, נאָכן אַזוי שיין באַזונגענעם און ברוגז׳ן ים, נאָך די אַלע גוטע זאַכן פון לעבן, וועלכע זיינען איבער מיין קאָפּ אַריבער ווי מחנות שוואַרצע ראָבן און מיך אַפילו ניט באַרירט מיט זייער פליגלפאָכן. איך בענק נאָכן לירִיזם פון אונזערע דיכטער, וואָס איז אַזוי אַפּוועזנד אין זייערע לידער, בענק נאָך דער אַבסטראַקטער שיינקייט פון סורעאַליזם, בענק נאָך די פרום־עראָטישע לידער, וואָס ס׳האָט אַמאָל דער יונגער ווערטהער אין צופּלוס פון טוגנטהאַפטער תאווה געדאַרפט זינגען שאַרלאָטן, ווען הער געטהע האָט פון זיי אַראָפּגענומען זיין וואַכזאַם אויג, קורץ, איך בענק, און בענק, און דעמאָלט ווען אָט דער יוגנט־טרויער דריקט אַזוי שווער מיין אידישע נשמה לאָז איך זיך אַזוי אַוועק צום ים, באַטרעט דעם ברעטערגאַנג, שפּאַציר דאָרטן ווי אַ פאַרבלאָנדזשעטער צדיק צווישן די אויסגעלאָסענע געטער פון עפּעס אַ מיטאָלאָגיע, מיינע אויגן קוקן פול חידוש: פרעמד, טשיקאָווע און דאָך...

און ווי ביי מעלאַרמע:

די נאַטור איז באַשאַפן געוואָרן כדי זי זאָל זיך קאָנען רחוות־דיק אויסשפּרייטן אויף לייוונט און אין בוך... — געשמאַק איז געגעבן געוואָרן כדי צו קאָנען העזה׳דיק מאַנען פון אַנדערע דאָס וואָס מ׳באַזיצט אַליין ניט. — און דער ים און דאָס אַרומיקע אַ זעלטענע געמעלאַכץ!...

איך שפּאַציר ווי אַן אַנדאַנטע, בין שרעקלאָך אויסגעליידיקט פון אַלע וואולגאַרע באַגערן, וואָס מאַכן אונזער לעבן ענלאָך צו אַ

מאַרק פון עראָטישע געשטימטע פיש־ווייבער. איך בין דעמאָקראַ־טיש טאָלעראַנט, קריטיקיר ניט, מאָן ניט, מיינע אויגן זיינען גע־ווענדט צו דער ריכטונג, וואו מענטשן גייען צום סוף אַוועק און קומען פון דאָרטן קיינמאָל ניט צוריק, און איך זע:

ווי דער טאָג, וואָס האָט אַלץ אַזוי שווער און פייכט געמאַכט, בלייכט אין פאַרנאַכטיקן בין־השמשות, גיסט זיך פּאַוואָליע אויף מיטן ברודנעם טוש פון אַנקומענדיקן אָוונט. דער ים, — אַ פּאַר־חלש׳טער אויסגוס שפּרייט זיך און שפּרייט זיך, פאַלט ערגעץ אין האַלבן קרייז צו צו אַ געקאַלירטן זוים, אין וועלכן ס׳שטעקט די זון אין העלפט, ווי אַ געשייערטע קופּערנע מטבעה אין האַנט פון אַ קמצן איבערן שפּאַלט פון אַ צדקה־פּושקע: ס׳האָט קיין חשק ניט זיך אַראָפּצולאָזן. איך זיפץ מיט באַטייט: — ס׳ווילט די זון ניט פאַרגיין, ווי ס׳וויל דאָס קינד שלאָפן ניט גיין.

דער ברעטערגאַנג איז באַשאָטן מיט אַהער־און־אַהין גייענדיקע פיגורן: ס׳איז נאָכן אָוונט־מאָלצייט, מ׳איז זאַט און שווער, — און מענטשן גייען און גייען, גיין, זאָגט מען, איז גוט פאַר דער פאַרדייאונג.

ערטערווייס איז דער ברייטער אויסצי פון ברעטערגאַנג באַ־פלעקט מיט לאַטעס מענטשהייט, וואָס שטערן אַזוי אומקינסטלעריש די נאַטירלאַכע סימעטריע פון דער צופעליקער צעשאָטנקייט. ס׳איז מער ווי זיכער, אַז אָט אין די לאַטעס מענטשהייט געפינען זיך אַזוינע, וואָס האָבן ליב דורכצולופטערן זייערע מיינונגען וועגן די וויכטיקע פאַסירונגען פון טאָג: דאָס רוב אַזוינע, וואָס האָבן ליב צו באַריידן וועלט און פּירונג. דאָרטן געפינט זיך זיכער איינער אַ יאַבעדניק, וואָס האָט אַ ברענענדיקן פאַרלאַנג צו אַרגומענטירן איבער אַלץ אין וואָס אין קאָרט שטייט. ס׳געפינט זיך איינער אַ מנובל, וואָס איז סתם אין דער וועלט אַריין דאַגעגן וואָס מ׳זאָל ניט ריידן. אַזוינער עסט זיך איין מיט זעלטענער הנאה אין די ביינער, האָט אַ שאַרפע צונג, געזונטן קול און שרייט אַלעמען אַריבער. ס׳געפינט זיך דאָרטן איינער, וואָס איז ביטער געשטימט קעגן די ראַדיקאַלן, ס׳געפינט זיך אויך אַ וויצלער, איינער וואָס לצ׳עוועט כסדר, און אויך אַזוינע, וואָס הערן זיך תמ׳עוואַטע איין און קוקן מיט פּינטל־דיקע אויגן, גיבן אַמאָל גערעכט דעם, אַמאָל יענעם.

אַזאַג פון אַ געמיטלאַכן פאַרבייגייער צו אַ צווייטן:

— די פּאַסקודנע קאָמונאַציעס, מ׳באַדאַרף זיי אויסראָטן!

— דהיי אָט טו בי שהאָט!

אַ מיידל מיט אַ קאָפּע־ברוינעם פּנים אין סלעקס און צעלאָפּ־טשעטע ווייסע „ווידזש״־שיך צו אַ צווייטער:

— סאָ שי סעז... זי וויל מיט אים ניט אויסגיין? דו יו בעליוו איט?

— איך גלויב קיינמאָל ניט וואָס זי זאָגט. שהי איז אַ שאָו אָף.

אַ הויכער, געזונטער יונג צו אַ מיידל דורך אין פּוידערוויאָלעט:

— די קאָמוניסטן, — גאָדעמעט!...

— לעט דהעם גאָ טו סאָוועט־ראָשע!...

צוויי גיך גייענדיקע מיידלאַך:

— סאָ אַי טאָלד...

— דיד הי...

דריי יונגע מיידלאַך פאַרגייען זיך אין געזאַנג:

אַ דזשאַני, אַ דזשאַני
האַו יו קען לאַוו...

צוויי פּאָליציאַנטן שטייען נעבן פּאַרענטש, קוקן מיט ליידיקע אויגן אויפן געזעמל, זעען הענט פּאַכנדיקע, הויך ריידנדיקע אויפ־געגעטע מענטשן, זיינען ניט באַשלאָסן ווי צו האַנדלען ביז איינער זאָגט אַפּאַטיש צום צווייטן:

— דהי לאַוזי קאָמוניסטס אַר געטינג נאָיזי...

און ביידע דערנענטערן זיך מיט אַנטשלאָסענע פּנים׳ער צו די פאַרזאַמלטע.

אַ באַקאַנטער באַגריסט זיך:

— נו, ווי גייטס?

— אָט אַזוי?

— וואָס הערט זיך?

— צרות, — מ׳שלאָגט אידן.

— אַן אַלטע מעשה.

איך שפּאַציר און קוק. אָוונט רוקט זיך אָן. ס׳ווערן די קאָנטורן און פּנים׳ער געקלעקט אין טאָפּלגרוי. דער הימל אין דער ווייט פּאָלט צו צום וואַסער, ווערט פאַרפאַלן אין ברודיקן טוש. ס׳צינדן זיך אָן די לאָמפּן: — אָוונט אויפן ברעטערגאַנג.

איך גיי און גיי, האָב אַ געפיל פון גיין אין אַ הוזשנדיקן וואַלד,

אָבער עפּעס פעלט די פריינטלאַכע און שמעקעדיקע וואַרימקייט, וואָס הויזט אין וואַלד. ס׳פעלט די אָנגענעמע גליטשיגקייט אונטער די פיס, און איך פיל ווי ס׳טרעטן די פיס שווער אויף ברעטער און פון וואַסער קומט דער ריח פון רויע פיש און קלעפּיקע געזאַלצנקייט, — און וואוהין צי איך?

בכלל זעען מענטשן ביים ים ניט אויס שיין: די לופט איז רוי, די פנים׳ער זיינען קלעפּיק און גלאַנציק. דערהויפּט זעט זיך עס אויף די פרויען: פאַרב און פודרע נעמען זיך גוט ניט צו אין פייכטן וועטער. די זון געברוינטע, באַפּודערטע פנים׳ער זעען אויס ווי אין שופן, דער קאַרמין אויף די ליפּן פאַלט אַריין אין בלויקייט. די פאַרשלומפּערטע אָפּגעלאָזנקייט פון די מענער ברענגט אַרויף אויפן זינען אַ וועלט רעגירט פון באַקוועמלער און וועגעטעריאַנער, — די איינציקע אין לעבן וואָס יאָגן זיך אידעאָלאָגיש נאָך געזונט און פיזישע באַקוועמלאַכקייט אויפן חשבון פון אַלע פינף חושים.

3.

אָוונט מעדיטאַציעס

אויף יענער זייט ים בושעוועט אַ מלחמה אָנגעפירט פון אַ משוגע׳נעם הונט. די „קעפּלאַך" אין די צייטונגען ווערן גרעסער און גרעסער, פאַרכאַפּן אויג און אָטעם. אָן אימה גרייפט אָן אַלע אָרנטלאַכע בירגער פון דער פרייער, דעמאָקראַטישער אַמעריקע.

און וואָס וועט זיין דער סוף?

ווען רוסלאַנד וואַרפט זיך אַריין אויף דער זייט פון די דעמאָקראַטיעס, ווען אַמעריקע קומט צו הילף, ווען די אַליאירטע געפינען אויס אַזאַ לייכטן מעטאַל, וואָס ווערט ניט דורכגעדרונגען פון דער שווערסטער און אימפּעטיקסטער קויל, און פון דעם מעטאַל מאַכן זיי עראָפּלאַנען, אָדער, ווען זיי קאָנען אויסגעפינען אַזאַ מין אויפרייסשטאָף, הונדערט מאָל שטאַרקער ווי די ביז אַהעריקע אָדער...

אַ שטימע פון דער זייט:

— וואָס דענקסטו, מאַקס, וועט אַמעריקע אַריין אין דער מלחמה?

— שור! וואַט דו יו טהינק?...

עטלאַכע ווערטער פון אַ מיידל:

— אין דראָג סטאָר... האָט ער געזאָגט...

אַ געזונטער געלעכטער פון אַ צופרידענעם, אַ זאָג פון אַן אַנדערן: — פינף און דרייסיק. — עניטהינג...

ס'ציט זיך פאַרביי אַ פאַרטראַכטער מאַן מיט אַ בוך אונטערן אָרעם.

דאָס אומעטיקע, ריטמישע קלינגען פון אַ שטודמגלאָק, און אין דער ווייט דער הוידנדיקער, פאַרביקער שטראָם פון אַ ליכט־טורם: — איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבן, — און פונקט ביי זיבן פאַלט דער שטראָם אויפן זעלביגן אָרט: אויפן ווינקל פון אָט יענעם דאַך...

איך שפּאַציר אויפן ברעטערגאַנג אַן אויסגעליידיקטער: פריי פון יענע מחשבות, פאַר וועלכע די אבות פון די פרקים האָבן אַזוי מורא געהאַט און אונז דאַרום פאַטערלאַך געוואָרנט אויסצומיידן.

אָבער פּסיכאָלאָגיש טשיקאַווע: — וואָס מער מ'וויל אָט די מחשבות מיט גוואַלט אין ערגעץ פאַרשטופּן, אַלץ מער קריכן זיי אַרויס און פּלאָנערן זיך כסדר אין די ליידיקע אַלייען פון'ם קאָפּ, טוען אָפּ מעשים: ציען אַראָפּ די אויבערשטע קליידער פון אַלע שיינע אַנקומענדיקע פרויען, לאָזן נאָר די זיידענע לינזשערי, זאָקן און שיך מיט די הויכע אָפּצאָסן: — פּאָרנאָגראַפיע אין דער רויסטער פאָרם, און...

אָט יענע פרוי, וואָס שטייט אַזוי נאָנשאַלאַנט ביים פאַרענטש — נישקשה... יע, אַ גאַנץ אנגענעמע...

זיכער איז זי אַ שיינע פרוי צולהכעיס דער רויער און וואולגאַ־רער אומגעבונג. באַזיצט אַ געגונגדיקע דאַזע באַלזאַק־ווייבלאַכקייט. פיגור — צימלאַך, די פיס, דערהויפּט כלי־זיין פון פרוי — ניט שלעכט. האָט געשמאַק: דאָס קלייד ניט צו קורץ און ניט איבעריק זומערדיק. געקווייטלטער זייד מיט אנגענעמע, איינגעהאַלטענע פאַרבן, אַלע פון דער פורפור פאַמיליע, מיט וואָר־ניט־וואו אַן אַנצוהערעניש אויף עמעראַלד גרין און קאַנאַר געלב. די אנקלען אין שטייף אַנגעצויגענעם ניילאָן, די שיך ניט צופיל אָפּן, מיט דרייצאָליקע פראַנצויזישע אָפּצאָסן, און דערהויפּט וואָס זיי זיינען ניט ווייס. — ווייסע שיך מאַכן די פיס אומגעלומפּערט און צע־פלאַטשעט, דערמאָנען שטענדיק אַן ריח פון באַדצימער.

אָבער?...

אַלע געוואָגטע אַקטן פון די מאַנסביל, אַזוי הויך גערימט אין אַלע ראָמאַנטישע עפּאָכן זיינען אין מיין זכרון אויפגעשטאַנען תחית־המתים׳ און די העלדן אַליין זיינען אַרויסגעקראָכן פון די פאַר־געלבטע בלעטער פון דיומאַס, ד׳וויניעס, פּאָול ד׳קאָק און קסאַוויע ד׳מאָנטעפּאָס ראָמאַנען, זיך געשטעלט פאַר מיינע ליידיקע אויגן אין העלדישע פּאָזעס, און איך האָב זיך אַליין דערזען אין אַ זייער אָרימען, צאַנקנדיקן בית־מדרש־ליכט: קיין הינטערגרונט, קיין פאָר־גרונט, אַ פלעק אויפן ברעטערגאַנג, אַ נומער צווישן טויזנטע נומערן, — און וואָדום זאָל גראָד מיין נומער געווינען?

ס׳איז מיר אַרויף אויפן זינען די קלוגע רייד פון אַ קאָלעגע, — רייד, וואָס פלעגן אין פולער מזרח־ווייזהייט אַרויסטריפן פון זיינע ליפּן, נאָכדעם ווי ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער אַן אומ־שולדיק פרויען האַרץ. ס׳האָט ניט געהאָלפן, וואָס איך האָב אָפּט רעוואָלטירט און ניט געקאָנט באַגרייפן פאַרוואָס אַ האָן מאַכט ניט קיין ווענן מיט זיין זיג איבער דער הון? און איצט ווי דעמאָלט האָבן די באַלערנדיקע רייד פון קאָלעגע אין מיינע אויערן געקלונגען ווי גלעקער צו אַ קליינשטעטלדיקע שרפה, און ס׳האָט געהייסן: מאַן, זעסט אַ שיינע פרוי — נעם זי! געוואָגטקייט ביים מאַן איז דריי און אַ האַלב חלקים דערפאָלג! — אָבער אָך, ליבער גאָט, איך האָב זיך תּמיד געפונען אין דעם לעצטן האַלבן חלק! — דאַכט זיך אַ קלוגע, פּראַקטישע עצה, אָבער די דאָזיקע קלוגע עצה איז שוין איינמאָל געווען די סיבה פון אַ „בלוי־אויג״, וואָס איך האָב ג׳רופא׳ט אַ חודש צייט. געשען איז׳ס פּשוט: אונטערן איינפלוס פון אַזאַ דערמוטיקונג בין איך געוואָרן געוואָגט ווי אַ געפּאַנצערטער שיף, — רעזולטאַט: דער איבערבייט פון פאַרב אַרום די אויגן.

דאָך, — אַזויפיל מענער וואָגן און ס׳געלינגט זיי, טאָ פאַרוואָס זאָל מיר כאָטש איינמאָל ניט געלינגען?

איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט, — פון דעם מין, וואָס דער גוטער קאָלעגע האָט אין אונז דערוועקט, — און צוגעקומען צו דער צימלאַך שיינער פרוי, זיך טיף פאַרבויגט, ווי איינער פון די אַמאָליקע פיר מושקאַטערן, אַרויסגענומען דעם זייגער און גלייך אין ווייכער, אַרייב׳גנב׳ענדיקער שטים אָנגעהויבן:

— שיינע אומבאַקאַנטע, אפשר ווילט איר וויסן וויפיל ס׳איז איצט דער זייגער? — פּונקט ניין! דער אָנהויב פון דער גרויסער

שעה, ווען דער ראַדיאָ קאָמענטאַטאָר גאַבריעל היטטער האָמערט ענערגיש אַוועק אין טאָמאַשעווסקי־סטאַקאַטאָ זיינע צייטונגס־קעפּ און וויקלט אונז, געטרייַע בירגער, אין טויטשרעק. ס׳איז אויך פּונקט די צייט, ווען אַזאַ שיינע פרוי זאָל ערנסט אַ טראַכט טאָן וועגן האָבן אַן אייזקאַלטן טרונק און אַ לוסט־רייזע אין סטיפּל־טשייס־פּאַרק. ס׳איז פּונקט די צייט, אַז מאַן און פרוי, וואָס זייַנען ווי מיר ביידע געבאָרן געוואָרן אונטערן צייכן פון סאַטורן, זאָלן זיך באַהעפטן אין אַלגעמיינער סימפּאַטיע, און גיט מיר אייער אָרעם און לאָמיר אַוועקשפּאַצירן צו סטיפּלטשייס־פּאַרק, און דאָרטן אין די לאָנען...

כאָטש מיין דערפאַרונג מיט פרויען איז ניט אַזאַ, מיט וועלכער מ׳קאָן זיך איבערנעמען, פונדעסטוועגן האָב איך זיך גערעכט, אַז גיכער פון אַלץ וועט זי מיר אָננעמען פאַר אַ משוגע׳נעם. אויב מיין „געוואגט״ פלאַפלען איז ווייט פון איר אינטעליגענץ־ספערע, דערביי וואָרשיינלאַך וועט זי אָנשטעלן אַ פּנים פון וואַרוואונדערטער אומשולד, — און האָב דערוואַרט די שרעקלאַכסטע פאָלגן. אָבער וואונדער איבער וואונדער, ס׳האָט גראָד געטראָפן וואָס זי האָט אַ זייער פיינעם שמייכל געטאָן, און איר האַנט האָט זיך אויסגעשטרעקט און זיך פאַרדרייט אין מיין אָרעם און מיר האָבן אַוועקגעמאַרשירט צו סטיפּלטשייס־פּאַרק.

און נאָך אַזויפיל אויפהאַלטן זיך אויף דער ערד, און נאָך אַזויפיל דורכפאַלן האָט צום סוף מיין מאַנסבילשע געוואַגטקייט טריאומפירט און רעזולטאַט: אַ גליקלאַכע רייזע אין די „טונעלן פון ליבע״.

אַרויסקומענדיג פון די סודות׳דיקע טונעלן האָט זי אויסגעזען אַביסל צעפּאַטלט, אָבער געוועזן גליקלאַך, און איך פון מיין זייט האָב שפּע׳דיק פאַרברויכט מיין גאַנצן רעזערוו פון קלוגע רייד און באַמערקונגען, און ווי ס׳ווייזט אויס זייַנען זיי דאָס מאָל ניט געפאַלן אויף געליענע אויערן, ווייל פאַרן צעשיידן זיך האָט זי מיט צופרידענער מינע מיך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ס׳איז איר ניט פרעמד דער געדאַנק מאָרגן אָוונט מיך ווידער צו באַגעגענען... און מאָרגן אָוונט, — שטאָף פאַר דער אָנגעוואָרימטער פאַנטאַזיע.

.4

אַנטוישונג אין בלוי

אין אָוונט, איידער איך האָב זי באַגעגנט, האָב איך געטראַכט וועגן איידעלע געפילן, אויך וועגן דעם, וואָס אונזער גאַנג אין דער וועלט ווערט פון צייט־צו־צייט געשטערט פון אַזעלכע קליייניגקייטן ווי מלחמה, קאַמף פאַרן טעגלאַכן ברויט, קאַמף פאַר פרייהייט און טויט, — און ווען ניט אַט די דערעסלאַכע קליייניגקייטן!...

דער ים אַנטקעגן, פאַרוויגט פון אייגענעם ריטם און ליריזם, האָט זיך מיט אַריסטאָקראַטישער גלייכגילטיגקייט אָפּגעוויקלט אין איידל געוועלטן סאַטין, געגרייט די קאַלטע וויטש־הייזל ברעגן פון צפון הימל, זיך ווארם געגורעט אַרום דער שונדיש־פאַרביקער רייכ־קייט פון מערב זייט, זיך באַפלאַמט אין פאַרצערנדיקע צונגען רויט־קייט. אַ דאמפער האָט זיך אין דער ווייט געררוקט, און דער רויך געצויגן אויף הינטער האָט דערמאָנט אַ לויפנדיקע פרוי מיט די האָר פאַנאַנדערגעלאָזן. אַ פּאָר זעגלען האָבן זיך פאַרגליווערט געמאָלט אין דער מילכיקער בלויקייט, און די זון איז אַלץ נעענטער צוגעקומען צום הימלנויג.

ס׳איז מיר אַביסל אויסגעקומען טשיקאַווע, וואָס איך שטיי אַזוי אָנגעלענט אָן פייכטן פאַרענטש, קוק און קוק אין דער פאַר־שלייערטער ווייטקייט, — און וואָס ליגט הינטערן שלייער?

זי האָט געזאָגט: „מאָרגן אָוונט״ מיט אַ מינע, וואָס האָט עפּעס צוגעזאָגט. — און וואָס קאָן איך שוין דערוואַרטן מער פון דעם, וואָס איך האָב זיך פאַרגעשטעלט?

אַנקעגן מיר איז אָנגעקומען אַ צופרידן שמייכלענדיקע פיגור, — אַ פיגור אין בלוי, וואָס האָט אין איין דערזעלביקער צייט געקאָנט זיין אַ יונגער בחור׳ל, אַ מיידל... ווער איז׳ס וואָס קומט אָן גלייך אויף מיר?... אַ, אַ, אַ... אַ באַקאַנט פנים... אָבער?...

און די פיגור, וואָס האָט זיך געשטרעקט צו מיר איז געווען געקליידעט אין בלויע פלודערן, בלויע בלוזע, אַ בלויע לענטע, ווי אַ זיגער־קראַנץ, אויפן קאָפּ, בלויע סאַנדאַלן, — און דאָס איז זי!..

און כאָטש מיין פנים האָט זיך אויפגעלייגט אין אַ שמייכל פונדעסטוועגן איז מיר געוואָרן קאַלעמוטנע אויפן האַרצן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי איז עפּעס איינגעשרומפן געוואָרן, ווי זי

וואָלט זיך אַ טאָג און נאַכט געוויקט אין זאַלצוואַסער. נעכטן האָט זי אויסגעזען שלאַנק און איצט גאָר האָב איך אין מיינע אויגן אויסגעזען הויך און שלאַנק, און איין גאָט ווייסט, אַז איך בין ווייט פון צו זיין אַט דיביידע זאַכן!... וואָס האָט פּאַסירט?...

איר גאַנצע דערשיינונג האָט אויף זיך געטראָגן די מינע: פון קוק מיך אָן. זי, די נאַאיווע, האָט זיכער געמיינט מיך צו פאַרטש־מעליען מיט איר זומער־דרויסנדיקן עלעגאַנץ און שיק, אָבער איין גאָט ווייסט דעם אמת, אַז זי האָט מיר גאָר אַריינגעוואָרפן אין אַן אומפריינטלאַכן צוגווינט.

און אַלע חסרונות פון אַ פּרויען קערפּער, ווען ניט פאַרדעקט פון טוך, זיינען איצט געווען אויפפאַלנד בולט; דער אויבערשטער טייל צו לאַנג, די היפּטן ווינקלמעסיק, אַ סימן פון אַנקומענדיקע מיטליאָרן, פון די סאַנדאַלן האָבן די פינגער דורך די פענצטערלאַך אומעטיק אַרויסגעקוקט און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען ווי אין אַ ברוגז־טאַנץ. אַ צערייצטע הינעראויג האָט זיך געכעס׳ט, און מיין גאָט, — די שאַראַוואָרן!

און פּונקט ווי נעכטן אָוונט האָט מיין האַרץ געוויטאָגט פון שטאַרק אַנגרייפנדיקער גלוסט, מיין קאָפּ געררישט פון געהעכערטן בלוטדרוק, אַזוי איז איצט מיין האַרץ געווען רואיק ווי דער געוויסן פון אַ מאַהאַטמאַ, מיין קאָפּ ניכטער ווי דער קאָפּ פון אַ עפּיסקאָ־פּעלישן גלח, איך האָב געקוקט אויף איר, געקוקט אויפן ים, און —

מיר זיינען געגאַנגען און געגאַנגען. זי איז אויף מיין אָרעם געהאַנגען ווי די מחשבות־זרות פון אַ צדיק, אָבער מיין האַרץ איז ניט געווען דערביי: מיין תשוקה איז אַנטלאָפן אויף הינטער ווי אַמאָל דער ים, ווען ער האָט דערזען די אידן.

און אַט זיצן מיר ביים ים, און ווי נעכטן האָט דער שטורמגלאָק געציילט אַזוי ערנסט און פול יראה די קלונגען: — נאַכט אויפן ים. פאַרזיכטיק אַלע ים־פאָרער. פאָרט ניט אַריין אין דער אָפּ־טויטנדיקער רויער מעלאַנכאָליע פון דער וואַסער־וועלט. דער שטראָם פון ליכט־טורם האָט זיך ריטמיש און גראַציעז געוויגט, צוגעקומען צום אָפּציילן פון זיבן אויפן זעלביקן אָרט, פאַרכאַפּט אין פאַרביקן ליכט דעם ווינקל דאַך, און איך האָב געקוקט אין דער שוואַרצער ליידיגקייט איבערן וואַסער, און בין געווען אָנגעפילט מיטן פאַרוויגנדיקן פּלעסקען פון די כוואַליעס, און מיר האָט זיך געטראַכט

וועגן דער מעגלאַכקייט פון איבערגעבן די ים שטימונג אין הערהאָישן העקזאַמעטער: — ים איז פאַרבונדן מיטן מיסטיציזם פון העלדנ־טאַטן. ס׳איז מיר אויך איינגעפאַלן, אַז ווען דער דיכטער ב. וואָלט געשריבן זיינע לידער מיט אַן אויג אויף דער אומשטערבלאַכקייט וואָלטן זיי ניט אַרויס אזוי האָצקעדיק, און ס׳וואָלט זיכער פון זיי זיך געטראָגן דער ריח פון אייביגקייט און געזאָלצנקייט.

און זי איז אַרום מיר געהאנגען ווי אַ דערעסלאַכער געדאַנק, געווען פול מיט אַנגרייפנדיקער זינלאַכקייט.

דאָס וואַסער איז צוגעקומען, געוואָרן העכער און זיך באַוועגט ווי איין שטיק פאַרקילט׳ס דער שטורמגלאָק האָט געקלונגען, און טיף, טיף אין שוואַרצן טוש האָבן ווי גליוועריִם געפינקלט די פייער־לאַך פון אַ ווייטן ברעג.

און זי האָט עפּעס כסדר גערעדט וועגן לעבן, נאַכט און געפילן, און ס׳איז פאַר מיר געווען — — — — — — — — — — — — — —
— —
— —

. . . און ווי נאָר דער גרויסער קייסער האָט דערזען דעם שוואַכקניאיקן אידן האָט ער אויסגעשאָסן אין שיכור׳ן געלעכטער און אויסגערופן:

— נעמט אים צו פון מיינע אויגן, ער איז קיין איד ניט!...

זומער. פאַרנאַכט, אָוונט

1.

דערקלערונג

שוין פון יאָרן, אַז איך בין באַזעסן מיט אַ מאָנענדיקן באַגער צו שרייבן די אָדיסייע פון דער נייער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. מיין אַמביציע צו ווערן דער רעגיסטראַט פון אַ פאַר־גייענדיקן פערטל יאָרהונדערט, געווינט גרונט מיט יעדן טאָג. ס׳ווילט זיך מיר, ווי ווייט מעגלאַך, פאַראייביקן אַ פעריאָדע רייך און פול מיט וועלט־ענדערנדיקע באַגעבנהייטן. אָבער די הויפט קונסט ליגט אין דעם ווי אום ניט אַריינצופאַלן אין דעם דערעסלאַכן שאַבלאָן.

אום צו זיין אַ געוויסנהאַפטער, פעדאַנטישער כראָניקער פעלט מיר די, אין ערגעץ ניט פירנדיקע, טרוקענע ערנסטקייט און פינקט־לאַכקייט, ווי אויך די פראָפעסאָרישע מיושב׳דיגקייט און פייאיגקייט אַלץ איינצעוויקלען אין אַ האַמעטנער, אָבער שטאַטעטשנער, ווינטערדעק. אַ תקופה פאַרדינט נאָר דעמאָלט אויפגעהאַלטן צו זיין פריש און לעבעדיק פאַר די נאָכקומענדיקע דורות, אויב אין איר האָט ווען פולסירט דער גייסט פון פאָזיטיווער שעפערישקייט, און אויב דער שטורמישער דראַנג צום סאָציאַלן וואוילזיין איז געווען געגנוג העפטיק אונטערגעשטראָכן פון די מיטשאַפער, און אויב די קאָנטעמפלאַטיווע באַטורן פון די קינסטלער זיינען געווען אין טראָט מיט די פראָגרעסיווע לעבנס־אידייען פון צייט און אָרט. איך געפין אָבער, אַז די צייט, אין וועלכער איך בין געווען אַריינגעוועבט, האָט פאַרהעלטניסמעסיק אין זיך אַנטהאַלטן די אַלע עלעמענטן, און איז דאַרום ווערט, דורך וועלכן ס׳איז שטייגער אויפבאַוואַרט צו ווערן ווי אַ היסטאָריאָ־קינסטלערישער עפּאָס: — אַזוי פיל יוגנט, אַזוי פיל שטרעבן, אַזוי פיל אויפאָפפערונג, איבערגעבנקייט. אַזוי פיל אידעאַליזם, און אַזאַ גרויסע גאַלעריע פון שטענדיק קעמפנדיקע קינסטלער, טיפן, פאָרטרעטן און פיגורן.

ס׳זיינען פאַראַן דריי אופנים ווי צו פאָלשטענדיקן אַזאַ אַרבעט:

דער שטריינג היסטאָרישער, דער אויטאָביאָגראַפישער און דער אָביעקטיוו קינסטלערישער: די דערציילונגס פאָרם.

דער היסטאָרישער: — טרוקענע פאַקטן. געלע שאַרכעוואַטע, טויטשמעקנדיקע האַרבסט־בלעטער. אויפגעכאַפּט נאָר דאָס אַרויס־שטאַרצנדיקע און דאָס שיינבאַרע: — אַ דברי־הימים.

דער אויטאָביאָגראַפישער: אַן אופן ווי דער קינסטלערישער אמת זאָל קאָנען פאַרנאַכלעסיקט ווערן מחמת דעם, וואָס דער שרייבער זאָל ניט קאָנען זיין פּייאיק זיך אויפהויבן איבער זיך: אַמאָל צוליב איינגעשמועסטקייט, אַמאָל צוליב אייגנהאַרציגקייט און איינזייטיגקייט.

דער פּאַסיקסטער איז דער אָביעקטיוו קינסלערישער: די דער־ציילונגס פאָרם, — און איך האָב׳ס דאַרום אויסגעקליבן.

אָבער פאַרן שרייבער שטייט דעמאָלט פאַר אַ שווערע פּראָבע: זיך קאָנען דערהויבן איבער אַלע פּערזענלאַכע קריוודעס, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, — ווייל ס׳איז נאַטירלאַך, אַז אין פאַרלויף פון אַ לעבן זאָל יעדער זיך האָבן דערוואָרבן גוטע פריינט, ווי אויך זאָל האָבן זיך אָנגעלעבט שונאים. און אויב דער וואָס נעמט זיך אונטער צו אָפּשפּיגלען אַן עפּאָכע זאָל לאָזן פריי זיינע אימפּולסן, וועט זיך צום סוף באַקומען אַן איינזייטיקע, ליגנערישע דערציילעריי. דאַרום מוז דער, וואָס נעמט אויף זיך אַזאַ אַרבעט, באַזיצן אַ קינסטלערישע אָביעקטיווקייט, ווי אויך שטריינג עטישע באַציאונג צו זיינע צייטקאָלעגן: קיינער טאָר ניט אויסגעלאָזט ווערן, קיינער טאָר ניט געקריוודעט ווערן. אַלע מוזן באַהאַנדלט ווערן מיט ריין ספּאָרטמענישקייט. יעדער מוז האָבן זיין אָרט.

און איצט די פראַגע:

ערשטע פּערזאָן־פאָרם אָדער דריטע?

די ערשטע פּערזאָן־פאָרם איז לייכטער, ווייכער, לירישער, גיט מער געלעגנהייט צו גלאַנצן מיט וויזהייט און נאַנשאַלאַנס, אָבער ס׳איז אין איר לייכט אַריינצופאַלן אין אויסגעטראָטענעם נוסח און עגאָצענטרישקייט פון איין זייט, און אין דער שאָדנדיקער באַ־שיידנקייט פון דער אַנדער זייט. די דריטע פּערזאָן־פאָרם איז אַ פּיל שווערערע: פאָדערט מער פּרעציזע און קאָרעקטע באַהאַנדלונג. מער מענלאַכקייט, מער אָביעקטיוון זען און באַנעמען, — און איך האָב אויסגעקליבן די מער שווערערע, וואו איך וועל גלייך מיט

אַלעמען קאָנען לאַווירן און פיגורירן, ווי אַן אָביעקט אויסגעזעצט צו זייטיקער באַטראַכטונג און אַנאַליז.

דער נאָכקומענדיקער עפּיזאָד איז דער ערשטער פאַרזוך. איך נעם אים אַרויס פון מיטען אום צו זיין געלעגנטלאַך: דער טויט פון אברהם משה דילאָן, איינער פון אונז, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געפונען אין ליטעראַרישן מאַלשטראָם, האָט גורם געווען צו אָנהויבן די פּראָבע דאָרט וואו ער האָט באַזונדערס פיגורירט.

2.

זומער. — גאַנג צו דאָס אומבאַוואוסטע

דאָ גאָר ניט לאַנג —

האָט איינמאָל אין אַ זומערדיקן, לופטיקן שבת פאַרנאַכט חאַימאָוויטש אָנגעטאָן אַ פריש אויסגעפּרעסטן פּערל־גרוי אָנצוג אויף אַ פאַסטעל בלויען הינטערגרונט, זיך מיט קריטישן קוק באַטראַכט אין שפּיגל, געפונען, אַז דער געקווייטלטער רויט און בלוי פולאַר שניפּס איז ניט ווי געהעריק אויסגעבונדן: דער קנופּ איז ניט גוט אַריינגעפּאַסט אין פאַרקערטער „ווי" פאָרם פון קאָלנער: ער האָט מיט אַ גרימאַסנדיקן פּנים איבערגעפלאָכטן דעם שניפּס און דערנאָך זיך גענומען אַ מאָס אין אַלגעמיין, און ס'האָט זיך אים געדוכט, אַז דער שאַרפער קנייטש פון די הויזן איז עפּעס ניט אין ריכטיקן אָרט: — זיין אויג האָט ניט געקאָנט פאַרטראָגן די מינדסטע אומרעגלמעסיקייט, וואָס איז געווען שייך זיין אָנטאָן זיך. ער איז וועגן דעם געווען זייער הבל'דיק.

און דאָך האָט ער זיך באַזונדערס אויסגעפּוצט צו גיין אין צענטראַל פּאַרק צו די מוזיק.

און דערנאָך: —

גייענדיק פון דער הויכבאַן מיט דער זעקס און זיבעציקסטער גאַס, איז ער אָנגעפילט געוואָרן מיט אַן אומבאַשטימטן פילן. ס'איז ביי אים רייף געוואָרן דאָס געוואַרזיין, אַז פאַר אים שטייט עפּעס פאַר: דאָרטן אין פּאַרק דערוואַרט אים עפּעס.

ער האָט כסדר געקוקט פאַר זיך: געזען דעם געדיכט בלויען פּאַרק, דעם אָוונט הימל איבער אים. געזען די אַרויסוואַקסנדיקע געביידעס, געטראַכט, אַז די הימל־ליניע פון ניו יאָרק האַלט זיך אין איין ענדערן און דערווייל זיך דערמאָנט אַן י. ראָלניק, ווייל

חוץ אים איז ראָלניק געווען דער איינציקער צווישן די יונגע פּאָעטן, וואָס האָט זיך אינטערעסירט מיטן אַרכיטעקטורעלן פּראָגרעס פון שטאָט.

ראָלניק איז אין דעם פּרט ווי באַשטאַנען פון צוויי העלפטן: איין העלפט האָט אין גאַנצן געלעבט מיט די דערמאָנונגען פון דער ווייס־רוסישער שטעטל „מיר", וואָס אויף דעם האָבן עדות געזאָגט זיינע עכט לירישע לידער, איבערגעגעבן מיט אַזאַ זעטנדיקער איינפאַכקייט, ווי אויך זיין שטענדיקע בייִנקעניש. די אַנדערע העלפט איז אין גאַנצן געווען פאַראינטערעסירט מיט געאָמעטרישן וואוקס פון ניו יאָרק, אָבער נאָר טאָפּאָגראַפיש, — די פּאָליטיק פון שטאָט איז אים ווינציק וואָס אָנגעגאַנגען. ער איז געווען און געבליבן אַפּאָליטיש.

און דערפאַר איז געווען נאַטירלאַך, אַז ווען חאַימאָוויטש פלעגט, ווי זיין שטייגער, קוקן פאַר זיך אויף די געשלאָסענע רייען פון גאַס, אָדער אויף די זיך צייכנדיקע שפּיצן אויפן הימלגרונט, אַז ער זאָל זיך דערמאָנען אָן ראָלניק'ן. און שטענדיק פלעגט ער אים זען פאַר זיך, ווי ער גייט מיט קליינע אָבער גיכע טריט, אַביסל אָנגערוקט אויף פראָנט מיט אַ נאָכשלעפּנדיקן שטעקן (אַ ירושה פון דער מיר). און מיט אַ מינע פון איינעם, וואָס געטרויט ניט דאָס אַרומיקע, דאַריבער שאָדט ניט פון מאָל־צו־מאָל פאַרדעכטיקט זיך אַרומקוקן. און ס'איז אויך אַלע מאָל אויסגעקומען, ווי ער וואָלט אין ערגעץ געגאַנגען צוליב אַ צוועק. פון געמיטלאַכן שפּאַציר איז אין זיין גאַנג קיין סימן ניט געווען.

אַזוי גייענדיק, איז פאַר חאַימאָוויטש'ן קלאָר געוואָרן דער צוועק פון זיין גיין צו די מוזיק. ער האָט'ס די גאַנצען צייט געהאַלטן אַביסל אָפּגערוקט. ניט געוואָלט, ווי גלאַט־אַ־נאַשער, גלייך אויפן אָרט די הנאה: זאָל זיין. ס'וועט קומען. אַזוי האָט ער אַמאָל אויך ניט געוואָלט, אַז די שיף, אויף וועלכער ער איז געפאָרן, זאָל ווען צושווימען צו אַ ברעג. ס'איז אים די גאַנצע צייט אַנגענעם געווען צו פילן, אַז אים דערוואַרט עפּעס, — ווייל אברהם משה דילאָן האָט מיט אים אָפּגעמאַכט זיך צו טרעפן ביי די מוזיק, וואו ער וועט אים באַקענען מיט אַ „וואונדערבאַר" שיין מיידל, דערצו נאָך אַ "גרויסע" פּיאַניסטן.

ער האָט אָבער גוט געקענט אברהם־משה'ן און געוואוסט וויפיל

ממשות׳דיקס ס׳איז דאָ אין דער פֿאַרשטייענדיקער באַגעגעניש, פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך בלינד געלאָזט פֿאַרציען: ווייל דאָס אומבאַשטימטע האָט אים שטענדיק געצויגן. דאָס וואָס קאָן מעגלאַך פֿאַרקומען, דאָס וואָס קאָן מעגלאַך פּאַסירן, האָט פֿאַר אים געהאַט אַ באַזונדער רייץ, און דאַרום איז פֿאַר אים דאָס געלעגן פֿון פֿאַרנט: מיטן היינט הויבט זיך אַלץ אָן.

— אָבער, אום צו זיין פֿונדעסטוועגן אַביסל זיכער, האָט ער אברהם משה׳ן איידל געפֿרעגט:

— ביסט זיכער, אברהמ׳קע, אַז אַזאַ פּיאַניסטקע איז דאָ אויף דער ווייסער וועלט?

אברהם משה איז פֿון דער פֿראַגע געכאַפּט געוואָרן אין דער רגע, ווען ער איז פּונקט געווען אין מיטען צווישן יאָ און ניין: אין דערוויילע האָט ער זיך געקאַנט פֿאַנאַנדערלאַכן און די קאַץ זאָל אַרויס פֿון זאַק און האָט אויך געקאָנט זיך האַלטן ביי דאָס זייניקע. און דאָס לעצטע איז געשען: ער האָט אים אָנגעקוקט מיט אַן אָנגעג׳גדר׳טן פּנים און צום סוף מיט פֿולער ברוסט ווי אַ לאָקאָמאָטיוו אַרויסגעדאַמפּט:

— אַן אמת׳ע פּיאַניסטקע, שפּילט שאַפֿען וואונדערבאַר. געהערט וועגן אייך. וויל זיך באַקענען.

ער האָט זיך גע׳חידוש׳ט:

— געהערט וועגן מיר?

— געלייענט, געלייענט אייערע זאַכן.

און דאָ האָט אים דער העסלאַכער ספק אין גאַנצן אַריינגענומען אין זיינע נעגל: „געלייענט זיינע זאַכן" און וויל זיך מיט אים באַקענען? און ער האָט אַנדערש געוואוסט: ערשטנס, האָט ער ניט קיין איבעריקן צוטרוי אין יענע „באַקאַנטשאַפֿטן", וואָס שפּרינגען אַרויס אויף אַזאַ אופֿן. ווי ווייט זיין דערפֿאַרונג, אין אַזוינע פֿאַלן, האָט אים קלוג געמאַכט. איז׳ס דאָס רוב געווען אַן אַנטוישונג פֿון ביידע זייטן. צווייטנס: „געלייענט זיינע זאַכן". — און האָט אויך געוואוסט, אַז מיידלאַך „גרויסע" פּיאַניסטקעס אַלס אַ כּלל לייענען ווינציג־וואָס אידישע צייטונגען. אָבער וואָס קומט דערפֿון אַרויס, אַז ער איז תּמיד אַ קנעכט פֿון דאָס אומבאַשטימטע? און איז געגאַנגען צו די מוזיק מיט אַ האַרץ פֿון דערוואַרטונג.

דער פֿרישער זומער פֿאַרנאַכט, מיטן פֿאַרזיכטיק געמאָלענעם

הינטערגרונט, האָבן אים אָנגעשטימט צו זיין פילאָזאָפיש אין אַ מינאָר שליסל, און אים אַלץ דערנענטערט צו אַ וואוילער פּאַסיווקייט און אָפּשפּיגלונגס צושטאַנד. — — — —

— — — — איידל געשפּרייטער בורשטין אין איבערגאַנג צום לוי־טער געפּיינערטן אַמאַטיסט ביים פאַרשלאָפענעם הימל ברעג, און הויכע שטאָלצע געביידן אין פרידלאַכער אומבאַוועגלאַכקייט פאַרטאָן רוען פלאַך צוגעקלעפּט אויפן זיסלאַך געפאַרבטן הינטערגרונט. — — — —

— — — — די אויגן קוקן און קוקן, און דאָס געוואָרזיין פון דעם אַז אַלץ שלומערט, און ס׳באַקומט זיך: פילסט און פילסט ניט. זעסט און זעסט ניט — און דאָך: ערגעץ וואו ווערט אַלץ אויפגענומען, אָפּגעגליקט, ערגעץ וואו ווערט אַלץ פאַרצייכנט אויף אַ טאָפל. — — —

— — — — דאָס ליכט אַ געמישטס: ס׳צינדן זיך אָן די גאַטלאַמפּן. גלימערן ווייס. אָוונט פאַלט צו. ס׳וועבט זיך פינטלדיק די לופט. דער גאַנצער מערב איז אין רויכיקן פורפור געוויקלט. — — — —

— — — — און ס׳איז אים, ווי ער וואָלט זיך געפונען אין לאַנד פון טאָאָ.

און פון דעם זיין באַהויפּטונג:

יעדער ריר, יעדע שטימונג, יעדער אויפברויז, יעדער דערהוי־בענער אימפּולס, יעדע דערדריקטקייט ווערן באַשטימט פון דרויסן, פון פאַרב פון הימל, פון בלאָז פון ווינטל, פון דער פאַרב קאָמבי־נאַציע פון צימער.

צווישן די יונגע שרייבער, האָבן זיך געפונען אַזוינע, וואָס האָבן מבטל געווען אַלערליי נאַטור־און־אָרט שילדערונגען. זיי האָבן גע׳טענה׳ט אַז ס׳איז איבעריק, שטערן דעם פלוס פון דערציילונג, און ער איז שטענדיק מיט זיי ווענן דעם געווען אין קריג. און דעמאָלט האָבן זיך, אין דער יונגער אידישער ליטעראַטור, גענומען וויזן דערציילונגען, שילדערונגען פון פאַרגרעבטע, עפּעס מגושמ׳־דיקע אידן, נאַכלעסיק און רוי מאָדעלירט. אַלע אַזוי גראָבע יונגען, עקסטרים פּרימיטיווע נאַטורן, אַרויסגעבראַכט מיט פאַרכלינענדיקער הנאה. אין אַלגעמיין אַזוי פאַרשוינען, מיט וועלכע זייערע אַרויס־ברייגער זיינען קיינמאָל ניט געקומען אין נאָענטער באַרירונג, און וואָלטן זיי מיט זיי יע אַמאָל געקומען פּנים־אל־פּנים, וואָלטן זיי זיכער מיט זיי ניט געוואָלט האָבן צו טאָן. — און דעמאָלט האָט שוין י. אָפּאַטאָשו געדרוקט זיין קורצע דערציילונג „מאָריס

און זיין זון פּיליפּ״ און זיין לענגערע נאָוועלע „ראָמאַן פון אַ פערד גנב״.

ער האָט זיך תמיד מיט די קאָלעגן וועגן אָט דער ריכטונג געאַמפּערט. ער האָט געהאַלטן, אַז דער נאַטוראַליזם, אַפילו מיט פייאיגקייט און קאָנטשאַפט פאַרטראַטן, איז בלויז אַ מאַניפעס־טאַציע פון רויער נאַקעטקייט און אומדערפינדלאַכקייט, געשטיצט פון אַ ווילן צו זיין ברוטאַל פיינבעריעריש. די דאָזיקע ריכטונג איז אפשר אַ פּראָטעסט קעגן דעם דייטשן סענטימענטאַליזם און הוגאָ־אישן עקזאַלטירטן ראָמאַנטיזם, דערביי ניט פאַרטראַכנדיק זיך אויפן פאַקט, אַז די עקסטרימע דערוויטערונג פון דער פריערדיקער, שטעלט איר אַריין אין דערזעלביקער אומבאַקוועמער לאַגע. ער איז געווען מיט דער מיינונג, אַז יעדער עמפינדלאַך אויפנעמענדיקער גייסט איז שטענדיק אונטער דער ווירקונג פון דער פּאָעטיש אַטמאָספער־רישער זייט פון דער נאַטור. ווערק, געגרויבט פון ליריזם, זיינען מעדיציניש טרוקן, און דער וואָס קען זיך ניט באַהעפטן מיט דאָס אַרומיקע, איז אַ באַזונדער, טרוקענער אָביעקט אָן דעם געהעריקן שייכות און באַציאונג. דער דעקאָראַטיווער הינטערגרונט פון דער נאַטור איז די קאָנווע, וואו ס׳ווערט געהאַפטן דאָס גרויסע שפּיל פון עמאָציעס. ס׳איז דער קליי וואָס קלעפּט צוזאַמען מענטש און לעבן: דער פּאַנטעאיזם פילאָזאָפיש באַנומען פון שפּינאָזאַ׳ן, פּאָעטיש, עמאָציאָנעל דורכגעפילט פון געטהען און אַלע גרויסע ליריקער.

און דאָס אַלץ האָט זיך אים געפּלאָנטערט אין קאָפּ, ווען ער איז געגאַנגען אין פּאַרק. ס׳איז אים אַרויף אויפן זינען אַפּאַטאָשו, און ס׳איז אים געווען קלאָר, אַז אַפּאַטאָשו איז אַ קומענדיקער דערפאָלג אין דער יונגער אידישער ליטעראַטור, און ס׳האָט אים פּאָר עפּעס באַנג געטאָן. ניט דערפאַר וואָס ער האָט ניט פאַרגונען אַפּאַטאָש׳ן, ווי נאָר דערפאַר, וואָס ער אַליין האָט זיך, אָן רחמנות צו זיך, באַטראַכט פאַר אַ דורכפאַל. — און וואָס שרייבט ער און שרייבט? קיינער קוקט זיך אויף דעם ניט אום.

דאָס רוב האָט ער געצווייפלט אין זיך. ער איז אין דעם פּרט געווען היפּערסענסיטיוו: זיינע זאַכן האָט ער אַ לאַנגע צייט, נאָכ־דעם ווי זיי זיינען געווען געדרוקט, ניט געלייענט, מורא האָבנדיק, אַז זיי וועלן אים ניט געפעלן ווערן. און האָט אייניקע מאָל גע־

טראַכט: אויב ער אַליין צווייפלט אין זיך, פאַרוואָס זאָלן אַנדערע ניט?

פאַרטאָן אַזוי אין דעם אומבאַשטימטן פּלאָנטער, איז ער צוגע־קומען צום פּלאַץ פון די מוזיק. — אַ גרויסער פיל פאַרביקער עולם איז געווען פאַרזאַמלט.

ער האָט מיט די אויגן אַרום די ברעגן געזוכט אברהם משה׳ן, אנגעטראָפן די אויגן פון באַקאַנטע. — און וואו איז ער דער סאָן־אָור־גאָן?

אברהם משה דילאָן איז געווען אַ פאַרביקע, ווילדע דערשיינונג: — אַ קאַקטוס. זיינע אַרויסזאָגאַכצן און רייד זיינען געלאָפן אין סינקאָפּן. שטענדיק אַרויסגעלאָזן די פּרעפיקסן. אָנגעהויבן פון מיטען און זיך געקאָנט דערוואַרימען ביזן העכסטן גראַד היץ און אויפ־געדעגטקייט. ער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען נאָר מיט ענערגיע געלאָפן: אַלע מאָל איז פאַר אים עפּעס געווען אָנגעגרייט. צוויי הויפּט תאוות, חוץ פּאָעזיע, האָבן בעהערשט זיין לעבן: מוזיק און די קונסט צו זיין איינגעווייעט אין די ליטעראַרישע, ווי אויך פּערזענלאַכע אינטערעסן פון די וועמען ער האָט אַמשטאַרקסטן געליבט. און טאָמער האָט ער איינעם ניט אַזוי האָלט געהאַט, האָט ער אים פיינט געהאַט. קיין איידעלע שאַטירונג איז ניט געווען אין זיין פאַרהעלטעניס צו מענטשן: אָדער ליב, אָדער פיינט: — פיינט מיט שוים אויף די ליפּן. ער האָט ווינציק געלייענט און ווייניקער זיך אינטערעסירט מיט וועלט אינטערעסן. זיינע מיינונגען זיינען געווען מערסטנס פון די, וועמען ער האָט באַזונדערס ליב געהאַט. ס׳איז אָפט ניט געווען שווער צו טרעפן, נאָך זיינער אַן עמפּאַטישער באַהויפּטונג, וועמען ער האָט נאָר וואָס געזען. מוזיק איז, אויסער דער הנאה, וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן, פאַר אים אויך געווען אַן ענין זיך צו טומלען. דערצו איז ער נאָך געווען אַ פאַר־ברענטער חסיד פון איזאַדאָראַ דאָנקאַן. ער האָט איינגעלייגט וועלטן. און חאַימאָוויטש פלעגט זיך וועגן איר שטענדיק מיט אים אַרומקריגן.

חאַימאָוויטש האָט ווי ס׳איז אַנטוויקלט אַ שנאה צו דעם מין טאַנצן. ער האָט ניט געקאָנט פיזיש פאַרטראָגן די פּרעטענציע, וואָס איז געהאַנגען אַרום איר פעטלאַכער פיגור. ער האָט איר טאַנצן דערפירט צום גראַטעסק לעכערלאַכן, כדי צו רייצן אברהם משה׳ן, וועלכער פלעגט קעמפן מיט אַלע כוחות. ער פלעגט שטענדיק מיט אַ ניגון ציען:

— לאָזט, חאַימאָוויטש'ן, איר פאַרשטייט נישט קיין טאַנצן. —
און דאָ איז ער מיטאַמאָל גלאַט אין דער וועלט אַריין אויפגעקאָכט געוועןן און אין סטאַקאַטאַ געקייקלט: — געמאַכט אַ רושם אין אייראָפּע!... וואָס אַמעריקע פאַרשטייט קונסט?!... אַ לאַנד פון פיליסטער... אַנאַטאָל פראַנס, סאָלאָגוב, שאַלאַפּין — אַלע משוגע פאַר איר. אַלע סטודענטן געשלעפּט איר וואָגן, אויסגעשפּאַנט די פערד...

און ער אַליין איז געווען משוגע פאַר איר. און צום סוף געשריבן אַ ליד "איזידאָראַ דאַנקאַן".

ביי די פרייע קאָנצערטן אין צענטראַל פּאַרק, האָט זיך אַלעמאָל געפונען אַ צאָל יונגע פּאָעטן און דערציילער. קיין וואונדער: יוגנט, ראָמאַנס, מוזיק, זומער, פאַר'כישופ'טע אַטמאָספערע. דער איינציקער פון דער גרופּע וואָס איז זעלטן געקומען, איז געווען זישע לאַנדוי. ער האָט'ס מיט אַ גרימאַסנדיקן פּנים איבערגעלאָזן צו אברהם משה'ן, — ווייל ער אַליין פאַרשטייט און פילט גאָרניט קיין מוזיק. בכלל האָט זישע לאַנדוי געהאַט אַ טבע צו איבערטרייבן זיין ניט קאָנען, און שיעור געמאַכט פון "ניט קאָנען" אַ טוגנט. ער איז אין אַ געוויסן פּרט געווען אַ אינגל, וואָס שטאָלט זיך אָן צו זיין "האַרט־געקאָכט" און "טאַף", — ניט קיין "סיסי". ער האָט מיט איבערטריבענער מורא זיך אָפּגעוואָרפן פון יעדער זאַך, וואָס האָט געקאָנט חס־וחלילה שמעקן מיט "סענטימענט" און "עמאָציע", און דערום איז אַרויסגעקומען, וואָס ער האָט תמיד געהאַנדלט ניט ווי ער האָט געוואָלט האַנדלען. אַ געפּילפּולער פּאָעט, מיט טאַקט און געשמאַק, האָט ער נאַטירלאַך זייער ליב געהאַט דעם ענין פּאָעזיע, און גע'חלש'ט וועגן דעם רעדן, — און גערעדט האָט ער גאָר וועגן די אינדיווידועלע אייגנשאַפטן פון די פאַרשיידענע קעזן, און וועגן דער קונסט פון צוגרייטן פרעזערוון. ער האָט געהאַט אַ דרינגנדיקע אַמביציע צו גילטן פאַר אַ סיבאַריט, גאַסטראָנאָם און איז ווי אַ קינד געווען גליקלאַך, ווען ער האָט געקאָנט סערווירן די חברים אַ זונטיק ביי זיך אין דער היים מיט פאַרשיידענע, שאַרף שמעקנדיקע איטאַליענישע קעזן, פאַרדעלן, אַלערליי סאָרטן וואורשטלאַך און דערהויפּט קאַפע, וואָס ער האָט מיטן שטאָלץ פון אַלעקסאַנדער דיומאַ אַליין צוגעגרייט.

פון זיינעם אַ רעצעפּט פאַר קאַפע, וואָס ער האָט אַמאָל חאַימאָוויטש'ן געגעבן, איז יענער שיעור פון דער וועלט אומגעקומען.

ראַלניק, וואָס האָט אָפן דערקלערט, אַז ער איז ניט קיין מבין אויף מוזיק, און האָט פאַר דעם קיין זין ניט, פלעגט פונדעסטוועגן זיין אַן אָפטער באַזוכער פון די קאָנצערטן. מיט אים איז געווען גאָר אַן אַנדער מעשה: ער האָט גלאַט ליב געהאַט דעם גאַנצן הו־האַ: עפּעס טומלט זיך, אַזוי פיל, שיינע פרויען, — און ער האָט באַזעסן אַ פייאיגקייט צו זיין מיט זיי אַזוי פאַרטרוילאַך, אַזוי וואַרעם אינטים.

ס׳פלעגט אויך קומען אַפּאַטאָשו. ער פלעגט קומען צו געוואָר ווערן, וואָס ס׳טוט זיך הינטערן פאַרהאַנג פון דער ליטעראַטור. אַרום אים האָט זיך געשפּירט די זיכערקייט פון איינעם, וואָס ווייסט וואָס ער וויל. זיין רעדן איז שטענדיק געווען פּאָזיטיוו. ער איז אויף אַ האָר ניט אָפּגעטראָטן פון אַנגענומענעם ליטעראַטור קורס, גערעדט שאַרף, זיך ניט געהיט פאַר האַמעטנעם אויסדרוק, און אַלע מאָל געגאַנגען, מיט בעל־הבית׳שער חשיבות, גלייך צום פּונקט.

ניט געפעלט האָט י. סלאָנים, וועלכער פלעגט זיך אַרומדרייען מיט אַ פלאַטערנדיקן ווינדזאַר שניפּס און טומלען. ער איז געווען מיט יעדן פאַמיליאַר, פלעגט זיך זידלען, ווי אַ דריט טערמיניקער פעלדפעבל. קיינעם ניט גע„איר״צט, און ווען ער האָט מיט אימעצן גערעדט איז אויסגעקומען, אַז ער רעדט עטוואָס פאַרטרוילאַכס: — נאָר פאַר צוויי פאַר אויערן. דערביי האָט ער דעם אַנטקעגנדיקן געהאַלטן פאַרן לאַץ אויף אַזאַ אופן, אַז יענער האָט זיך די גאַנצע צייט געשראָקן פאַר דער זיכערקייט פון זיין בגד. אין קאָמפּאַניע, האָט ער אַלע מאָל געמאָנעוורירט צו זיין דער איינציקער רעדנער, און גערעדט האָט ער מיט אַזאַ לשון, וואָס וואָלט אַנטאָני קאָמסטאָק׳ן געמאַכט צו בייטן זיין מיינונג וועגן אַ קינד פון ביבלישן פאָלק.

ש. פּאָקס, אַ בלאָנדער, אַ פלעגמאַטישער, איז אויך געווען פון די אָפטע קאָנצערטן באַזוכער. ער האָט שטענדיק געמאַכט דעם איינדרוק פון פאַרשלאָפנקייט, אָבער אין דער אמת׳ן האָט ער באַזעסן איינגעשפּאַרטקייט און דרינגלאַכקייט: אים האָט מען ניט געקאָנט אָפּ׳פטר׳ן מיט אַ וועלכער ס׳איז באַהויפּטונג, אָדער אַרויסזאָגאַכץ. ער האָט געמוזט וויסן פאַרוואָס־און־פאַר־ווען. ער האָט געמוזט אויסדרעשן דעם ענין ביזן סוף. געגאַנגען איז ער שטענדיק אַנגעטאָן אין גאַרניטערס פון די עקסטרימסטע שאַטירונגען, וועלכע האָבן געעסן די אויגן און געוואונען געניג אויפמערקזאַמקייט.

מאַני־לייב איז אויך געווען פון די אָפטע קומערס. אַ הויכער,

אַ דינער מיט אַביסל פאַררונדעטער פּלייצע, מיט מילדע פאַרטראַכטע אויגן, און אַביסל אויפגעצויגענער מויל, אַרום וועלכן ס׳האָט זיך געהאַלטן עטוואָס ווייבלאַכעס און קאָקעטישעס. ער איז געווען אַביסל אַנגערירט פון מאַנעריזם און פּאָזע. געהאַט אַזאַ מינע צו לאָזן בלאַנק דעם פּנים, ווען אַ קאָלעגע האָט צו אים גערעדט. און פלעגט זיך דערנאָך דערלאַנגען אַ כאַפּ: אָ, יאָ, — וואָס ס׳האָט זיך אַלע מאָל באַקומען אַן איינדרוק, אַז ער איז נאָר וואָס אַרויס פון אַ טראַנס.

און די אַלע האָט מען געקאָנט באַגעגענען אַרום די מוזיק, און חאַימאָוויטש האָט שוין אייניקע אַנגעטראָפן, אָבער אברהם משה האָט זיך נאָך ניט געוויזן, און ער האָט געגומען ווערן אין כעס. ער האָט אַרומגעצירקלט דעם צוואַנציק טויזנטדיקן עולם, געהאַט דעם איינ־דרוק פון דרייען זיך אַרום אַן אינזל, פאַרגליכן דעם געזעמל צו אַ הורבע קוילן: געדיכט אין מיטן, שיטער ביי די זייטן. ס׳איז אים איינגעפאַלן, אַז ביי די ברעגן פון יעדער האָפן־שטאָט, וואָוינט שטענדיק אַן אומבאַשטימטער עלעמענט. און מען מוז זיך רעכענען מיט די וואָס פאַלן אָפּ פון הורבע.

אויף דער עסטראַדע זיינען שוין געווען פאַרזאַמלט די מוזיקאַנטן און געוואָרט אויפן דיריגענט קאָלטהאָרן.

די סימפאָנישע קאָנצערטן אין צענטראַל פּאַרק האָבן געגומען באַקאַנט ווערן, און זיינען תמיד גוט באַזוכט געוואָרן. די פּראָגראַמען זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן פון אַזוינע שטיקער ווי „מיניאָן״, „ריימאָנד״, „איינלאַדונג צום טאַנץ״, „אָבעראָן״, ״דער פליענדיקער האָלענדער״, „בלויער דונאַי״, „קינסטלער לעבן״, „ווינער בלוט״, ״ראָזן פון דרום״, „מאַרש סלאַוו״, „1812״, „לעאָנאָר״, „עגמאָנט״. דער דיריגענט איז געווען אַ בלאָנדער דייטש מיט גענוג טעמפּעראַ־מענט, ווייל ווען ס׳פלעגט געשפּילט ווערן אַ שטרויס וואַלץ, אַזוי פלעגט ער אָנגעצונדן ווערן מיט חשק צו זיין דער מוטיקסטער „גאַלאַנט״, פלעגט אַ כאַפּ טאָן אַ פידל און אַליין נעמען מיט גוסט שפּילן, באַוועגנדיק זיין פיגור לויט דעם ריטם און פלוס פון דאָס געשפּילטע.

אברהם משה האָט פיינט געהאַט דעם דיריגענט, און אַז ער האָט פיינט געהאַט, האָט׳ס געמיינט, אַז ער איז „גאָרנישט״. דערפאַר אָבער איז ער געווען פול לויב פאַרן אַנדערן, איינער מיטן נאָמען וואָלפע, און חאַימאָוויטש האָט זיך מיט אים וועגן ענין „דער

קאָנדוקטאָר, יענער קאָנדוקטאָר״, שטענדיק אַרומגעקריגט, ניט דערפאַר, וואָס ע ר האָט געוואוסט דעם אונטערשייד, ווי נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט געגלויבט, אַז אברהם משה ווייסט אויך ניט.

דער אָרקעסטער האָט געשפּילט די אָוועטורע „צו פּריישוץ״ און אברהם משה (מיט דער „וואונדערבאַרער״ שיינער פּיאַניסטקע) האָט זיך נאָך אַלץ ניט געזען: — דער סאָן־אָור־גאָן! ער האָט געגנומען ווערן אומגעדולדיק, און פון מויל האָבן זיך געריסן ניט גאָר, פאַר אברהם משה׳ן, שמייכלענדיקע עפּיטעטן. ער האָט מיט זוכנדיקע אויגן זיך אַרומגעדרייט, אָנגעטראָפן באַקאַנטע מיידלאַך, זיך שטייף געגריסט, — און „ווהאַט אַ העל״, וואו איז ער דער...?

ערשט ביים דריטן נומער האָט ער געכאַפּט אַן אָנבליק פון אברהם משה׳ן, ווי ער האָט זיך, ווי אַ צעפּוזשעטער פיש געשופּט מיט אַזאַ פּאַר׳עסק׳טן, פאַראַנגסטעוועטן פּנים, מיט אַ צעפּודלטן שניפּס און נאָכשלעפּנדיקן שטעקן, — און די פּיאַניסטקע? — — — —

ער האָט אים אַ נעם געטאָן פאַרן האַנט:

— שטיי, אברהם משה!

אברהם משה איז געבליבן ראַפּטאָם שטיין, ווי אַ צעטראָגן פערד, געכאַפּט אין מיטען גלאַף, פון אַ שטאַרקער האַנט. זיין פּנים האָט אָנגענומען אַן אויסדרוק פון פאַרלאָרנקייט.

— וואוהין, אברהם משה?

ער האָט אים אָנגעקוקט און ווי שטענדיק אָנגעהויבן אין סאקאטא פון מיטען:

— נו וואָס, חאַימאָוויטש, בין איך שולדיק. ניט געקומען. געוואַרט, געוואַרט, ניט געקומען... דאָס זיינען פרויען.

דערווייל איז צוגעגאַנגען מאַני לייב, דערנאָך ראַלניק און פאַקס, און זיי זעענדיק, ווי אַברהם משה שטייט עפּעס אַ שולדיקער, האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן, און יעדער האָט געהאַט אַ באַזונדער שמייכל. דעם ערגסטן האָט געהאַט ראַלניק: ער האָט ליב געהאַט, ווי מען פלעגט זאָגן אַמאָל אין דער ״מיר״, אַז זעלווע ברענט.

חאַימאָוויטש האָט זיי דערציילט וועגן וואָס ס׳האַנדלט זיך און צו אברהם משה׳ן האָט ער געדונערט:

— הערסט, אברהם משה, גיב אַהער די פּיאַניסטקע, אַ לעבעדיקע אָדער אַ טויטע!

און אברהם משה האָט מיט דאַמף אין מויל גע׳טענה׳ט:

— צא א מאדנער מענטש, וואו זאל איך איר נעמען. ניט געקר מען. בין איך שולדיק ? . . .

ראלניק האט זיך געשטיקט פון געלעכטער, און חאימאוויטש האט אלץ געמאנט :

— הערסט, אברהם משה, גיב אהער די פיאניסטקע ! איך מערדער דיך !

פאקס האט זיך ארייגעמישט :

— וואס, אברהם משה, ווידער די פיאניסטקע. די זעלביקע פיאניסטקע, מיס לילענקראנץ.

און מאני לייב האט זיך דערלאנגט א כאפ :

— מיר אויך, — און האט זיך געווענדט צו אים, — פע אברהם משה, ניט שיין.

חאימאוויטש האט זיך צו אים געווענדט :

— נו, וואס זאגסטו איצט, אברהם משה ?

ער האט מיטאמאל אויסגעשאסן א געלעכטער, און דערנאך טריאומפירנדיק גערעדט :

— הא, חאימאוויטש, אפגעטאן, אפגענארט. איר האלט זיך, אז אייך קאן מען ניט נארן. איר זייט ווי אלע. א, חאימאוויטש, איר זייט ניט קיין איבערמענטש ! פונקט ווי אלע, ווי ס׳קומט צו א פרוי ! ע, חאימאוויטש, אויף אייך האב איך זיך ניט גערעכט ! . . .

חאימאוויטש האט גוטמוטיק געלאכט :

— זאלסט געהאנגען ווערן, — און זיין קוק איז געפאלן אויף אברהם משה׳ס שטעקן : א ניי גלאנציקער מאהאגאני, און אין אים האט זיך דערוועקט א חשק צו פילן אין האנט די גלאטקייט און וואגיקע זיכערקייט פון שטעקל. מיט א שטעקל איז אפט דאסזעלביקע ווי מיט האלץ האקן : מען ווערט אנגעגריפן מיט א מאנענדיקן פארלאנג, ארויסנעמען די האק פון יענעמס האנט, — אזוי איז געווען. ער האט א נעם געטאן דאס שטעקל און געזאגט : — אברהם משה, דו האסט מיר אפגעטאן א שפיצל. צערייצט מיין נייגעריגקייט. דערפאר בין איך ווערט באלוינט צו ווערן. גיב מיר א מתנה דאס שטעקל, און — שלום . . .

און אהיים איז ער שוין דערנאך געגאנגען מיט א שטעקל.

PASSING SHOW

פּאַטרול:
אימיצער שטייט,
ס'קומט אָן אַ
שפּילנדיקער אָרקעסטער:

שטיל פון אָנהויב,
הויך אין מיטן,
שטיל צום סוף: —
אַזוי אַלץ, אַזוי אַלץ...

.1

אַ. רייזען, איך, — אָוונט אויף דער ריאַלטאָ

אַ פריער האַרבסט פאַרנאַכט, אַ לאַנדשאַפט פון קאָראָ: גרויס־מוטיק, טיף, ריין פון דאָס זיסלאַך באַנאַלע, געלייטערט מיטן אָטעם פון פרומער אומבאַגרייפלעכקייט, רעוורענץ און זעלטענע, לייב־צעטרעלנדיקע האַרמאָניע אַרום און איבער זיך. די זוימען פון גלייכגילטיקן הימל צו מערב געפּיינערטער בורשטין ביים איבערגיין אין איידל בלייכן ראָוז, ערטערווייס מיט אַ לייכטער אָנצוהערעניש אויף געקניפּטער רויטקייט: — דער אַראָפּנידערנדיקער האַרבסט־פאַרנאַכט איבער דער ניו יאָרקער ריאַלטאָ.

צוויי פּאַמעלאַך ציענדיקע דורכגייער, צופעליק אַריינגעפאַלן אין ים פון שטראָמענדיקער מענטשהייט: — אַברהם רייזען און איך.

איבער דער ריאַלטאָ רוקט זיך אומבאַמערקט אָן דער אַריס־טאָקראַטישער האַרבסט אָוונט: ווירדיק און געמיטלאַך, — אַן אויסגעשפּרייט פון טאַפּל גרוי טראָגט אין זיך אַן אָפּהילך פון פאַרגאַנגענע טעג, ווייטער קלאַנג פון קירכן־גלעקער, איינטאָניקער געמורמל פון תהילים צווישן די אומעטיק שאָטנדיקע ווענט פון בית־המדרש שבת פאַרנאַכט.

אומצייליקע פייערלאַך שפּרינגען פלינק אויף, פינטלען כסדר. — דער צויבערפאַל פון „ווייסן וועג” פאַרשפּרייט זיך איבער די קעפּ.

האָפערדיק צאַפּלדיקע, רייכפאַרביקע איידלשטיינער, געשיקט געהעפטע אַראַבעסקן אויף דער סאַמעטגלאַטקייט פון טונקל ווערב־דיקן הימל, בלענדענדיקס ליכט: — ד ר י ם ל ע נ ד.

אין הינטערגרונט צו מערב רוען אין געדיכטן בלויז געמיטלאַך ווי קעמלען די פּאַליסאַדן אונטער דעם אַ ברודנעם פּורפּור טוש, און אַרום הויערט דער גייסט פון יענע האַרבסט־נעכט, ווען דער אינזל מאַנהעטן, אַ לאַנגער צעגאַסענער טינטפלעק, איז געלעגן אין שטילער פאַרלאָזנקייט און ניט גע׳חלומ׳ט פון יענע נעכט ווען ליכט און לוסטיגקייט וועלן אים איינטונקען מיטן אָנקום פון אָוונט.

אַרום הוזשעט ווי אין אַ וואַלד, ווען ס׳פאַרט אויף אים אָן דער אָנלויף פון ווינט: ניו־יאָרקער פאַרנאַכט אויף דער ריאַלטאָ.

און מענטשן און מענטשן, ווי דאָס אָנקום פון כוואַליעס. כסדר געקומען, כסדר ניט געוואָרן: דער גאַנג פון לעבן. קיין טויט, — אייביקע פּראָצעסיע.

רייזען פאַרטאָן ווי זיין שטייגער אינזיך איז צעשטרייט, און ווען אַביסל אויפגעטשוכעט איז גרייט אַרויסצוזאָגן וואָס ס׳קומט אים אין קאָפּ. ווערט לפנים נתפעל פון יעדער קלייניגקייט. יעדע געוויינלאַכקייט באַקומט זיך ביי אים אָן אומגעוויינלאַכקייט, יעדע אַלגעמיינע באַמערקונג אַ גרויסע חכמה, — און וועט שוין זיין אַ חידוש, וואָס איך בין אין יענעם באַטאַנטן אָוונט געווען דער גרעסטער חכם אין דער וועלט ? !

— אַריין אין אַ קינאָ זען אַ בילד ?

פינטלענדיקע פייערלאַך שטעלן צונויף אַ נאָמען איבערן אַריינגאַנג פון אַ טעאַטער: „ס ק ר ע ט ש מ אַ י ב ע ק".

— אַ נאַריש נאָמען.

— קינאָ בילדער, — וואָס נאַרישער אַלץ בעסער.

און בראָדוויי ?

אַ יום־טוב, אַ קאַרניוואַל. צוויי שנעל געצויגענע פאַסן באַפינטלט מיט פאַרביקער באַוועגונג.

פון רייזענ׳ס מויל אומצופרידן:

— און וואָס, הערט איר, איז דער גאַנצער טומל, אַז אַט, אַט און גאַרניט... איר׳ט מיך ניט איינשמועסן אַז אַט אַזוי און גאַרנישט. ס׳מוז דאָך פאָרט עפּעס זיין. וואָס גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. אָפּגעלעבט און גאָרנישט, — אויס!... ס׳קאָן דאָך ניט זיין, ס׳האָט קיין זין ניט. ס׳מוז דאָך פאָרט עפּעס זיין...

און מיר, כאָטש זייט אין זייט, זיינען דאָך אין גרונט צוויי באַזונדערע שפּאַצירער. אין דער רגע פאַרנעמט זיין איינגעבאָרענע אינטואיציע אַ וואונק אויף מעגלאַכער אומשטערבלאַכקייט. ער קאָן זיך בשום־אופן ניט פאַרשטעלן, אַז איינער פול לעבן און טעטיגקייט זאָל אַפזיין אַ געוויסע צייט אויף אונזער פּלאַנעט און ניט איבערלאָזן נאָך זיך אַ געוויסן אָפּדרוק אויפן פילם פון צייט און „פּרעסטאָ מאַגיקאָ": פאַרשוואונדן ווי אַ מטבעה אין האַנט פון שוואַרצקינסטלער. ער האָט אַן אַנונג, אַז יעדער איינער שטראַלט פון זיך אַרויס אַן אַאוראַ, וואָס ווערט צום סוף פאַרמירט אין אַ סאָלידער געשטאַלט.

און אין דער אמת'ן:

איז פאַרן גרויסן וועלטגעדאַנק ניט פאַראַנען אַזאַ זאַך ווי טויט. ער באַמערקט'ס ניט ווי מיר באַמערקן ניט דעם טויט פון מוראַזשקעס, דעם טויט פון גראָז. פאַר אונזער אויג איז אייביק דאָ גראָז, אָבער אין דער אמת'ן שטאַרבן זיי אויס ווי מיר, און איין גרינער טעפּיך פאַרבייט אַ צווייטן. דער גרויסער וועלטזין, וואָס הויערט איבער אונז זעט פון אויבן אַ כסדר אַנגייענדיקע פּראָצעסיע: פאַר אים זיינען דאָ אייביק מענטשן, ווי פאַר אונז איז דאָ אייביק גראָז.

אַריסטאָטעליש, — אָבער:

— צייט וועט קומען, ווען איך און איר, רייזען, וועלן דאָ מער ניט זיין, סיידן אויף די שלעכטע פאָטאָגראַפיעס אין ברודערס לעקסיקאָן.

— איר'ט מיך ניט איינשמועסן, ס'איז דאָך פאַרט עפּעס דאָ... וואָס גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין... און וואו טוט זיך היין די ענערגיע, דער קלאַנג פון קול, די בילדער פון האַרץ און מאַרך?...

און וואָס נאָך מער: — צייטנווייס בין איך אַליין געניגט צו דער שוואַך אָנגעצייכנטער אַנונג, אַז מיר וועלן נאָך ווען ס'איז ווידער דערשיינען אין דערזעלביקער פאָרם, דיזעלביקע אומשטענדן און סביבה, — ניטשע:

ווייל צייט און שטח זיינען אומבאַגרענעצט, פאָרמען, געדאַנקען — באַגרענעצט. דאַרום, ווען ס'טוט זיך אויסלאָזן די צאָל פאָרמען און געדאַנקען, דעמאָלט וועט זיך די ציילונג אָנהויבן פונסניי: די גרויסע איבער'חזר'ונג, און אין דער בייער ציילונג וועלן מיר זיך

ווידער געפינען. און דארום איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז מיר זאָלן ווען ס׳איז ווידער אַזוי שפּאַצירן אין אַ האַרבסט פאַרנאַכט אויף בראָדוויי...

אָבער ער איז ניט צופרידן.

— וואָס רעדט איר, וואָס איז די פּעולה? מיר וועלן דאָך ניט געדענקען אונזער איצטיקן זיין. דער המשך וועט דאָך זיין איבערגעריסן...

שווערער געפיל און דריקנדיקער אומעט.

ווער ווייסט? ס׳קאָן דאָך אויך זיין, אַז אונזער זיין אויף דער ערד איז זייער יונג, נאָר וואָס אָנגעהויבן. ס׳איז קיין צייט ניט געווען, אַז מיר זאָלן זיך קאָנען קאָפּירן אין דער גרויסער איבער־חזר׳ונג. ס׳קאָן זיין, אַז ווען ס׳וועט קומען דערצו וועלן מיר געדענקען אונזער פריערדיקן זיין. אָבער דאָס נאָך אַלעמען איז קינדערשפּיל קעגן דאָס וואָס שטייט אונז פאָר. אַלע פּראָבלעמען וועגן מענטשלאַכן מאַטעריעלן וואוילזיין וועלן סוף־כל־סוף געלייזט ווערן. מעגלאָך דורך שווערד און פייער, מעגלאָך דורך גוטער פאַרשטענדיקונג. אָבער דאָס פּראָבלעם ווי צו פאַרצערן די אייגענע צייט אויף אַ הייטערן אופן, דאָס פּראָבלעם ווי אַזוי צו באַפרייען זיך פון דער העסלאַכער לאַנגווייל — דאָס, טייערער פריינט...

אַ זיפץ פון אַ רעזיגנירטן געמיט:

— אָבער, ווי אַזוי זאָלן מיר פאַרצערן די אָנקומענדיקע נאַכט, ווי אַזוי זאָלן מיר אַמבעסטן פילן אונזער אייגענעם זיין? ווי אַזוי זאָלן מיר עקזאַטיש שווימען אין שטח און צייט?... צייט? — אַ באַגריף פון אַ ליידיגקייט דורך וועלכער ס׳וואַנדלט דאָס באַוואוסטזיין.

ס׳גיבן רגע׳ס פון אויפגעלויכט, רגע׳ס ווען אַלע ווידערשפּרוכן פאַרשווינדן, אַלץ ווערט עפּעס ניחא. דאָס אינערע אויג קאָן אַלץ קלאָר זען, דער אויער אַלץ הערן, דער שכל אַלץ באַגרייפן, דער פאַרהאַנג הויבט זיך אויף און אַ נייע וועלט אַנטדעקט זיך, — אַ וועלט פון וועלכער ס׳אַטעמט הייטערער זין, אַ זין, וואָס דירעקט שכל׳דיק אַלע אונזערע עמאָציעס און אימפּולסן, פילט אָן אונזער זין מיטן באַגריף פון פיינגלעטנדיקער דויערהאַפטיקייט, — און וואו זיינען מיר שוין ניט געווען, און וואָס האָבן מיר שוין ניט געזען?...

— אין דעם קינאָ־הויז זייט איר געווען?

— ניין.

— און דאָס בילד האָט איר געזען?

— ניין.

— לאָמיר אַריין.

לייכטזיניקער אָוונט האָט געוויקלט דער ריאַלטאָ. דער פּראָמינענטער הימל איז אין ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן: — אַ טונקעלע סומע חלל. די פיר זייטן מזרח, מערב, דרום, צפון האָבן זיך אָפּגעווישט, בלויז געבליבן אויף דער מאַפּע פון געדעכעניש. און פון מיטען בלויז איז אַרויסגעוואַקסן אַ ליכט באַגאַסענער אינזל און געדיכטער נאַכטשוואַרצקייט.

די צייט איז קורץ, די זון פאַרגייט,
די שאָטנס שווינדן פון די ווענט,
דאָס שיפל וואַרט, פון אומגעדולד
דער פירער רייבט די הענט.

י. ראָלניק

2.

זון פאַרגייט. — טאָלסטאָי

די זון איז געהאַנגען איבערן ראַנד פון ים ווי אַ געשייערטע, בלאַנקע מטבעה אין די אומבאַשטענדיקע פינגער פון אַ קמצן איידער זי לאָזט זיך אַראָפּ אין שניט פון צדקה־פּושקע. געהאנגען, געשלאָגן זיך מיט דער דעה: אַראָפּנידערן צי ניט. פון ערגעץ איז געקומען דער רויער אָוונט, וואָס שלאָגט פון וואַסער ביים אָנקום פון אָוונט.

מיר, די אַרום פאַרזאַמלטע, האָבן אין יענעם פאַרנאַכט שאַרף געשפּירט דעם ריח פון צאַנקנדיקע ליכט: — געשמאַלצענע זיסלאַכקייט פון פאַרגיין, און יעדער פאַרזיך האָט מיט פיינלאַכער בענקשאַפט געפילט: — דער סוף פון טומלדיקן טאָג.

די זון האָט זיך אין ערגעץ אַראָפּגעלאָזן.

אין יענעם פאַרנאַכט איז ער צווישן אונז געווען: ער — טאָלסטאָי.

ער, ווי מיר אַלע האָט געקוקט אַהין. אָוונט האָט זיך אויפגעבלעזלט. ליכט און וואַרימקייט פאַרשוואונדן.

זיין אַנוועזנהייט צווישן אונז האָט געטשעפּעט, — די אַנוועזנהייט פון מייסטער.

דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געזוכט אַ גרונטגעדאַנק, דעם זין פון שטאַרבן. טויט, — פון אויבנאויף אַ נאַטירלאַכע דערשיינונג: געלעבט, געשטאָרבן. יעדער זיין פון פריער אַ באַשטימטער, די טעג פון וואכקייט באַגרענעצט. יעדער איינער ווייסט קלאָר זיין סוף. קיין אָפּנאַרעריי, קיינע אילוזיעס, — און דאָך...

ער האָט מיט הארטן, אומבאַגרייפלאַכן בליק געקוקט אַהין, וואו דאָס קנייטשנדיקע וואַסער האָט צוגעדעקט דאָס לעצטע שטיקל פון דער אַראָפּלאָזנדיקער זון.

מיר אַלע, מיט אים צוגלייך, האָבן דערפילט די סכנה פון שטיין ביים פאַרעטערישן ראַנד פון אַ תהום, — און מערקווירדיק ווי יעדער תהום ציט.

טאָלסטאָי — אַ טיטאַן. איינער, אין וועמען ס'איז אין גוטער אָרדנונג צוזאַמענגעפּאַסט דאָס פילן און דענקען פון טויזנטע, — דאָרום זיין צוטרעפן יעדן איינעם. זיין באַהאַוונטקייט אין דער אַנאַטאָמיע פון דער נשמה און אין דער אַלכעמיע פון געפילן האָט געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל זיין אויסשטייענדיק צווישן די מייסטערס פון אַלע דורות. אַ שטרענגער, אַ הארטער אַן וועלכן ס'איז סימן פון פאַרזיסטער סענטימענטאַלקייט האָט צו וועלט און מענטש ניט געפילט די פאַבריצירטע קריסטנליבע, וועלכע ער האָט אָבער מיט גוטן פאַרשטאַנד און טאַקט אַזוי פיין געקירעוועט. ער איז אין תוך געווען פאַגאַן מיט די שטענדיק וואַקסנדיקע שאַטנס פון עפּיקטעטוס און פאַסקאַל איבער זיך. אַ טשיקאַווע לאַגע, פון וועלכער ער האָט זיך אָבער געקאָנט אַרויסדרייען אומבאַשעדיקט, — ער, דער גייסטיקער אַנאַרכיסט.

אָפּט האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז טיף פאַרטאָן אין קאַמף פאַרן אמת, אָבער אין עצם האָט ער אַזוי ניט ליב געהאַט דעם אמת פאַר דעם וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר, ווי ער האָט אים בלויז אויף טשיקאַוועס געוואָלט אָנכאַפּן זען וואָס ס'איז אַזוינס, פון וואָס פאַר אַ שטאָפּן ער איז אויפגעשטעלט. זיין אין גע'עג נאָכן אמת איז פאַר אים ניט געווען קיין באַרוף. ערגעץ איז דאָ אַזאַ זאַך ווי אמת: גליטשיק און אויסווייכנד, איז ניט אַ בריה'שאַפּט אים אָנצוכאַפּן? ער און דאָסטאָיעווסקי, צוויי דיאַמעטראַל קעגנ־

זעצטע סלאָון, ביידע געפלאָגט מיט הערמיטישן מיסטיציזם. ביידע געמאַטערט פון ספק. דער ערשטער אָבער איז קריסטאָלקלאָר. כאָטש איינגעווייעט אין יעדע קאָמפליקאַציע פון פסיכאָפיזיאָלאָגישן מעכאַניזם. דער צווייטער פינצטער, שטרענגט זיך אָן צו פאַרבינדן דעם פסיכאָפיזיאָלאָגישן לויף מיט דאָס מאָרבידע און פערווערז. פאַר טאָלסטאָי'ן זיינען מענטשן און פאַסירונגען דערשיינונגען צווישן וועלכע מ'קאָן ווי אין אַ קאַדריל געמיטלאַך דורכגיין, דאַרום איז שכל'דיק צו זיין איינער פון זיי און מיט זיי. פאַר דאָסטאָיעווסקי'ן זיינען מענטשן און געשעענישן ווערקצייג פון אַ שווערן, כאַאָטישן חלום; — דעליריום, דאַרום מוז מען זיי באַהאַנדלען ווי אין אַ פסיכאָפאַטישן אנשטאַלט.

טאָלסטאָי איז געווען אַ קריגער, האָט קיינעם ניט געשוינט, — און ווער איז דער מאַן פון נצרת?

אין דער טיפעניש פון זיין געמאַך האָט זיך געוואָרצלט אַ ביטערניש קעגן אָט דעם מאַן, און אומגעוואָר פאַרזיך אַליין געזוכט צו בטול מאַכן די קאָנווענציאָנעלע פאָרשטעלונג וועגן אָט דעם מאַן.

דער איקאָנע־קריסטוס, וועלכן ער האָט געקענט: — אַ געפאַרבטע זיסקייט, אַ פאַרהייליקטע אימפאָטענץ. אין דער אמת'ן האָט אָט דער מאַן געמוזט זיין איינער וואַרשיינלאַך מיט דיקע ליפן, לאַנגע נאָז, וואָליק־שוואַרצע האָר און ברוינע, לאַכמאַנע אויגן. ער האָט'ס חושד געווען, אַליין זיך געטאַדלט און געשמיסן דערפאַר און העפטיק געזוכט אַן אַרויסגאַנג פון דער בלינדער אַלייע... מענטש און וועלט זיינען באַהערשט פון אַ מאָראַל־קאָנצעפציע, וואָס פירט צו די מגושמ'דיקסטע סתירות און פאָלגלאַך צו בלוטיקער מיספאַרשטענדעניס. ער איז ניט איבעריק געווען גוט געשטימט קעגן אידן, ניט דערפאַר ווייל זיי זיינען סעמיטן, ווי נאָר דערפאַר וואָס ער האָט זיך געפילט געענגט אין זייער וועלט און מערקווירדיק דאָך עפעס נאָענט. אידן: — אַ באַגריף פון אַ הענגנדיקן געוויסן, אַן אייביק דראָענדיקער און מאָנענדיקער גייסט, אַ גייסט וואָס קאָן אַזוי קרעפטיק שטראָפן און אַזוי מוטערלאַך טרייסטן. און טשיקאַווע: ער איז פול מיט אָ דעם גייסט, פול מיט אָט דער מאָראַל, לעבט זייער לעבן, — דאָס לעבן, וואָס זיי האָבן פאַר אַלעמען אַזוי פיין אָנגעצייכנט און אַליין זיך פון אים דערווייטערט.

ער האָט אויך ניט געקאָנט פאַרטראָגן אַלע שטורמישע, אומ־קאָנטראָלירטע ספּאַזמען, אַלע עפעקטן מיט וועלכע מ׳זוכט צו שרעקן די ניט איינגעווייטע און אַמפּאַנגלאַכע נאַטורן. עקסטרעמער מאָדערניזם אין אַלע פאַזן פון לעבן איז פאַר אים געווען אַן אילוזיע פון אַ שוואַרצקינסטלער: ניחא, ווען ס׳לוינט זיך ס׳זאָל זיין ניחא. אין גרויסן מענטשלאַכן שפּיל איז דאָ גענוג עכטס און שטאַנדהאַפּטיקס און דאָס איז דאָס שפּיל פון לעבן און טויט, און אָט דאָס שפּיל וועט אַזוי אָנגיין ביזן לעצטן טאָג פון אונזער זיין אויף אָט דער פּלאַנעט.

ערגעץ טיף אין קאָמפּליצירטן מעכאַניזם פון גייסטיקן געמאַך האָט געשאַפן אַ נעסט די מורא פאַרן טויט, ווי אויך טרויער און צער, און די ווערן, דאָס רוב שאַרפער און בייסנדיקער ווען אויף דער אויבערפלאַך ווערט אָנגערעגט די פרייד. רירט מען אָן פרייד רירט מען אָן צער און טרויער. און די זיינען מער עמפּינדלאַך, גרייפן אָן שאַרפער און טיפער, זיינען מסוגל צו פאַרוואַנדלען אַלץ אין אַ לייטער אויוון אָדער געהינום, און דאַרום טאַקע ווערן צער און טרויער שאַרפער אָנגעגריפן אין די מער פיינערע נאַטורן, — און דעמאָלט שוואַרצע איינזאַמקייט, מאָראַלע פאַרצווייפלונג, אַן אַרויסגעריסענער געשריי פון דער סאַמע טיפעניש אין מיטן פון דער אימה׳דיקער נאַכט. דעמאָלט דאָס טאָג־בוך פון עמיעל און די שרעקלאַכע מאָראַלע יסורים פון אַ האַלוצינאַציע געפּייניקטן מאָפּאַסאַן, און פּאַסקאַליש:

— קינד, גיב מיר דיין נשמה!

און וואוהין ווענדט מען זיך?

אַנטלויפן?

אַנטלויפן וואוהין?

אַנטלויפן מיינט אַריינפאַלן אין די שטאַר אויסגעשטרעקטע קנאָכן פון העסלאַכן טויט. אָבער דאָס לעבן? אויך דאָס לעבן איז אָנגעפילט מיט גייסטיקער פאַרקריפּלעניש און דעמאָראַליזאַציע, אָנגעפילט מיט וואָלוועלן נאָז־שמאַרצנדיקן פאַרפום און ווייראַך, אַ וואַקכאַנאַליע פון אומציכטיקער אימפּאָטענץ, — אימפּאָטענץ פאַר־וואַנדלט אין אַ עראָטאָמאַנישער מעסע, אַ שטינקנדיקער טשאַרד און געשטאַנק וואָס גרייכט צום הימל.

נודנע געווען איז די פֿאַרשטעלונג: —
אַ נאַריש שפּיל, אָבער ניט ווייניקער
גרייפֿט אָן אומעט אָן,
ווען דער פֿאָרהאַנג פֿאַלט.

3.

טויט פֿון טיטאַן

וואו די זון איז פֿריער געווען איז איצט געשטאַנען אַן אומ־פֿריינטלאַך ברודיקער פּורפּור און דאָס קנייטשנדיקע וואַסער, וואָס דעקט אַזוי גערן צו אַלע שפּיצן פֿון געזונקענע שיפֿן האָט אויך מיט נאַרישער הנאה צוגעדעקט דעם רוקן פֿון דער אין ערגעץ אַראָפּלאָזנדיקער זון.

און מיר אַלע האָבן מיטאַמאָל דערשפּירט דעם צוגעשמאָלעטן ריח פֿון אונטערגאַנג. — און דער טיטאַן?

און ער האָט דאָך מיט באַזונדער פֿיינלאַכער טרייהייט געמאָלן דאָס שטאַרבן, — איז דאָס שטאַרבן טאַקע אַזוי ווי ער האָט געמאָלן?

און אָט ליגט ער אויפֿן געלעגער: — אַן אומבאַוועגלאַכע פֿיגור פֿון אַ פֿריערדיקן זיין, דער אימאַזש פֿון אַ גרויסהאַרציקן גאָט אין פֿלייש און ביין פֿון אַ שטאַרבנדיקן.

ער ליגט: — די אויגן שטאַר גרייכן אַ לאַטע קעלט ווייענדיקן סופֿיט און גרויער שטומער וואַנט.

און וואָס איז עפּעס היינט אַזוי אומגעווייגלאַך? און וואָס איז׳ס פֿאַר אַ ליכט? ווי אין אַ וואַלד.

אין געזרוים פֿעלט לופֿט. ס׳שטיקט, טאַנצנדיקע שאָטנס שווינדן, און די שאָטנס ריידן דאַכט זיך. ריידן אָבער אַזוי שטיל ווי זיי וואָלטן מורא האָבן אימעצן אויפֿוועקן פֿון שלאָף. — ווער זיינען זיי? וואָס טוען זיי דאָ?...

אין ערגעץ טריפֿן טראָפּן וואַסער: טיפּ, טיפּ, טיפּ, טיפּ...
וואו אין ערגעץ איז דאָ אַ וואַסער? ס׳רינען די צאַפּנס, מ׳דאַרף עס פֿאַריכטן...

אַ זשומעריי פֿון טויזנטע פֿליגן. — פֿון וואַנען האָבן זיך עס גענומען אַזויפֿיל פֿליגן? מ׳דאַרף זיי צעטרייבן. און וואָס איז אַלץ עפּעס אַזוי פֿאַרצויגן? שיינט ניט די זון אין דרויסן?

ווען, ווען, שוין אַזוי לאַנג צוריק האָט די זון אַזוי העל געשיינט. ס׳איז געווען טאָג... טאָג... טאָג... און עפּעס אַזאַ אויסגע־צויגנקייט און אַזויפֿיל טויבן האָבן אַרומגעפֿלאַטערט... וואָס איז

דעמאָלט געוועןְ ?... אין ערגעץ טריפט וואַסער: טיפּ, טיפּ, טיפּ, טיפּ...

דערצו נאָך הענגט אַלץ אָפּ דערפון ווי אַזוי ער וועט ליגן, ווי ער וועט האַלטן די פיס, — די פיס אַזױנע שווערע, און עפּעס פרירן די שפּיץ פינגער.

ער שווימט אין חלל אין עפּעס אַזאַ מאָדנע גלאַטקייט. ער אַרבעט כסדר מיט די הענט און פיס, און ס׳איז אים שווער און איבלדיק. ער איז אַזוי מיד, ער וועט זינקען. און צי וואָס דאַרף ער שווימען ?... ס׳פאַלט אים איין, אַז די קינדער פונם דאָרף זיינען גוטע שווימער, טאָ פאַרוואָס קאָן ער ניט שווימען צום ברעג. אימעצער האָט צוגענומען זיינע זאַכן און ער וועט דאַרפן גיין אַ נאַקעטער... אימעצער האָט אַ דונערדיקער שטים געזאָגט, אַז מ׳רויכערט אָפּיום שווימט מען אין טיפן בלויז: — ביזאַנטיש בלוי... אָבער ער שווימט ניט אין בלוי, ער קריכט גאָר אין שמוציקער גרויקייט, און ס׳איז אים אַזוי שווער, און ער איז אַזוי מיד, ער וואָלט וועלן רוען און רוען...

אימעצער האַלט זיין האַנט. ער ווייסט: ס׳איז דער דאָקטאָר. עפּעס אַ טשיקאַווער מאַן דער דאָקטאָר: אַזוי ערנסט און וויכטיק, און ווען ער לאַכט, לאַכט בלויז איין אויג, און די ציין פון אויבן הענגען ווי פאַרפאַראָרענע ליכטלאַך ווינטער פון אַ דאַך... ער כאַפּט אויף מיטן אויג די שפּיץ באָרד, די פאַנאַנדערגעשפּרייטע נאָזלעכער און טשוב קאַשטאַנעווע האָר... ס׳איז דער דאָקטאָר, און ווען ער לאַכט, לאַכט בלויז איין אויג, און די ציין הענגען ווי פאַרפאַראָרענע ליכטלאַך ווינטער פון אַ דאַך... ס׳דאַכט זיך אים, אַז ער שמייכלט, — אָבער וואָס איז דער מער מיטן ליכט ? ס׳ווערט אַלץ טונקעלער און טונקעלער. ס׳מוז פאַרגיין די זון... און וואָס זשומעט׳ס אַזוי כסדר ?...

און ווידער אַזאַ איבלדיקע ליידיגקייט אין וועלכער ער לאָזט זיך אַראָפּ. די שפּיצן פון די פינגער פרירן אַלץ מער און מער...

אין ערגעץ גיסט זיך וואַסער, אין די אויערן זשומעט כסדר, פאַר די אויגן טאַנצן פלעקן און ער זינקט און זינקט, — אָבער איצט איז די צייט זיך אָן וואָס אָנצוכאַפּן.

ער שטרעקט אויס די הענט, ס׳ווילט זיך אים אַרויסלאָזן אַ געשריי, אָבער ער ליגט אומבאַוועגלאַך, און דער געשריי קומט פון האַלז ניט אַרויס.